STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02447

# GESHLEKHT UN KHARAKTER

Otto Weininger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון
VV 712/פ

יאטשקאווסקיס
„פאפולערע וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק"

אטא ווייניגער

# געשלעכט און כאראקטער

פרינציפיעלע אפהאנדלונג

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

פון דייטש
עלים בארנשטיין

מיט דער הקדמה פון דר. א. גליקסמאן

ווארשע — ניו־יארק 1929

Printed in Poland

Otto Weininger

GESCHLECHT UND CHARAKTER

Copyright 1929
by „Iaczkowski Bibliotek"
Warsav.

Płeć i charakter — Otto Weiningera
Popularna Biblioteka Naukowa J. Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8.

Druk B-ci FEDER, Warszawa, Franciszkanska 6.



Dr. Otto Weininger.

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

# אָטאָ ווײַנינגער

(אַ שטודיע)

זײַן זעקסאונצוואַנציק יאָר ווערן יעצט, זינט ס'איז דער־ פּאָפּולאַריסטע שינען די ערשטע אויפלאַגע פון „געשלעכט און כאַראַקטער" אין דײַטשן אָריגינאַל.

אַ בוך פול מיט טיפע געדאַנקען ווי דאָסדאָזיקע, וואָס האָט געפאָדערט בײַ זײַנע לעזער פיל פילאָזאָפישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ידיעות, האָט אייגנטלעך געהאַט ווייניק שאַנסן פּאָפּולער צו ווערן, הגם דער אינהאַלט פונם בוך איז געווען העכסט פּיקאַנט, דירעקט סענסאַציאָנעל פאַרן גרויסן עולם, האָט עס, אין די ערשטע חדשים נאָך זײַן דערשײַנען, נאָר געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון געלערנטע. ווי די ערשטע אויפלאַגעס פון שאָפּענהויערס און ניטשעס ווערק וואָלט אויך די ערשטע אויפלאַגע פון „געשלעכט און כאַראַקטער" זיך געוויס געמוזט אַרומוואַלגערן אַ 25 יאָר אויף די פּאָליצעס פון פאַרלאַג, ביז זי וואָלט געפונען דעם וועג צום לעזער.

„אַ צופאַל", דער טראַגישער טויט פונם יינגעטשקן פּראָ־פעסער, 4 חדשים נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ גיגאַנטיש ווערק, האָט צוגעיאָגט דעם פּראָצעס — גיך צעטראָגן דעם רום פונם בוך אין אַלע וועלטטיילן. עס איז באַלד אַנט־שטאַנען אַ גרויסער טומל אַרום דער פּערזאָן פון פּראָפעסאָר און אַרום זײַן ווערק. דער גרויסער עולם פון אינטעליגענטן און האַלבאינטעליגענטן האָט דורך טויזנטער צײַטונגס־אַרטיקלען, און רעצענזיעס זיך באַלד דערוווּסט פון די שפּאָגלנײַע טעאָריעס וועגן פרויען, ליבע, עראָטיק א. אז. וו. די העכסטע סענסאַציע איז עס אָבער פאַר אַלעמען געווען געוואויר צו ווערן, אַז דער פּראָפעסאָר פון „ג. און כ." דער דענקער און געלערנטער ד"ר פיל. אָטאָ ווײַנינגער, וואָס איז געווען אַזאַ „פרויען־שונא", איז געווען אַ יונגערמאַן פון 22 יאָר.

אַרום ווייניגערס לעבן און טויט האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו וועבן גאַנצע לעגענדעס. דער טראַגיש-פאַרשטאָרבענער צלוי האָט באַלד באַקומען אַ גרויסן עולם חסידים, וועלכע האָבן אים פאַרערט אַלס ג א ו ן און אַלס קדוש, וואָס איז אומגעקומען פאַר זיינע אידעען, און אויך אַ גרויסן עולם מתנגדים און שונאים, וועלכע האָבן אין אים געזען אַ דעגענעראַט און משוגענעם, וואָס האָט מבזה געווען די שענסטע מענטשלעכע געפילן. אויך זעלבסטמאָרדן אַלאַ ווייניגער האָבן נישט געפעלט. פון „געשלעכט און כאַראַקטער" האָבן באַלד אָנגעהויבן צו דערשיינען אויפלאַגעס נאָך אויפלאַגעס. דאָס בוך איז איבערזעצט געוואָרן אין אַלע קולטור-שפּראַכן. אַזאַ דערפאָלג האָט זעלטן אַמאָל אַ וויסנשאַפטלעך בוך געהאַט. גלייך דערנאָך איז אויך דערשינען אַ גאַנצע ריי ביכער און בראָשורן, פּרושים צו „געשלעכט און כאַראַקטער" אַ גאַנצע ווייניגער-ליטעראַטור, דידאָזיקע ליטעראַטור איז באַוונדערס אָנגעוואָקסן אינ'ם לעצטן יאָר צוליב ווייניגערס 25-טן יאָרצייט.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך צו ווייניגערן באַצויגן דער יידישער עולם. הגם ווייניגער איז געווען אַ ייד און האָט אין זיין בוך פיל געשריבן איבער יידן און יידנטום און הגם מען האַלט ליידער אין אונזער ליטעראַטור, וואָס ווערט ס'רוב נאָר געליינעט פון דער ייגנט, אין איין זוכן פיקאַנטע טעמעס, איז פונדעסטוועגן „געשלעכט און כאַראַקטער" — וואָס דאַרף פאַר אונז זיין טאָפּל „קיצלדיק",— ביז יעצט אין יידיש נישט איבערזעצט געוואָרן. מיר פאַרמאָגן אַפילו נישט קיין מאָנאָגראַפיע, אָדער כאָטש אַ בעסערע אָפּהאַנדלונג, וואָס זאָל אונז איבערגעבן עפעס פון ווייניגערס געדאַנקנוועלט.

דאָס דאַרף אונז אָבער נישט חידושן: אונזערע שריפטשטעלער זענען ס'רוב מענטשן פון פאָלק, וואָס זענען גאַנץ ווייט פון ווייניגערשע פּראָבלעמען. ס'האָבן זיך פשוט צווישן אונזערע איבערזעצער נישט געפונען אַזעלכע, וואָס זאָלן לויט זייער וויסן ראוי זיין, און וואָס זאָלן זיך וועלן געבן די ריזיקע מי איבערצוזעצן אַזאַ שווער בוך מיט אַזאַ אייגנאַרטיקער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע אין אונזער נאַיווער שפּראַך. אונזער ליטעראַטור איז בעצם נאָך „פאָלקס-ליטעראַטור", וואָס באַדינט

די „מאַסן“, וועלכע קענען נאָר געניסן פון בעלעטריסטיק. דאָרט וווּ מען וויל ביי אונז זיין וויסנשאַפטלעך, האַלט מען נאָך אין קנעלן אַביסל דאַרוויניזם, אַביסל היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אין אַ פאַרעלטערטער נאַיווער צורה, (קיין זכר פון אַ מאַקס אַדלער!) אַביסל סתם ביליקע אַפּיקורסות א. א. וו. ווי ווייט איז פון דאַנען דער וועג צו אַ ראַפינירט אידעאַליסטיש-פילאָזאָפיש און נאַטורוויסנשאַפטלעך מיסטיש בוך ווי „ג. און כ.“ וואָס שטיצט זיך אויף מעטאַפיזישע געדאַנקען-יסודות פון פּלאַטאָן, פּלאָטין, אויגוסטין, קאַנט א. א. וו.

אַפילו דאָס פּיקאַנט-עראָטישע פונם בוך האָט באַ אונז נאָר געפונען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. אין אונזער ליטעראַטור, וואָס האָט זעלטן לעזערינס „דאַמען“, האַלט מען נאָך, אין בעסטן פאַל, ביים אויסטייטשן פאָרעלן און בעבעלס פאַרעלטערטע „פרוי“.

הגם מען רעדט באַ אונז אָפט וועגן ווייניגערן און ס'זעט אָפט אַזוי אויס, ווי זיינע געדאַנקען וואָלטן שוין געווען פאַרעלטערט... האָב איך מיך פערזענלעך איבערצייגט, אַז אַחוץ עטלעכע אויבערפלעכלעכע געדאַנקען ווייס אַפילו דער געבילדעטער עולם פון אים גאָרנישט. ווייניגער דער פילאָזאָף איז ביי אונז לגמרי נישט באַקאַנט. איבערגעבנדיק אין אַ ריי פאָרלעזונגען עפּעס פון ווייניגערס געדאַנקען האָב איך געזען בחוש, אַז זיי זענען פאַר די אינטעליגענטסטע צוהערער פאָרגעקומען ממש ווי אַנטפּלעקונגען.

אויב אונזער יעצטיקער לעזער-דור איז שוין ראוי פאַר אַזאַ בוך ווי „ג. און כ.“ איז שווער צו זאָגן. דער איבערזעצער און פאַרלעגער זענען, ווי ס'ווייזט אויס, איבערצייגט, אַז „יאָ“, דער מחבר פון דערדאָזיקער הקדמה איז דערין מסופק.

**ווייניגערס לעבן**

דאָס ערשטע, וואָס אַ רוב לעזער גאַרט צו וויסן אין אַ הקדמה צו אַזאַ מערקווירדיק בוך, ווי „ג. און כ.“ איז געוויס פערזענלעכס וועגן זיין פאַרפאַסער. מען פרעגט זיך דערפאַר צוערשט: ווי האָט וו. געלעבט? אין דער ביאָגראַפיע, אינם „לעבן“ גלויבט מען צו געפינען דעם שליסל צו זיין אינטערעסאַנטער פערזענלעכקייט.

נייעט פאַראַן דאָ קיין גרעסערער טעות. וואָס מען רופט

געוויינלעך אָן „לעבן", דאָס איז דאָס אומפערזענלעכסטע און ממילא אומאינטערעסאַנטסטע באַ באַדייטנדע מענטשן. „לעבן" געבוירן, געגעסן, יאָ חתונה געהאַט, נישט חתונה געהאַט, געהאַט אַ געליבטע, קינדער א. ז. וו. דאָס אַלץ קומט פאָר באַ יעדן בשר ודם און מען ברויכט דערצו נישט צו זיין אַ ווייניגער.

ביי קינסטלער איז עס אָפט חשוב צו קענען זייער פריוואַט-לעבן, מחמת זיי וועבן ס'רוב זייער שאַפונגען אויף דער קאַנווע פון זייערע איבערלעבענישן. וויסנשאַפטס-מענער דערקענען צייכענען זיך, גאַנץ להפך פון קינסטלער, דווקא דערמיט אויס, וואָס זיי זענען אָביעקטיוו און קאָנען זייערע גייסטיקע שאַפונגען מאַכן אומאָפהענגיק פון זייערע פערזענלעכע איבערלעבענישן. וואָס גרעסער דער געלערנטער, וואָס וויסנשאַפטלעכער ס'איז זיין ווערק, אַלץ ווייניקער קומט פאַר אונז אין באַטראַכט זיין פערזענלעך לעבן. דער אידעאַלער וויסנשאַפטס-מאַן פאַרשווינדט לגמרי הינטער זיין ווערק.

דאָס אויסערלעכע לעבן פון די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע גאונים איז ס'רוב געווען „אומאינטערעסאַנט", אָפט אַפילו באַנאַל. דאָס לעבן פון אַ ליאַדע פריקאַזטשיק אָדער וואָיאַזשאָר איז געוויס „אינטערעסאַנטער" ווי דאָס לעבן פון אַ שפינאָזאַ, אָדער קאַנט, וואָס האָבן ביידע אָפגעלעבט די פאָר יאָר צווישן ביכער און מאַנוסקריפטן, נישט חתונה געהאַט, נישט געהאַט קיין געליבטעס, נישט געמאַכט קיין רייזעס און שוין אַוודאי און אַוודאי נישט באַזוכט קיין מאַסקנבעלער און דאַנסינגס.

דאָס אויסערלעכע לעבן פון ווייניגערן איז ערשט אַוודאי נישט אינטערעסאַנט. וואָס האָט אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַזאַ געלערנט בוך, נאָך געקענט איבערלעבן, אַחוץ ביכער און קונסטווערק? ווען האָט ער צייט געהאַט עפעס איבערצולעבן? דאָס לעבן פון אָטאָ ווייניגערן קאָן פאַר אונז נאָר באַשטיין אין זיינע ווערק.

ווי מיר זען שפינאָזאַס לעבן נאָר אין זיין „עטיק", קאַנטס לעבן אין זיין „קריטיק" אַזוי איז ווייניגערס לעבן פאַר אונז נאָר אַנטהאַלטן אין „ג. און כ.", נאָר דורכן דאָזיקן בוך קאָן דער לעזער באַקומען אַן איינבליק אין זיין גרויסער פערזענלעכקייט.

צוליבן טראַגישן גורל פון ווייניגערן אָבער, און דער־עיקר צוליב דעם, וואָס וו. איז אין זיין בוך אָפט נישט געווען וויסנשאַפטלעך, ווי ס'פּאַסט זיך, און האָט זיך פאַרלוירן אין משונהדיקע רעליגיעזע און מעטאַפיזישע דרכים, מוזן מיר, ווי באַ קינסטלער, צוהילף נעמען אויך זיין ביאָגראַפיע, זוכן פון זיין לעבן און טויט אַן ענטפער אויף די טעותים פון זיין בוך, און פון די טעותים פון זיין בוך אויף זיין לעבן און טויט.

*

אָטאָ ווייניגער איז געבוירן געוואָרן אין ווין, אינם יאָר 1880 אַלס זון פון יידישע עלטערן. זיין פאָטער לעאָפּאָלד ווייניגער איז געווען אַ קונסט־האַנטווערקער פונם בארימטן ווינער נוסח — מער קינסטלער ווי האַנטווערקער — און, ווי מען גיט איין אַלגעמיין איבער, אַ העכסט געבילדעטער און אינטערעסאַנטער מענטש.

וועגן זיין מוטער האָב איך אין דער ווייניגער־ליטעראַטור, וועלכע איך האָב אַדורכשטודירט, כמעט קיין זכר נישט געפונען. געוועזענע פריינט פון וו. האָבן מיר אָבער מיטגעטיילט, אַז זי איז געווען אַ פשוטע אָבער זייער ליבע און אָנשטענדיקע פרוי. און אַז אָטאָ האָט זיך צו איר — מיט אומרעכט — שלעכט באַצויגן *).

לעאָפּאָלד ווייניגער האָט זיך באַצייטנס דערקענט אויף די פעיקייטן פון זיין זון און אים געגעבן אַ זייער גוטע דער־

---

*) דאָס וואָס די וו.-ביאָגראַפיעס גיבן אָפּ אַזוי ווייניק פּלאַץ פאַר ווייניגערס באַציונגען צו זיין מוטער איז באַדויערלעך. אין ווין, אין דער שטאָט פון פּסיכאָאַנאַליז, ווו די אַלע ביאָגראַפיעס זענען אַנטשטאַנען, האָט מען זיך באַדאַרפט דערפון אָפּגעבן אַ חשבון, אַז ווייניגערס באַציונג צו זיין מוטער זענען מער, ווי אַלע אַנדערע ביאָגראַפישע פּרטים, עלול צו וואַרפן ליכט אויף זיין פּייַנטלעכער באַציונג צו פרויען. ווי מען האָט מיר דערציילט, מיטגעטיילט זאָל דער פאַל מיט דער דאַמע, וואָס האָט אָבסערווירט אַ ליבעס סצענע פון איר דינסט־מיידל, וואָס וו. באַשרייבט אין „ג. און כ.״ זיך באַציען אויף זיין אייגענער מוטער. כאַראַקטעריסטיש איז אויך, אַז דער קלאַסישער פרויען־שונא שאָפּענהויער האָט זיך מיט שנאה באַצויגן צו זיין מוטער, דער באַקאַנטער שריפטשטעלערין יאָהאַנאַ שאָפּענהויער.

ציונג, זייענדיק אַליין פּילאָלאָגיש געבילדעט און זייער מוזיקאַ־
ליש האָט ער דעם זון אונטעררי כט אין עטלעכע שפּראַכן און
אים מחנך געווען אין מוזיק. אָטאָ האָט אַזוי שטענדיק געמוזט
דערמאָנען צום גוטן זיין עלטערן־היים.

אַלס ייִנגל פלעגט אָטאָ זיין ס׳רוב אויפגערוימט און פלעגט
זיך גערן שפּילן מיט חברים.

אין שול האָט אָטאָ אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן, אַלס
אויפגעלייגטער שילער האָט ער זיך אינטערעסירט פאַר קונסט,
וויסנשאַפט, פּאָליטיק און פלעגט ליידנשאַפטלעך ליב האָבן צו
באַזוכן דאָס טעאַטער. באַזונדערס פעיק איז ער געווען צו
פּילאָלאָגיע: אַחוץ זיין מוטער־שפּראַך, אין וועלכער ער פלעגט
אויך שרייבן לידער, האָט ער שוין אין דער שולע באַהערשט
גריכיש, לאַטייניש, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש און נאָר־
וועגיש. לויט דער מיינונג פון לעאָפּאָלד ווייַנינגער, וועלכער
פלעגט זיך באַציען אָביעקטיוו, אָפט אפילו קריטיש צו זיין
זון — האָט אָטאָ פונדעסטוועגן אין שולע נישט איבערגעשטיגן
אין פעיקייטן אַנדערע גוטע תלמידים און האָט זיך ערשט
אַנטוויקלט צו אַ באַדייטנדן מענטש אין די לעצטע צוויי יאָר
פון זיין לעבן.

הגם אָטאָ פלעגט זיך באַציען מיטן גרעסטן יראת הכבוד
צו זיין פאָטער, וועלכער איז אים שפּעטער אויך געווען אַ
פריינט און האָט אים אָפט געהאָלפן ביי קאָרעקטן א. א. וו.
פלעגן דאָך אָפט, ווען ווייַנינגער האָט אָנגעהויבן אויפוואַקסן,
פאָרקומען סיכסוכים צווישן פאָטער און זון. לעאָפּאָלד ווייַני־
גער איז געווען אַ שטרענגער פאָטער, וואָס האָט ליב געהאַט
דיסציפּלין אין דער פאַמיליע און ער האָט אויך זיין זון אָטאָ
געוואָלט דערציען ביד חזקה. דער זון פלעגט זיך אָבער נישט
לאָזן קירעווען און פלעגט אָפט גיין אין משונהדיקע געניאַלע
דרכים.

אַמאָל, נאָכדעם ווי אָטאָ האָט געמאַכט זיין מאַטורע־
עקזאַמען, איז צווישן זיי געקומען צו אַ גרויסן קאָנפליקט. דער
פאָטער, וועלכן ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז בקי אין אַלע
פעיקייטן פון זיין זון, האָט דורכויס פאַרלאַנגט, אַז אָטאָ זאָל
שטודירן פּילאָלאָגיע, אָטאָ דערקעגן האָט, צום גרויסן צער פון

זיין פאָטער, באַשלאָסן צו שטודירן פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן. דער פּועל יוצא פונם דאָזיקן קאָנפליקט איז געווען, אַז אָטאָ האָט פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיינע עלטערן, זיך געדונגען אַ צימער אין שטאָט, און זיך אַלס סטודענט אַליין אויסגעהאַלטן פון לעקציעס געבן.

אין דער ערשטער צייט פון זיין שטודיום האָט וו. הויפּטזעכלעך שטודירט נאַטורוויסנשאַפטן. אויף ווי ווייט ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט פילאָזאָפיע, האָט ער זיך געהאַלטן אָן ניכטערע אַנטימעטאַפיזישע דענקער ווי אַווענאַריוס, מאַך א. אנד. אין די לעצטע סעמעסטערן פון זיין שטודיום איז ער אָבער וואָס אַמאָל מער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון פּלאַטאָנען און קאַנטן, וועלכע ער האָט זיך אויסגעטייטשט גאַנץ מעטאַפיזיש און מיסטיש.

זייענדיק אַלס סטודענט אַזאַ פּלייסיקער, אַז אַלע האָבן באַוווּנדערט ווי זיין גוף האַלט עס אויס, האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַמיט נישט צו זיין קיין געלערנטער „בטלן“... אַחוץ זיין געבן לעקציעס האָט ער נאָך געפונען צייט צו באַזוכן טאַנץ-אָוונטן, לערנען פעכטן א. אז. וו. אַ קורצע צייט איז ער אַפילו געווען אַ מיטגליד פון אַ קאָרפּאָראַציע און האָט באַוויזן אַרויסצופאָדערן אויף אַ דועל אַ קרעפטיק פיל שטאַרקערן סטודענט, וועלכן ער האָט מנצח געווען.

אין יאָר 1902 האָט וו. געמאַכט זיין עקזאַמען אין ווינער אוניווערזיטעט און איז געוואָרן „דאָקטאָר פילאָזאָפיע“, אויפן סמך פון אַ דיסערטאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פונם ערשטן ביאָלאָגישן טייל פון זיין קינפטיק ווערק „ג. און כ.“. מאַנכע פון זיינע פּראָפעסאָרן, צווישן זיי דער באַרימטער פילאָזאָף יאָדל, האָבן זיין דיסערטאַציע באַוווּנדערט אַלס וויסנשאַפטלעכע אַנטפּלעקונג.

אינם טאָג פון זיין דאָקטאָר-עקזאַמען האָט ווייבינגער געפונען פאַר נויטיק צו פאַרלאָזן זיין יידישן גלויבן און זיך צו שמדן אויף פּראָטעסטאַנטיש. דעם שמד זיינעם און אַפילו דעם טאָג פון שמד האָט ער צוגעשריבן אַ גרויסע באַדייטונג. (מיר וועלן נאָך דערפון אויספירלעך רעדן)

נאָכן ענדיקן דעם שטודיום האָט דער יינגער ד״ר פּיל. געמאַכט אַ רייזע איבער דייטשלאַנד קיין סקאַנדינאַוויע. ווי עס דאַכט זיך, האָט עס דעם תּלמיד פון טשעמבערלענען געצויגן צום גערמאַנישן צפון און דער היימאַט פון איבסענען, האַמסונען און סטרינדבערגן, צו וועלכע ער האָט געפילט די נאָענטסטע גייסטיקע קרובהשאַפט.

צוריקקומענדיק פון דערדאָזיקער רייזע איז ווייַנינגער געוואָרן, ווי אומגעוואַנדלט, זיין שטימונג איז כּסדר געוואָרן פאַרמרהשחורהטער — ער פלעגט כּסדר שווייגן, נאָר פון צייט צו צייט לאָזן פאַלן ווערטער, ווי „דאָס וועטער איז שלעכט איבעווייניק און דרויסן", „איך טראָג אין מיר די קאַלטקייט פונם קבר". אַ פריינט, וואָס איז אים געקומען באַזוכן אין זיין צימער האָט ער געפרעגט: „פילסטו דאָ נישט אַ בר-מנן-ריח? אַ באַשטימטן אָוונט האָט ער שוין געהאַלטן בײַ באַגיין זעלבסמאָרד, נאָר אַ פריינט, וואָס האָט אָפגעהיט זיינע שריט איז עס געלונגען אים מציל צו זיין.

נאָכן דאָזיקן אָוונט האָט זיך ווייַנינגער גענומען אָנצושרייבן „געשלעכט און כאַראַקטער".

„די קאַלטקייט פון קבר" האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין ווערק אַריין. ווי אינעם שאַפן פון דאָסטאָיעווסקין פילט מען אינעם דאָזיקן בוך די מינוטן, אין וועלכע דער פאַרפאַסער האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

אַרויסגעבנדיק דאָס ווערק, פרילינג 1903, אין בארימטן פאַרלאַג פון ברוימילער אין ווין — האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין איטאַליע. אויף דערדאָזיקער רייזע האָט ער נעשריבן פאַרשידענע עסייען, אַפאָריזמען און פראַגמענטן צו קונפטיקע ווערק, וועלכע זענען שפּעטער געזאַמלט אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיינע פריינט, (א. ד. ט. „איבער די לעצטען דינגע", און „טאַשענבוך"). אין דידאָזיקע ווערק זענען פאַראַן פיל זייטלעך, וואָס שטייען אויף אַ פילאָזאָפיש העכערער מדרגה, ווי „געשלעכט און כאַראַקטער". אָבער אויך מאַנכע מעטאַפיזישע און מיסטישע געדאַנקען, וואָס איבערשטרייטן באמת די גרענעצן פון אָרעמען מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

אַ קורצע צייט נאָך זיין צוריקקומען פון איטאַליע האָט

ער זיך, אין דער נאַכט פון 4 אָקט. 1903, גענומען אַ צימער אינם הויז, ווו בעטהאָווען, וועלכן ער האָט שטענדיק פאַרערט, איז געשטאָרבן, האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט און... פאַרטאָג געשאָסן זיך אין ברוסט אַריין. עטלעכע שעה שפּעטער איז ער געשטאָרבן אין קראַנקנהויז.

זיין טויט איז פון זיינע פריינט רירנדיק באַשריבן געוואָרן. די חברים שילדערן אונז, ווי וו. האָט זיך מיט יעדן פון זיי האַרציק געזעגנט דורך רמזים, ווי ער האָט זיך אויף זיין לעצטן וועג געלאָזט באַגלייטן פון זיין פאָטער צום טראַמווײַ, געלאָזט אַדורכגיין פיל טראַמווייען, אין וועלכע ער איז נישט איינגעשטיגן, ביז ער איז, ענדלעך, אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָזשקע און געפאָרן — צום טויט.

דער טאָן און דער סטיל, אין וועלכן זיינע פריינט רעדן וועגן די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן דערמאָנען לגמרי אָן פּלאַטאָנס באַשרייבונגען וועגן סאָקראַטעסעס טויט. ווי סאָקראַטעס, דערקלערן זיי, האָט אויך זייער פריינט און רבי וויינינגער ליבער געוואָלט שטאַרבן גערעכט, ווי לעבן אומגערעכט.

**זיין אויסערלעכע דערשיינונג** ביי פּראָפעסאָר פון באַרימטע ביכער, וואָס באַשעפטיקן זיך פיל מיט עראָטישע פּראָבלעמען, בפרט ביי שונאים פון פרויען, אינטערעסירט מען זיך זייער מיטן אויסערלעכן אויסזען, אין וועלכן מען גלויבט צו געפינען אַן ענטפער אויף זייערע ווערטינגען. נישט בחינם שפּילן די פאַרשידענע פּאָרטרעטן פון סטרינדבערגן און באַזונדערס פון שאָפּענהויערן אַזאַ ראָלע אין דער דערקענטניש פון זייער גייסטיקן מהות. בנוגע אַזאַ יונגן שונא פונם גוף, ווי וויינינגער, דאַרף אונז אַוודאי נישט חידושן ווען לעזער און באַזונדערס לעזערינס ווילן וויסן ווי ער האָט אויסגעזען.

וויינינגער אַליין האָט זיך פיל באַשעפטיקט מיט פיזיאָגנאָמיק. ער איז געווען איבערצייגט דערין, אַז מען קאָן דורך אינטואיציע און וויסן שטענדיק געפונען אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פיזישן אויסזען פון אַ מענטש, דער צורה, און זיין אינערלעכסטן גייסטיקן, עטישן מהות. דער גאון, האָט ער געגלויבט, ענדערט אָפּט זיין אויסזען לויט די געשטאַלטן און

כאַראַקטערן, וועלכע ער איבערלעבט גייסטיק. (זע די אַנטשפּרעכנדע העכסט אינטערעסאַנטע שטעלן אינעם דאָזיקן בוך).
ער פּלעגט אָפט, זייענדיק איבערצייגט אין זיין גאונות, שטו־דירן זיין פּנים פאַרן שפּיגל, כּדי צו קאָנסטאַטירן די גייסטיקע ענדערונגען, וואָס קומען אין אים פאָר. און זיך זעלבסט צו דערקענען.

מחמת וו. פלעגט זיך, ווי ס'רוב אומגליקלעכע מענטשן, זעלטן און נישט גערן לאָזן פאָטאָגראַפירן, און זיינע פּאַראַנענע פאָטאָגראַפיעס געבן פון אים נאָר אַ פאַלש בילד, איז בויטיק, אַנטקעגן אַלע פליאַטקעס, וואָס זען די סיבה פון זיין פרויען־שנאה אין זיין כּלומרשטער פיזישער פאַרקריפּלטקייט, צו הערן דאָס עדות־זאָגן פון מענטשן, וואָס האָבן אים פּערזענלעך געקענט.

וויינינגערס פריינט, דער באַקאַנטער וויגער שריפטשטעלער עמיל לוקא ברענגט וועגן אים:

„ער איז גיכער געווען שיין ווי מיאוס, אַ מענטש מיט אַ זער לעבעדיקן אויסדרוק פונם פּנים, מיטלגרויס געוואַקסן, ער האָט געהאַט גרויסע גליענדיקע אויגן, וואָס האָבן די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט גערעדט, אַריינגעדרונגען אין די טיפע־נישן, אַזוי, אַז ווייניק מענטשן האָבן אויף זיך געקאָנט דער־טראָגן זיין בליק".

ד"ר פּראָבסט, אַ גרויסער קענער וויינינגערס, וואָס האָט וועגן אים אָנגעשריבן אַ בוך פול מיט זלזולים, מוז מודה זיין:
„כ'האָב מיך נישט געקענט באַפרייען פונם איינדרוק צו האָבן פאַר מיר אַ פּערזאָן, וואָס גרעניצט מיט געניאַליטעט".

דאָס געטרייעסטע בילד פון וו. אויסערלעכער דערשיינונג גיט אונז זיין פריינט גערבער. ער שילדערט אים:

„אַ מאָגערע הויכע געשטאַלט, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געווען שטייף אָן שום בויגעוודיקייט און גראַציע. די באַוועגונגען, אָפט נישט געשיקט און אומבאַהאָלפן, זיינען געווען היציקע און פּלוצלינגע. זיין קליידונג איז געווען פּשוט און אוממאָדיש — ענלעך צו דער קליידונג פון אַנדערע אָרעמע סטודענטן. ער פלעגט אָפט גיין פאַמעלעך און אומזיכער זיין וועג, די גאָמבע אָנגעשפּאַרט אויף דער ברוסט, טיילמאָל ווידער פלעגט ער לויפן מאָדנע איילנדיק זיך. קיין שום מענטש אָבער,

וואָס האָט אים געזען, האָט זיין פּנים נישט פֿאַרגעסן. מערקווירדיק דורכן גרויסן שטערן, און דורך די גרויסע אויגן, וואָס זייערע בליקן האָבן זיך געדאַכט אַלץ אַרומצונעמען, איז דאָסדאָזיקע פּנים, אַחוץ דער גאַנצער יוגנטלעכער פֿאַרבנפֿרישקייט פֿון געזאַמלטע כּוחות, דאָך נישט שיין געווען, כּמעט מיאוס. לאַכן האָב איך עס (דאָס פּנים) קיינמאָל נישט געזען, שמייכלען זעלטן. ווירדע און טיפֿע גייסטיקע ערנסטקייט האָבן עס שטענדיק באַהערשט. נאָר אין פֿריילינגס-טעג אונטערן פֿרייען הימל איז עס געווען רויקער, רעיעלער און אויפֿגערוימטער. בעת מאַנכע מוזיק-אויפֿפֿירונגען האָט עס געלויכטן פֿון פֿרייד. און אין די שענסטע מאָמענטן, וועלכע מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט, בשעת וו. האָט אַדורכגעשמועסט איינעם פֿון זיינע נייע גייסטיקע איינפֿאַלן איז אין זיינע אויגן געשטאַנען דער גלאַנץ פֿון אַבסאָלוטן גליק.

אַחוץ דעם איז זיין אויסדרוק געווען נישט דורכזיכטיק, קיינמאָל ביז אין די לעצטע חדשים פֿון זיין לעבן — האָט מען אָן אים אויסערלעך נישט דערקענט אויף וועלכע וועגן זיין נשמה האָט געוואַנדערט. טיילמאָל האָבן ביי אים געציטערט די אָנגעצויגענע מוסקולן, אַן אַנדערש מאָל האָט זיך באַוויזן אַ העוויה ווי פֿון יסורים, ווען מען האָט אים אַ פֿרעג געטון וועגן דער סיבה, האָט ער צוריק אָנגענומען פּאַסאָן, געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפֿער, אַזוי אַז מען האָט זיך שוין מער נישט געפֿרעגט.

זיינע התנהגותן האָבן אויף מאַנכע מענטשן געמאַכט אַ משונהדיקן איינדרוק, באַ אַנדערע אַרויסגערופֿן אַ שמייכל, מחמת ער פֿלעגט זיך לגמרי נישט רעכענען מיט פֿאַרעלטערטע מנהגים און אָנשוויונגען.

מערכטיק אָבער, אַזוי אַז קיינער האָט זיך דערפֿון נישט געקענט באַפֿרייען, איז ערשט געווען דער איינדרוק פֿון זיין פּערזענלעכקייט אין אָוונט: זיין גוף, האָט זיך געדאַכט צו זיין גרעסער, די ליניעס פֿון זיינע פֿונאַנדערגעשפּרייטע באַוועגונגען האָבן באַקומען עפּעס שדישעס, זיין גאַנצער מהות, וועלכן די טונקלקייט פֿון די גאַסן האָט צוגעגעבן אַ ווירקונגסבולן הינטערגרונט, האָט באַקומען דעם נימבוס פֿון דעמאָנישקייט.

זיין גייסטיקע צורה

ס'איז אונז אַלעמען שוין אָפט פאָרגעקומען צו הערן וועגן גאַנץ יונגע מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פענאָמענאַלע גייסטיקע פעיקייטן — באַזונדערס באַ יידן. יידן זענען, דאַכט זיך, באַזונדערס געבענטשט מיט דעם מין „וואונדער-קינדער" און „עילויים" — אָנהויבנדיק פון פידל- און קלאַוויר-ווירטואָזן, קינאָ-בעביס א. א. וו. ביז צו אמתע דיכטער און קאָמפּאָזיטאָרן. כּדאי צו דערמאָנען דאָ אַ צווייטן יידישן יונגנמאַן, אויך אַ ווינער, הוגאָ פאָן האָפמאַנ-סטאַל. אַלס 16 יעריקער בחור האָט האָפמאַנסטאַל אָנגעשריבן אַ דיכטעריש ווערק, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף איין מדרגה מיט מאַנכע פון די בעסטע שאַפונגען פון אַ געטע.

ווען איז אָבער דאָס אַלץ געזאָגט געוואָרן—אין דער קונסט. די וויסנשאַפט, דערקענען, אין וועלכער יעדער שריט ווערט געקויפט דורך התמדה פון יאָרן, קאָן זיך אין איר געשיכטע נישט פאַררופן אויף אַן עילוי ווי ווייניגער.

אַלע וואונדערבאַרע שטעלן, וועלכע ווייניגער האָט אין זיין בוך געשריבן וועגן מהות פון געניאַליטעט, האָט ער, ווייזט אויס, געשעפּט פון דער קענטעניש פון זיין אייגענעם מהות.

דאָס וויסן פונם דאָזיקן 22 יאָריקן ד"ר פיל. איבערשטייגט אַלע מענטשלעכע השגות.

ער האָט באַהערשט אַ גאַנצע ריי שפּראַכן מיט זייערע ליטעראַטורן. ער האָט געהאַט זעלטענע קענטענישן אין העכערער מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפטן (פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע א. א. וו.) אין דער ביאָלאָגיע האָט ער געמאַכט חשובע אַנטדעקונגען, וואָס מוזן אפילו אָנערקענט ווערן פון טרוקענע פאַכלייט, וואָס האַלטן לגמרי נישט פון זיין פילאָזאָפיע. אַנטדעקונגען, וואָס האָבן געפירט צו די טעאָריעס פון שטיינאַכן.

ער איז בקי געווען אין אַלע צווייגן פון פילאָזאָפיע, (לאָגיק, עטיק, דערקענטניש-טעאָריע, פסיכאָלאָגיע) אין וועלכע ער האָט פיל מחדש געווען.

זיין זכּרון איז געווען פענאָמענאַל. פון די טויזנטער ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט, פלעגט ער ס'רוב געדענקען אויף וועלכער זייט ס'געפינט זיך אַ געדאַנק. וואָס האָט אים

אינטערעסירט. אַ גאַנצע ריי ביכער, וואָס האָבן אים באַזונדערס אינטערעסירט, ווי דער נייער טעסטאַמענט (אין גריכיש!), קאַנטס „קריטיק", די ווערק איבסנס, האַמסונס, סטרינדבערגס א. א. האָט ער געקאָנט פון אויסנווייניק.

ווי דער דורך אים געשילדערטער גאון האָט ער געהאַט אַ באַציונג צו אַלעם אין דער וועלט, אַלץ האָט צו אים גערעדט אין זיין נוסח. „נישט געווען קיין חשוב געשעעניש, אין דער פּאָלי-טיק און אין דער טעאַטער-וועלט, קיין קונסט-אויסשטעלונג, קיין באַדייטנדיק ניי בוך, פאַר וועלכן ווייניגער זאָל זיך נישט האָבן אינטערעסירט. ווי דאָס אַלץ איז מעגלעך געווען בײַ זיין התמדה איז נישט צו באַגרייפן" (גערבער).

ער איז געווען העכסט מוזיקאַליש און האָט איבערגעלעבט מוזיק מיט אַלע זיינע חושים און מיטן גאַנצן שכל. אין דער מוזיק האָבן זיך אים אָנטפּלעקט גאַנצע וועלטן. אין מוזיק-מאָטיוון און מעלאָדיעס פלעגט ער, אויף זיין מערקווירדיקן אופן, זען גאַנצע פילאָזאָפישע שיטות, עטישע און מעטאַפיזישע קאָנצעפּ-ציעס און תהומות פון דער מענטשלעכער נשמה.

ער פלעגט אַזוי רעדן און שרייבן וועגן מאָטיוו פון באַ-שטערנטן הימל, מאָטיוו פון פאַרברעכן, מאָטיוו פון מאָניזם א.א.וו.

ווייניגער האָט דאָסגלייכן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר דער נאַטור און אירע שיינקייטן. אַלע נאַטור-דערשיי-נונגען פלעגט ער פאַרבינדן מיט זיינע אידעישע אַסאָציאַציעס. ווי פּלאַטאָן האָט ער אין אַלע זאַכן נאָר געזען אַן אָפּגלאַנץ פון אַן העכערער, אמתער וועלט. באַרג, טאָל, פלאַנצן, ליכט, פייער, פערד, הונט א. אַז. וו. האָבן זיך פאַר אים פאַר-וואַנדלט אין סימבאָלן, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אויסצו-טייטשן. (אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַן אוניווערסאַלע נאַטור-סימבאָליק. אין זיין בוך „איבער די לעצטע דינגע" געפונען מיר אַן התחלה דערפון).

דאָס לעבן, וועלכעס ער האָט אַוועקגעוואָרפן, האָט ער, ווייזט אויס, געליבט ביז צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך. דאָס מינדסטע איבערלעבעניש האָט פאַר אים געהאַט אַ חשיבות. טויזנטער זאַכן, וועלכע קיינער זעט נישט, האָט ער גרינטלעך

באטראכט, קלייניקייטן זענען פאר אים געווען סימפטאָמען פון א וועלט-געזעלשאַפטלעכקייט.

אחוץ דעם אַלעם האָט דערדאָזיקער שנעק באַזעסן אַ מענטשנקענטעניש, וואָס האָט נאָר געהאַט אירסגלייכן בא גאונים פון דער שיינער ליטעראַטור — בא אַ שעקספּיר און דאָסטאָיעווסקי. דידאָזיקע פעיקייט, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די העכסטע, האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אינם טעגלעכן לעבן. איינמאָל געזען אַ מענטש, האָט ער אַלץ וועגן אים געוווּסט.

ווען וויי:ינגערס עטישן כאַראַקטער ווייסן זיינע חברים צו דערציילן דאָס מערקווירדיקסטע. ער „דער מערדער" זאָל האָבן געווען אַזוי ווייך און איידל אין כאַראַקטער, אַז ער האָט צומאָל קיין גרעזל נישט צעטרעטן, יעדעס ווערעמל אויף זיין וועג זאָל ער ממש האָבן אויפגעהויבן. ווען מען האָט פאַר אים אַמאָל אָפּגעשניטן עטלעכע פלאַנצן, האָט ער דערפון געהאַט גרויס צער.

ער איז שטענדיק געווען אַ נוח לבריות, האַרציק און ליב מיט חברים, ביז מסירות נפש. ביז ווערן פלעגט ער נאָר דאַן, ווען ער פלעגט זען בא מענטשן נישט מאָראַלישע מעשים אָדער שלעכטע מידות. זייענדיק אַן אָרעמער בחור, וואָס האָט זיך געמוזט אויסהאַלטן פון לעקציעס געבן, האָט ער זיך אַמאָל אָפּגעזאָגט פון אַ גלענצנדן וויסנשאַפטלעכן פאָסטן, צוליבן כבוד פון זיינס אַ חבר.

זיין טויט — ווען מיר האָבן אויבן אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז וויינינגערס לעבנס-באַשרייבונג איז נישט חשוב פאַרן פאַרשטענדעניש פון זיין פערזענלעכקייט, מוזן מיר זיך פונדעסטוועגן גאַנץ אַנדערש באַציען צום פּראָבלעם פון זיין טויט, וואָס שטייט מיט רעכט אין מיטלפּונקט פון אַלע וויינינגער-פאָרשונגען. מיר האָבן אייגנטלעך נאָר איבערגעגעבן זיין דורכשניטלעכע, לאַנגווייליקע ביאָגראַפיע, כדי פון דאָ אויסצוגעפינען דאָס רעטעניש פון זיין אויסערגעוויינלעכן טויט, וואָס איז עלול, ריכטיק געלייזט, צו וואַרפן פיל ליכט אויף זיין טראַגיש ווערק אין לעבן.

גאַנצע ביכער – צווישן זיי אַזעלכע חשובע און אינטע-
רעסאַנטע, ווי דאָס פון פּראָפ. סוואָבאָדאַ, זענען וועגן וויינינ-
גערס טויט אָנגעשריבן געוואָרן. וואָס האָט מען אַלץ נישט גע-
זאָגט וועגן וו. זעלבסטמאָרד?

צוערשט האָבן זיך, ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, גע-
מאָלדן זשורנאַליסטלעך און סתם מאַטלערס, זיי האָבן באַלד
געוווסט צו דערציילן, אַז וו. האָט זיך דערשאָסן צוליב אַן
אומגליקלעכער ליבע. עולם גולם פאַרשטייט עס נישט, אַז בײַ
אַ באַדייטנדיקן מענטש, ווי וויינינגער, קומען אין באַטראַכט נאָך
אַנדערע סיבות  ווי די דורכשניטלעכע זעלבסטמאָרד-סיבות –
הונגער און ליבע.

אַנטקעגן אַזעלכע פּליאָטקעס פאַרזיכערן אונז וויינינגערס
קרובים און פריינט, אַז וו. האָט קיין שום ערנסטע ליבע נישט
איבערגעלעבט.

נאָך די זשורנאַליסטן זענען, ווי געוויינלעך בײַ יעדער
סענסאַציע – אַ מאָרד, אַ פאַלשע-וועקסלען-אַפערע א. א. וו.,
געקומען די פסיכיאַטערן מיט זייער וויסנשאַפטלעכן עקספּער-
טיז. זיי האָבן באַלד אויסגעפונען, נישט האָבנדיק קיין פאַרשטע-
לונג וועגן פילאָזאָפיע, אַז וויינינגערס בוך איז פּאַטאָלאָגיש, און
אַז זיין זעלבסטמאָרד איז נאָר געווען אַ טויט פון אַ משוגע-
נעם, וואָס האָט געליטן פון אַ „מאַניש דעפּרעסיווער היסטעריע".

עס איז אונז באמת שווער צו זאָגן, אַז וויינינגער זאָל
זיין געווען „נאָרמאַל". וועלכע באַדייטנדע מענטשן זענען עס
על פּי חכמת הפסיכיאַטריע יאָ געווען? ס'וואָלט אויך „נאָרמאַל"
גאָרנישט געווען צו באַגרייפן, ווי אַ מענטש פון 22 יאָר האָט
געקענט האָבן אַזאַ וויסן און אָנשרייבן אַזאַ ווערק.

הגם וויינינגער זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז נאָר דער
גאון שטעלט מיט זיך פאָר דעם טיפּ פון אַ נאָרמאַלן מענטש,
בעת אַלע איבריקע מענטשן שטייען אויף אַ נידריקערער
מדרגה פון דער נאָרם. האָט מען שוין אין דער פסיכיאַטריע
פון לאַנג געפּסקנט, אַז צווישן געניאַליטעט אָדער העכערער
באַגאַבונג און שגעון איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג. אונזער מאַקס
נאָרדוי האָט אין נאָמען פון אַזעלכע טעאָריעס געשטעמפּלט
אַלס משוגעים די גרעסטע קינסטלער און שריפטשטעלער.

מיר זענען נישט קיין פסיכיאַטער און ס׳קומט אונז געוויס נישט אין זין אַריין אַזאַ מיינונג צו באַקעמפן. ווען שאָפענהויער, ניטשע, דאָסטאָיעווסקי, דאַנטע א. א. האָבן געקאָנט זיין משוגעים (אָדער געהאַלטן ווערן פאַר משוגעים), האָט ווייניגער דעסגלייכן געקאָנט זיין משוגע. אָבער איין זאַך איז זיכער: פאַר אונז נישט-מעדיקער איז די פסיכיאַטריע קיין מאָסשטאַב נישט. געזונט אָדער קראַנק – דאָס איז נישט אונזער זאַך. מיר ווילן וויסן, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווייניגערס נשמה, ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו אַזאַ שריט... און דאָס קאָנען אונז אַלע משונהדיקע לאַטייניש נעמען פאַר ווייניגערס קראַנקהייט נישט זאָגן. אַחוץ דעם פאַרזיכערן אונז קרובים און פריינט פון ווייניגערן, ווי אויך זיין פאַרלעגער, וועלכער האָט מיט אים גערעדט אין אָוונט פון זיין טויט, אַז ו. איז געווען ביים קלאָרסטן זינען ביז צום סוף פון זיין לעבן.

גיכער פאַרשטענדלעך איז עס פאַר אונז, ווען אַנדערע מעדיקער זאָגן זיך אַרויס דערפאַר, אַז ווייניגער האָט זיך גייסטיק שטאַרק איבערגעאַרבעט דורך זיין אָנגעשטרענגט שאַפן און איז צוליב דעם געקומען אין אַ מצב פון דעפרעסיע, וואָס האָט אים געפירט צו זיין טאַט.

אַ טייל שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַביסל טיפער ווי מעדיקער אַריינגעבליקט אין מהות פון ווייניגערס איבעראַרבעטן זיך, האָבן געמיינט, אַז ו. האָט זיך, דורך זיין שאַפן, גייסטיק אויסגעשעפט. אַז ער האָט אין זיין בוך אַריינגעהויכט זיין גאַנצע נשמה, לייב און נפש, און האָט נישט געהאַט מער צוליב וואָס צו לעבן. פאַראַן מענטשן, – זאָגט אונז, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעראָזיקער מיינונג, עמיל לוקא – וואָס לעבן אינטענסיווער, גיכער, ווי געוויינלעכע בשר ודמס. ו. האָט, אין דער קורצער צייט פון זיין לעבן, אַוועקגעגעבן און זיך אָפגענומען דאָס זייניקע. איבערגעלעבט מער ווי פיל מענטשן, וואָס לעבן אויס זייערע אַלע יאָרן צוזאַמענגענומען. (אָפט פרעגט מען זיך: וואָס וואָלט פון אַזאַ עלוי ווי ו. געוואָרן, ווען ער וואָלט ווייטער געלעבט? דערויף איז שווער צו ענטפערן. מעגלעך, באמת, אַז ער האָט אין זיין בוך אָפגעזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט אונז געהאַט צו זאָגן און איז אַוועקגעגאַנגען).

די מיינונג, אַז װ. זאָל זיך האָבן איבערגעאַרבעט, אויס־געשעפּט, ליגט זיך אַפילו אויפן שכל, ס'איז נישט קיין קליי־ניקייט אָנצושרייבן אַזאַ בוך. עס פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס האָט װ. זיך שוין געוואָלט אומברענגען מיט אַ יאָר פריער, נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעשעפּט אין זיין בוך? פאַרוואָס אַנטהאַלט שוין דאָס בוך גופא אַזויפיל געדאַנקען וועגן זעלבסט־מאָרד? מיר מיינען דערפאַר, אַז עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז וויינינגערס איבעראַרבעטונג קאָן נאָר האָבן צוגעשפּיצט געוויסע קאָנפליקטן אין אים. די קאָנפליקטן גופא אָבער מוזן מיר זוכן פיל טיפער.

אַנדערע שריפטשטעלער גלויבן, אַביסל נאַיוו, אַז וויינינ־גער האָט הויפּטזעכלעך געליטן דערפון, וואָס עס האָט אין אים געלעבט דאָס, וואָס ער האָט אַמשטאַרקסטן באַקעמפט. ווי ער זאָגט אַליין, האַסט דער מענטש אַממערסטן דאָס שלעכטע, וואָס ער טראָגט אין זיך, און ער האָט אין זיך געהאַט פיל פרויענהאַפטס און יידישס... נישט קענענדיק אין זיך איבער־ווינדען דעם ייד און די פרוי איז ער צוגרונט געגאַנגען.

פאַראַן געוויס פיל רמזים פאַר אַזאַ הנחה אין װ. ווערק, ס'לאָזט זיך אויך נישט אָפּלייקענען זיין שנאה צו זיין אייגענעם מהות. אַזוי פשוט ווי דידאַזיקע מיינונג ווערט דאָ אַרויסגע־זאָגט, לאָזט זי זיך פונדעסטוועגן, ווי מיר וועלן נאָך זען — נישט האַלטן.

פיל אָנהענגער און שונאים פון וויינינגערן האָבן געזען די סיבה פון זיין טויט און זיין משיחישקייט... אין דעם, וואָס ער האָט מכלומרשט געוואָלט זיין אַ גואל און נעמען אויף זיך דורך זיין טויט די שולד פון דער מענטשהייט. פאַראַן אַזעלכע פאַרברענטע װ.־חסידים (אין אַ געוויסער מאָס אויך סטרינדבערג) וואָס ווילן אין אים זען אַ שטיק משיח באמת. ס'רוב איז מען אָבער גענייגט צו זען אין אים אַ שטיק פאַלשן משיח... וואָס האָט געוואָלט פאָזירן אַ קריסטוס. מען מיינט אָפט, אַז ער האָט אייגנטלעך נאָר בכיוון געשריבן דאָס משונהדיקע קאַ־פּיטל איבערן יידנטום און זיך געשמדט, כדי צו ווייזן זיין משיחישן וועג דורכן יידנטום צו גאָט־זונשאַפט.

פאַראַן געוויס פיל שטעלן אין זיינע ווערק, וואָס ווייזן

אונז אַזעלכע מאָדנע רעליגיעזע דרכים. „דער פּולקאָמער גוטער מענש, יעזוס — זאָגט וו. — מוז יונג שטאַרבען". ווי ביטשען איז אויך אים שווער געווען צו לעבן און נישט צו זיין קיין גאָט. אַנדערע שטעלן אין וו. ווערק דערמאָנען אונז אַביסל אָן דעם שניט פונם אַלטן קאָצקער: „דעם תּלוי האָט יאָ געזאָלט געראָטען און מיר נישט"?

ס'לאָזט זיך אויך נישט אָפּלייקענען, אַז אין ווייניקערס טויט איז פאַראַן געווען פיל פּאָזע ווי בײַ אַנדערע באַדייטענדע מענטשן, ווי נאַפּאָלעאָן, לאַסאַל א. א. האָט וו. אין זיך געהאַט פיל פּאָזע. ער איז אָפט געווען גענוג אויפריכטיק, כדי עס מודה צו זיין און צו זען דעריך זיין סכנה. עס איז אָבער, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, פאָרט שווער צו גלויבן, אַז פּאָזע אַליין זאָל אים האָבן געפירט צו אַזאַ שריט — דעם לעצטן. דער פּאָזער נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט גיכער נויטיק געהאַט צו וועלן נישט אַ ליאַדע טויט... איז פאָרט געשטאָרבן אויף סט. העלענע. דורך פּאָזע האָט וו. נאָר העכסטנס זיין באַשלאָסענעם זעלבסטמאָרד אַביסל דעקאָרירט.

אַ טייל אָנהענגער פון וו. זען די סיבה פון זיין טויט אין זיין גלויבן אין השארת הנפש. ער איז געשטאָרבן, דערקלערן זיי, מחמת ער האָט זיך פערבענקט נאָכן קוואַל פונם אייביקן לעבן, דידאָזיקע מיינונג איז נישט נאָר נאַאיוו, נאָר אויך לחלוטין פאַלש, מחמת דער זעלבסטמערדער קלערט נאָר וועגן צעשטערונג פונם לעבן און יעדער געדאַנק פון אַ ווייטערדיקער עקזיסטענץ איז פאַר אים ממש מוראדיק.

ווייניגער אַליין האָט — אינם געגנזאַץ צו די ביז יעצט אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, — עטלעכע מאָל בעטאָנט, אַז ער וויל שטאַרבן, מחמת ער פילט, אַז ער ווערט שלעכט... „ער האָט איינגעזען, אַז ער איז דער געבוירענער מערדער און ער טויט זיך, כדי נישט צו טויטן אַן אַנדערן". „דער אָנשטענדיקער מענטש— שרייבט ער דעסגלייכן — גייט זעלבסט אין טויט אַריין, ווען ער פילט, אַז ער ווערט שלעכט. נאָר דער געמיינער מוז געצווונגען ווערן דורך אַן אורטייל פון געריכט. דאָס געפיל פון אוממאָראַלישקייט איז פאַרן אָנשטענדיקן מענטש אַ טויט-אורטייל". דער געדאַנק, אַז ווייניגער, וואָס זאָל קיינמאָל נישט האָבן

געקרימט קיין גרעזל, זאָל געווען זיין אַ מערדער, קומט אונז אויפן ערשטן אויגנבליק משונהדיק פאַר. אַביסל דערמאָנט אונז דאָ וו. אָן די גרויסע יידישע צדיקים, וואָס האָבן, פאַרברענגענדיק זייערע יאָרן על התורה ועל העבודה, אין תעניתים און סגופים... זיך כסדר באַשולדיקט אין כל מיני תועבות שבעולם. ווער ס׳קען אָבער וויינינגערס ווערק וועט אין דידאָזיקע ווערטער לייכט געפינען פאַרשידענע כוונות. לערנט דאָך אונז וויינינגער, אַז דער גרויסער מענטש איבערלעבט אין זיך אַלדאָס בייז... אַז קאַנטן און בעטהאָווענען איז כסדר אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיטן פאַרברעכער אין זיך, רעדט דאָך אויך וו. דערפון, אַז דער מאַן טויט די פרוי אַפילו דורך אמתע ליבע, אַריינבלאָזנדיק אין איר זיין נשמה. אַ פאַרברעכן האָט וו. געוויס אויך געזען אין דעם, ויאָס ער קאָן נישט מער טריי זיין זיך זעלבסט.

מעגלעך איז אויך, אַז אַ מענטש מיט אַזעלכע נשמה־תהומות ווי ער, האָט אַחוץ זיין אויסערלעכע מאָראַלישקייט אין זיך געפילט די כוחות הטומאה... און איז צו שוואַך געווען מיט זיי מלחמה צו האַלטן. אין אַ צייט פון פסיכאָאַנאַליז דאַרפן אונז אַזעלכע פרומע געדאַנקען־גענג אוודאי און אוודאי נישט ווילד פאָרקומען. זעט דאָך אויך פרויד — דערין אפשר אַ תלמיד פון וויינינגערן — אויפן תהום פון יעדן מענטשנס נשמה — באַזונדערס ביי קינסטלער און וויסנשאַפטס־מענטשן — אינסטינקטן פון מאָרד אין גרויזאַמקייט, וואָס קומען צום אויסדרוק אין שגעונות און חלומות א. אז. וו. און ווערן נאָר טיילווייז איבערגעוועלטיקט דורך קולטור, דורך קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען.

אויגוסט סטרינדבערג, וואָס איז וויינינגערן קאָנגעניאַל געווען, האָט אים דאָ לגמרי געגלויבט צו פאַרשטיין. אין אַ בריוו צו וויינינגערס חבר גערבער, האָט ער, באַלד נאָך וו. טויט, געשריבן:

„איך האָב אַליין אינם יאָר 1880 געהאַלטן ביי דערזעלבער מדרגה, וואָס וויינינגער. קאַטאָ האָט זיך געטויט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט אָנשטענדיק לעבן אויפן תהום פון זינד. וויינינגער האָט זיין גלויבן געחתמעט מיטן טויט.

איך בין אויך רעליגיעז געווען אויס מורא נישט צו ווערן אן
אוממענטש. איך באוונדער דעסגלייכן בעטהאָווענען און איך
האָב אַ קיימא-לן, אַז גוטע מענטשן ליבן אים נישט.

וויינינגערס גורל? האָט ער די סודות פון די געטער
אַנטפּלעקט? די לופט איז אים צו דיק געווען, דערפאַר איז
ער געשטאָרבן. דאָס ציניישע לעבן איז פאַר אים געווען צו
ציניש".

„אַ ז ע ר א י ז אַ ו ע ק ג ע ג אַ נ ג ע ן — פאַרענדיקט
סטרינדבערג, מיסטיש גלויבנדיק אין וו. שליחות — ב אַ ט י י ט
פ אַ ר מ י ר, אַ ז ע ר ה אָ ט ג ע ה אַ ט ד י ה ע כ ס ט ע
ד ע ר ל ו י ב ע נ י ש. סתם אַזוי געשעט אַזעלכעס נישט, מסתם
איז אַזוי אָנגעשריבן געוואָרן"

מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן צו צווייפלען אין זיין עמד
און גייסטיקער דעם, אַז וו. זאָל נישט האָבן איבערגעלעבט אַזעל-
כע געפילן פון דעפּרעסיע און ירידה, ווען ער האָט טויט
אין זיך דורכויס געזען אַ מערדער. ריין פסיכאָלאָגיש איז
דאָס אַלץ געמאָלט. פונדעסטוועגן זענען אַזעלכע דערקלערונגען
פאָרט נאָר אַן ענין פאַר אַ סטרינדבערג, פאַר וויינינגערס
תּלמידים, ס׳רוב „דייטשע" מיסטיקער און עטיקער (פאַרשטייט
זיך, יידן), וואָס האָבן אָרום זייער רבינס דרכים געוואָלט שאַפן
אַ נייע חסידות. אונז געווינלעכע חי-וקימס ווילט זיך בשום אופן
נישט גלויבן, אַז אַזעלכע איבערלעבענישן זאָל האָבן וויינינגערן
געפירט צום אָפּגרונט, בפרט ווען מיר זען פאַר זיך אַן אַנדערע
לייזונג.

אַגב פרעגט זיך, פאַרוואָס איז ער געפאַלן אינם קאַמף?
פאַרוואָס איז ער נישט בכוח געווען דאָס שלעכטע גובר צו
זיין? פאַרוואָס האָבן אים „דעם צדיק" „די נישט-גוטע" געקאָנט
אַזוי באַהערשן?

מיר מיינען, אַז כדי אַזוי מיאוס אַריינצופאַלן אין די
הענט פון דער „סיטרא אחרא" מוז מען שוין פריער האָבן פאַר-
לוירן דעם גלייכן וועג...

ריכטיקער ווי אַלע אויבן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן
וויינינגערס טויט, שיינט אונז דערפאַר צו זיין די מיינונג פון

וויינינגערס ניכטערנסטן חבר פראָפ. סוואָבאָדאַ, וואָס גלויבט׳ אַז וויינינגער איז געשטאָרבן, מחמת ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין תורה און איז נישט מער בכוח געווען — זייענדיק אָנגאָ־זשירט דורך אַזאַ בוך — זי צוריק אָפּצורופן. אָן דידאַקטיקע מיינונג קאָנען מיר זיך, טיילוויז אָנשפּאַרן.

*

נאָך קיינמאָל איז אַ בוך דורך זיין מחבר אַזוי ערנסט נישט גענומען געוואָרן ווי „ג. און כ.״. דער מחבר האָט זיין לעבן געשטעלט דערין אויף דער קאָרט. „ד אָ ס ד אַ ז י ק ע  ב ו ך — זאָגט וו. וועגן „ג. און כ.״ — ב אַ ט י י ט  אַ  ט ו י ט ־ א ו ר ט י י ל  אָ ד ע ר  פ אַ ר ן  מ ח ב ר  אָ ד ע ר  פ אַ ר  ז י י ן  ב ו ך״.

וואָס פאַראַ מערקווירדיקע ווערטער!

ער האָט מיטן טראַגישן קאָנפליקט צווישן זיך און זיין ווערק (מעשה שאָפּענהויער) נישט געקאָנט לעבן. אָדער ער, אָדער דאָס בוך?

דאָס קריסטלעך־נזירישע בוך איז שטאַרקער געווען פון אים... און האָט מנצח געווען אינם קאַמף מיט אים אויף לעבן און טויט.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז פאַר אונז אַבסאָלוט זיכער, אַז וו. האָט זיך דורך זיינע שאָפּונגען פאַרוויקלט און פאַריינגעשפּי־נען אין אַ נעץ, פון וועלכער ער האָט נישט מער געקענט אַרויס.

ווער ס׳זאָגט זיך אָפּ פון דער פרוי, פון זיין מאַמע, פון דעם מעכטיקסטן געבאָט פון „פרו ורבו״, פונם קינפטיקן דור, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פון זיין נ אַ צ י ע, דער האָט אינם דאָזיקן לעבן גאָרנישט מער צו זוכן, סיידן דעם „אַמאָר דעי״! — דערצו מוז מען אָבער זיין אַ קדוש.

ווען מיר זען מיליאָנען מענטשן שטאַרבן פאַרן קינפטיקן דור, פאַר דער נאַציע (אין מלחמות און רעוואָלוציעס) דאַרף עס אונז קיין חידוש נישט זיין, אַז דער מענטש, וואָס האָט דידאַ־זיקע אינסטינקטן פאַריינט, האָט געמוזט אַנטלויפן פונם לעבן.

ווי קומט וו. צו אַזעלכע דרכים? מיר האָבן עס אָקאָרשט געזאָגט—ער האָט זיך פאַרוויקלט. נ י ש ט  ה אָ ב נ ד י ק  ק י י ן

פעסטן יידיש, גײסטיקן באָדן הינטער די פיס – האָט ער זיך פאַרוויקלט אין אַן עטיק און מיסטיק, וואָס זענען אים, זיין בלוט און נשמה, פרעמד געווען. זיין יידישע נשמה ערטלאית האָט כסדר געזוכט אַ תיקון אין פרעמדע גופים...

ווי פיל אַנדערע יידישע אַסימיליאַטאָרן, האָט ער דווקא אינם אַנאַרכישן קריסטנטום געגלויבט צו געפינען אַ פעסטע גייסטיקע אחיזה.

ער האָט געוויס אין זיך געהאַט פיל „הייליקס", געפילט אין זיך אַן אויפריכטיקן האַס צו דער פרוי, אין וועלכער ער האָט געזען אַ מחיצה צווישן זיך און דעם געטלעכן... ער איז אָבער נישט געווען געשניצט פון דעמזעלבן האָלץ, וואָס קריסטלעכע הייליקע — און האָט זיך דווקא יידיש פאַרעקשנט צו זיין דער גרעסטער פון זיי. וואָס מער וו. רעדט צו אונז וועגן זיין קריסטנטום, וועגן גואל, אַלץ מער גלויבן מיר, אַז ער האָט דאָס אַלץ נאָר זיך אַליין געוואָלט איינשמועסן.

וואָס רעטאָרישער ער ווערט, וואָס באַצויבערנדיקער ער אַנטוויקלט זיינע רעליגיעזע געדאַנקען, אַלץ מער זעען מיר אין זיי אַדוואָקאַטישע מייסטערשטיק, ווען די פאָזיציע ווערט שוואַך.

דער אמתער גלויביקער רעדט נישט אַזוי פייערדיק, נאָר דער רעגעגאַט, וואָס פילט, אַז זיין בנין, וואָס איז אויפגעבויט אויף אַ' שלעכטן יסוד, וואַקלט זיך אונטער אים.

דאָס קריסטנטום פון ליבע האָט אים דערפירט צו שנאה, נישט קענענדיק לעבן ווי אַ קריסטלעכער קדוש, האָט ער געהאַסט די תאוות, און די פרוי אַלס אָביעקט פון זיינע תאוות... און דאָס יידישע אין זיך, אין וועלכן ער האָט געגלויבט צו זען אַ מניעה פאַר זיין קריסטלעך-נזירישן וועג.

„נישט פאַראַן קיין גייסטיקער טויט אָן פיזישן", – זאָגט אונז וו. זיין גייסטיקער טויט איז געווען זיין שמד, פון וועלכן ס'ציט זיך אַ גראָדער וועג צו זיין פיזישן טויט.

ער, דער אמתדיק יידישער חסיד און מקובל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די סודות פון „דוכרא ונוקבא", מיט אַ „חקל תפוחין"-סימבאָליק... איז מערקווירדיק אַנטלאָפן פונם

יידנטום, וועלכעס ער האָט געהאַלטן פאַר ניכטער און מאַטעריאַליסטיש, צום... פּראָטעסטאַנטיזם, צו דער מתנגדישער טרוקנקייט אַליין, צו דער רעליגיע, וואָס איז לויט די נייעסטע פאָרשונגען, צוליב איר ניכטערקייט באַצייכנט געוואָרן אַלס רעליגיע פון קאַפּיטאַליזם.

זיין טראַגיק איז געווען די טראַגיק פונם אַסימילירטן יידנטום — נשמה-געשפּאָלטנקייט. פאַראַן פיל אַסימילירטע יידן, וואָס פילן מכלומרשט נישט דידאָזיקע טראַגיק, צו זיין אומגליק אָבער איז ער געווען אַ גרויסער מענטש — דער „גאון” פון דער אַסימילאַציע, ווען ס'איז אויסגעקומען איבערצולעבן אויף זיך איר טיפסטן צער...

ער האָט אַליין געפירט אַזאַ היסטעריש לעבן, ווי ער האָט עס אַנטדעקט ביי מאַנכע פרויען. ער האָט זיך אַליין אויפגעצווונגען פרעמדע ווערטן און צוליב זיי דערשטיקט די טויזנט-עריקע קולטור-ווערטן, וואָס האָבן אין אים געלעבט... אונזער אַלטע קולטור האָט זיך אָן אים נוקם געווען.

הגם ער האָט אין זיך געהאַט פיל געניאַלס... איז ער דאָך קיין גאון, אינם אמתן זין פון וואָרט, נישט געווען.

גרויסע מענטשן מוזן נאָך גיכער האָבן אַ פעסטן באָדן, ווי אַלע אַנדערע. זיי קענען נאָר לעבן שאַפנדיק דורך די צנורות פון זייער פאָלק פאַר דער מענטשהייט. ווייניגער איז געווען אָפגעשניטן, אַן עבר המדולדל... ער האָט זיך אַליין פאַרמשפט צו כרת, אָפגעשניטן צו ווערן פון דער יידישער אייביקייט. זיין שאַפן איז דערפאַר געווען, ווי דאָס שאַפן פון די בעסטע אַסימיליאַטאָרן, דעסטרוקטיוו. דאָס האַרץ האָט געוואָלט גלויבן — דער שכל האָט אַלץ צעפרעסן.

ער איז נישט געווען קיין וויסנשאַפטס-מענטש און נישט קיין קינסטלער. כדי צו זיין אַ וויסנשאַפטס-מענטש איז ער געווען צו פערזענלעך, כדי צו זיין אַ קינסטלער איז ער געווען צופיל וויסנשאַפטס-מענטש. ער האָט געלעבט צעריסן צווישן וויסנשאַפט און קונסט, נישט קענענדיק קומען צו קיין סינטעז.

וואָלט ער געווען אַ וויסנשאַפטס-מענטש, וואָלט ער זיך אויסגעלעבט אין אַן אָביעקטיווער וועלט, וואָלט ער ווי שפּינאָזאַ און פיל אַנדערע יידישע געלערנטע, וואָס האָבן איבער

זיך געפילט די שליטה פון קריסטנטום, פאָרט נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט.

זיין גרעסט אומגליק איז אָבער געווען דאָס, וואָס ער איז קיין קינסטלער נישט געווען, הגם ער האָט פאַרמאָגט געוואַלטיקע קינסטלערישע פעיקייטן. (זע, למשל, די שילדערונגען פון דער זונה און דעם מיטאָס וועגן דער באַשאַפונג פון מאַן און פרוי אין „ג. און כ.").

לויט זיין בוך איז אוממעגלעך געווען צו לעבן — קעגן זיין בוך האָט ער נישט געקאָנט לעבן.

וואָלט ער געווען אַ קינסטלער, וואָלט ער זיך ווי טאָלסטאָי („קרייצער-סאָנאַטע"), דאָסטאָיעווסקי, ווילדע, פּאָע א. א. אויסגעלעבט אין זיין נזירות, פרויען-שנאה, „פאַרברעכערטום" א. אַז. וו., שאַפנדיק געשטאַלטן, וואָס זאָלן איבערלעבן זיינע שפּאַנונגען.

וויינינגער האָט זיין פּערזאָן גופא געמוזט אַנגאַזשירן פאַר זיינע וועלט- און מענטשנפיינטלעכע אידעען...

ער האָט אַליין געמוזט ווערן דער טראַגישער העלד פון דער געניאַלער דראַמע „געשלעכט און כאַראַקטער" — און אונטערגיין.

זיין ווערק

הקדמות צו ביכער ווערן געוויינלעך געשריבן, כדי דעם לעזער צו באַגייסטערן פאַר די געגעבענע ביכער. אַ בוך ווי „ג. און כ." וואָלטן בכן געוויס קיין הקדמה נישט באַדאַרפט — מחמת ס'רעדט אַליין פאַר זיך — מעכטיקער ווי כל המיני הקדמות. דידאָזיקע הקדמה האָט אָבער מערקווירדיק אויך אַ להיפּכדיקע כוונה. טאַקע דערפאַר, וואָס די ווירקונג פונם דאָזיקן בוך איז אַזאַ מעכטיקע, האַלטן מיר פאַר נויטיק אונזער לעזער-עולם, וואָס באַשטייט ס'רוב פון יוגנטלעכע, אין אַ געוויסער מאָס צו וואָרענען פאַרן דאָזיקן בוך.

כ'געדענק גענוי דעם טאָג און די שעה, ווען דאָס בוך איז געקומען אין מיין האַנט אַריין — עס איז אַ דאַטע אינם לעבן. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין דעמאָלט גראָד געשטאַנען פאַר אַ מאַטורע-עקזאַמען, האָב איך דאָסדאָזיקע בוך נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פון מיין האַנט, נישט אַדורכלייענענדיק עס, ריכטיקער איינשלינגנדיק עס, אַזוי גרויס ווי עס איז

פון טאָוול צו טאָוול... מיט אַלע באַמערקונגען — יעדע פון זיי אַן עולם מלא — אין משך פון איין נאַכט. פיל שטעלן האָב איך נישט פאַרשטאַנען, צווישן די שורות האָב איך אָבער געלעקט אַזאַ גיפט, וואָס האָט מיך איינגאַנצן דורכגעדרונגען, כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון בוך אַן אַנדער מענטש.

נישט האָבנדיק קיין זכרון אַלאַ וויינינגער, געדענק איך דאָך ביז יעצט געננוי אַלץ, אַפילו דאָס נישט פאַרשטאַנענע, וואָס כ׳האָב דעמאָלט אינם דאָזיקן בוך געלייענט. אַזעלכע ביכער, וואָס באַטייטן „אַ טויט-אורטייל" פאַרגעסט מען נישט, באַזונדערס ווען מען לייענט זיי אין דער יוגנט.

כ׳מוז אָבער פונדעסטוועגן זאָגן, אַז קיין שום בוך, וואָס כ׳האָב ווען ס׳איז געלייענט, האָט אויף מיר נישט געהאַט אַזאַ השפעה צום שלעכטן, ווי דאָסדאָזיקע. דורך זיין כשוף האָט עס מיך אַביסל אָראָפּגעפירט פון מיין אייגענעם וועג און מיך פאַר אַ באַשטימטע צייט גייסטיק דערווייטערט פון פיל יידישע אידעאַלן. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אַפילו שפּעטער, ווען כ׳האָב שוין געהאַט געננוג וויסן, כדי מיך גייסטיק צו ווערן, האָב איך פאַרט מורא געהאַט פאַרן דאָזיקן בוך, און דעם עקזעמפּליאַר, וואָס כ׳האָב דערפון באַזעסן, האָב איך אַוועקגעשענקט, כדי עס נישט צו האָבן אין שטוב...

אין וואָס איז באַשטאַנען די מורא? עפּעס דערפון האָב איך שוין דערמאָנט: וויינינגער האָט זיך פאַרשפּינען אין אַ וועלט-פרעמדער און לעבנס-פיינטלעכער עטיק און מיסטיק און האָט פאַר איר פּלעדירט מיט אויסערגעווייינלעך רעטאָרישע, קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע מיטלען, קעגן וועלכע אַ יונגער מענטש קאָן זיך זעלטן ווערן.

דעם לעזער, באַזונדערס דעם יידישן לעזער, וואָס שטייט נאָך נישט אויף אַ פעסטן גייסטיקן באָדן, דראָט די סכנה אַריינגעצויגן צו ווערן פון וו. אין זיין נעץ אַריין.

דאָס בוך צעפאַלט אייגנטלעך אין דריי טיילן. דער ערשטער טייל, דער ביאָלאָגישער, איז נאָך ווי ס׳איז אַ וויסנשאַפטלעכער און ניכטערער, דער צווייטער טייל דער עטיש-פילאָזאָפישער — איז מעטאַפיזיש פעסימיסטיש — דער דריטער טייל, דער מער מיסטישער, איז לגמרי אַ פאַרביטערטער, אַ מענטשנפיינטלעכער.

די לעצטע צוויי טיילן זענען געשריבן געווארן נאך א פארצווייפלטן שמד, צווישן א נישט געלונגענעם און אויסגע־פירטן זעלבסטמארד, און עס איז איבער זיי אויסגעגאסן א מוראדיקע מרה-שחורה. פון מאנכע זייטן, באזונדערס אינם דריטן טייל, בלאזט א קעלט, וואס צעטראגט זיך אין אלע איברים פונם לעזער. דאס איז נישט קיין וויסנשאפטלעכע קאלט־קייט, וואס בארויקט, נאר די קאלטקייט פונם רעוואלווער, וועלכן מיר באררירן—זעלבסטמארדשטימונג.

יעצט 26 יאר נאכן דערשיינען פונם בוך, זענען וו. ווער־טער פאר אונז נישט מער אזעלכע מוראדיקע אנטפלעקונגען. די יוגנט איז יעצט רעאלער און ניכטערער, ווייניקער אינדי־ווידואליסטיש געשטימט, און וועט זיך זיכער פון ווייניגגערס ראמאנטיזמען ניש מער לאזן אזוי שטארק באאיינפלוסן, וואָ־רענען מוז מען דעם לעזער פונדעסטוועגן.

אמתדיק הנאה האבן פונם דאזיקן בוך, מיין איך, קאן נאר דער, וועלכער וועט עס קריטיש לייענען. וואס איז נוגע פסיכאלאגישע באאבאכטונגען און פאקטן, איז אונז קיין שום בוך אויסן דאזיקן געבוט נישט באקאנט, וואס זאל אונז אזויפיל לערנען. די ווערטונגען אבער זענען ס'רוב פאר אונז געשטארבן צוזאמען מיט ווייניגערן.

וואס איז אלץ אינם דאזיקן בוך נישט פאראן? אויפן וועג צו קריטיקירן די פרוי — אנדערע באדייטנדע מענטשן זענען דא אלע ניטשע יוצא מיט א ביסל שארפזין, וויץ און הומאר — האט ווייניגגער דערווייל געפרווט מאכן א רעוואָ־לוציע אין די נאטורוויסנשאפטן, באגרינדן די פסיכאלאגיע אויף נייע יסודות, שאפן א פילאזאפישע שיטה, וואס זאל פארבינדן עטיק און לאגיק, לייגן פונדאמענטן פאר א נייער וויסנשאפט, ווי פון כאראקטעראלאגיע א. אז. וו. און אגב נאך א קליי־ניקייט — לאזן אונטערגיין די גאנצע וועלט.

און דאס אלץ צוליב דער פרוי. היינט גיי ווייס וואס איז אזעלכעס א שונא פון פרויען... און זאג, אז ווייניגגער האט מבטל געווען די סעקסואליטעט?

דאסדאזיקע לאווירן ארום דער פרוי און איינהילן אלע דערשיינונגען אין סעקסואליטעט האט ווייניגערן — פונקט ווי

פֿרוידן — אַפֿילו זייער פּאָפּולער געמאַכט ביים גרויסן עולם, אָבער אים נאָך פֿיל מער שאָדן געבראַכט אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט... ווי מען נעמט אים אָפּט נישט אַזוי ערנסט אַ׳ס דענקער, ווי ער פֿאַרדינט עס.

נישט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעם, אויך נישט אויף דער יוגנטלעכקייט פֿונם פּראָפֿעסער, אויף דער אומרייפֿקייט פֿון פֿיל פֿון זיינע געדאַנקען, וואָס ווערן אָפּט פֿאַרשפּאָט אַלס דילעטאַנטיזם, האָט „ג. און כ.״ פֿאָרט איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם אין דער וויסנשאַפֿט און אין דער קונסט.

אַ טייל פֿון ווייניגערס געדאַנקען שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער שיטה, זיינע צייט-ספּעקולאַציעס זענען אַריין אין איינשטיינס שיטה; מאַנכע פֿון ווייניגערס ביאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען זענען איבערגענומען געוואָרן פֿון שטייגאַכן, הירשפֿעלדן א. אנד. אין זייערע חקירות וועגן דער פֿעסטשטעלונג פֿונם געשלעכט און וועגן האָמאָסעקסואַליטעט; שפּענגלערס געשיכטלעכע מאָרפֿאָלאָגיע קאָן זיך דעסגלייכן פֿאַררופֿן אויף ווייניגערן. ווייניגערס סימבאָליק און מאַנכע אַנדערע געדאַנקען פֿון זיין בוך „איבער די לעצטע דינגע״ זענען געוואָרן צום אני-מאמין פֿונם עקספּרעסיאָניזם—באַזונדערס אין דער מאָלעריי.

ווי ניטשע, וואָלט ווייניגער געוויס געקאָנט וועגן זיך זאָגן, אַז „ער באַדאַרף קיינעם נישט, וואָס זאָל אים אָפּווענדן, ער איז זיך שוין אַליין סותר״. אָבער אויך אַ צווייט וואָרט פֿון ניטשען וואָלט ער געקאָנט אָנווענדן אויף פֿיל פֿון זיינע געדאַנקען: „דאָס, וואָס באַדאַרף האָבן אַ באַווייז איז שוואַך... דאָס, וואָס איך זאָג, באַדאַרף קיין באַווייז נישט״.

פֿאַראַן אין זיין בוך אינטואיציעס, וואָס האָבן זעלטן זייערס גלייכן אין דער וועלט-ליטעראַטור. אינטואיציעס נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר אַזעלכע, וואָס שטיצן זיך אויף וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַקטן. פֿאַקטן, וואָס שטיצן זיך אויף אינטואיציע.

פֿיל פּסיכאָלאָגישע שטעלן אין זיינע ווערק האָבן נאָר זייער גלייכן בײַ שפּינאָזאַן, (ס׳פֿעלט אָבער די גאונישע רויִקייט, מיט וועלכער שפּינאָזאַ האָט באַהערשט זיין מאַטעריאַל...)

„ג. און כ.״ איז אַ קוואַל פון מענטשנקענטניש, פונדאַמענטאַל זענען נישט נאָר די טיפּן פון „מ.״ און „פּ.״, נאָר אויך פון מוטער און פּראָסטיטוטקע, פּאָליטיקער און טוער, פּאַר־ברעכער, רעליגיע-באַגרינדער, פּאַזירער א. אז. וו. ועל כולם זיין לערע וועגן גאון. מייסטערווערק זענען די באָבאַכטונגען און פעסטשטעלונגען וועגן פריינטשאַפט, חרטה, איינזאַמקייט, שטילקייט, היסטעריע א. אז. וו.

„דעם איינציקן פאָרוואורף, אַז מיין בוך איז געווען אָרעם אין גייסט, וועט מען מיר נישט קאָנען מאַכן״ האָט וו. אַמאָל געזאָגט, ווי פּאָרויספילנדיק זיין נאָענטן טויט. דערין האָט ער אליבא דכל הדעות רעכט געהאַט.

זיין באַציונג צו דער פרוי

וויינינגער דערקלערט אונז מכלומרשט, אַז ער מיינט חלילה נישט צו באַקעמפן דורך שנאה די פרוי, נאָר „פּ.״, דאָס פרויענהאַפטע, דעם פרויען-מהות, וועלכן ס׳קאָן אזוי גוט באַזיצן אַ מאַנספּערשוין ווי אַ פרוי. וויינינגערס פריינט גערבער גייט נאָך פיל וויטער: „אין וויינינגערס האַרץ — זאָגט ער — האָט נאָר געוווינט ליבע, ליבע צו פלאַנצן, חיות און על אחת כמה וכמה צו מענטשן, עס איז דערפאַר אויסגעשלאָסן, אַז וויינינגער זאָל האָבן פיינט געהאַט פרויען. דאָס, וואָס ס׳שיינט אונז ביי וו. צו זיין שנאה, איז נאָר אַ געפיל פון צער צוליב דער אוממאָראַלישקייט פון מענטשן.

מיר קענען דאָ סיי מיט וויינינגערן, סיי מיט גערבערן נישט איינשטימען. פאַקטיש זענען וויינינגערס ווערק אַדורכגעדרונגען מיט פאַרביסענער שנאה צו פרויען, נישט בלויז צום פרויען-מהות, נאָר צו דער רעאַלער פרוי, צו אונזער אַלעמענס מאַמעס און שוועסטערן, ווי איידל זיי זאָלן נישט זיין.

וו. דערקלערט אונז נישט נאָר בפירוש, אַז הגם ער רעדט נאָר וועגן פרויען-מהות, פאַרקערפּערט זיך דאָך דערדאָזיקער מהות הויפּטזעכלעך אין דער פרוי... נאָר ער גייט אזוי וויט אין זיין שנאה-פאַרבלענדניש, אַז ער זאָגט זיך דערפאַר אַרויס, אַז אַ מאַנספּערשוין אויף דער נידעריקסטער מענטשלעכער מדרגה שטייט נאָך אַלץ העכער פאַר אַ פרוי אויף דער

העכסטער מענטשלעכער מדרגה. דעם לעצטן אבסורדאלן זאץ מיט וועלכן ער קאן שוין געוויס נישט האבן געמיינט דעם פרויען-מהות, געפינט ער פאר נויטיק, מחוץ זיין געוויינהייט, אויך צוויי מאל איבערצוחזרן.

פון וואנען נעמט זיך צו א יונגן מענטש ווי וו. אזא שנאה ?

מען האט עס הויפטזעכלעך געפרווט צו פארענטפערן דורך פארשידענע רכילותן. מען האט געדרשנט, דערעיקר פרויען, פארשטייט זיך, „אז איינע האט זיך נוקם געווען פאר אנדערע" און אים געהעריק אנגעלערנט, אזוי אז ער זאל האבן צו זינגען און צו זאגן, אז ער האט נאר געקענט פראסטיטוטקעס, און האט פון זיי געשעפט זיינע ידיעות וועגן פרויען, אז ער האט נאר געקענט פוסטע בורזשואזע פרויען און נישט קיין ערנסטע פראלעטארישע, אז ער איז געווען א האמאסעקסואליסט, א ווענעריש-קראנקער א. אז. וו.

די דאזיקע אלע ווערסיעס זענען אומבאגרינדעטע. פרייגט פון ווייניגערן, באקאנטע פערזענלעכקייטן, זענען מבטיח, אז ער האט אין זיינע לעצטע יארן געלעבט לויט זיינע טעאריעס ווי א נזיר.

אנדערע האבן געמיינט, אז זיין שנאה צו פרויען האט זיך גענומען דערפון, וואס ער איז זייער מיאוס געווען און האט בא פרויען קיין דערפאלג נישט געהאט... פאראן א יש אומרים, אז צוליב זיין אומדערפאלג בא פרויען, איז ער באגאנגען זעלבסטמארד. דאס ווילט זיך אונז נאך ווייניקער גלויבן ווי כל המיני רכילותן.

ווין איז נישט קיין וואלד, און ווינער פרויען זענען, אויף אזוי ווייט ווי מיר קענען זיי, חלילה נישט אזעלכע אכזריות, אז זיי זאלן א יונגן מענטש לאזן אפקומען תעניתים און אונ-טערגיין... מיר האבן שוין אויבן געזען, אז וו. איז קיין מיאוסער מאנספערשוין נישט געווען. נאר ווען ער זאל אפילו זיין געווען „כמעט מיאוס" וואלט אים, דעם יונגן ד"ר פיל. בפרט דעם „פרויען-פיינט", וואס האט אקארשט ארויסגעלאזט אזא „פיקאנט" בוך אלס „אינטערעסאנטן" און „דעמאנישן" — פרויען געפינען שוין זכיות — געוויס קיין דערפאלג נישט געפעלט... ווען ער וואלט נאר געוואלט.

פון אַזעלכע סיבות, ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, ווערט נאָך געוויס אַזאַ בוך, ווי „ג. און כ.״ נישט געבוירן. מיר מוזן וויינינגערס שנאה זוכן פיל טיפער — אין זיין נשמה.

אונזער מיינונג וועגן דעם קוואַל פון דערדאָזיקער שנאה האָבן מיר שוין אייגנטלעך אַרויסגעזאָגט: וו. איז לויטן אַלטן כלל פון „כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו״. געווען בטבע שטאַרק זינלעך, ליידנשאַפטלעך. ווי ס׳ווייזט זיך אויך אַרויס פון תאווה-לידער, וועלכע ער האָט געשריבן אַלס 19-יעריקער בחור. ער האָט זיך אָבער אַריינגעשפּינען אין אַ וועלט-אָנשויונג, וואָס איז געווען געווענדט קעגן זיין נאַטור, קעגן זיינע מעכטיקע אינסטינקטן.

אַחוץ זיין קריסטנטום, לויט וועלכן „אַן אויג, וואָס קוקט אויף אַן אשה מיט באַגערן, באַדאַרף אויסגעשטאָכן צו ווערן״... האָט ער אָבער פּאָרט זיינע תאוות נישט געקאָנט גובר זיין, ער איז פאַר זיי נאָר אַנטלאָפן... זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט.

נישט קענענדיק לעבן לויט זיינע איבערצייגונגען, פילנדיק זיך געראָדפט דורך זיין תאווה... האָט ער פיינט באַקומען דעם אָביעקט פון זיין תאווה, די פרוי, וועלכע האָט אים מכלומרשט פאַרפאָלגט.

דידאָזיקע מיינונג וועגן וויינינגערס פרויען-שנאה ווערט אונז באַשטעטיקט דורך וויינינגערן אַליין, וועלכער האָט זיך פאַר זיין טויט אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דערדאָזיקער שנאה. (זע דעם סוף פונם דאָזיקן קאַפּיטל).

פונוואַנען נעמט זיך אָבער וויינינגערס שנאה צו דער סעקסואַליטעט גופא? פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרוויקלט אין אַזאַ עטיק און מיסטיק, וואָס באַקעמפן אַלדאָס סעקסועלע? עפּעס האָט דאָך אין אים געמוזט זיין אַזעלכעס, וואָס האָט אים געפירט אויף אַזעלכע דרכים? צי האָט זיך דאָ נישט די ליבע, די סעקסואַליטעט גופא, ווי ס׳קומט אָפט פאָר, פאַרוואַנדלט אין איר קעגנטייל — אין נזירות?*)

*) זע דעריבער ה. העכסט אינטערעסאַנטע אויספירונגען וועגן היסטעריע אינם דאָזיקן בוך. זיי זענען אויך עלול צו וואַרפן ליכט אויף זיין אייגענער מכלומרשטער אַפּנייגונג צום סעקסועלן, לויט זיין אייגענער מיינונג, פאַרשטייט מען נאָר בלויז דאָס, וואָס מען האָט אין זיך...

פראָפ. סוואָבאָדאַ האָט דעריבער אַרויסגעזאָגט פאָלגנדן שיינעם געדאַנק: באַ דעם מאַסנמענטש איז די תאווה ס'רוב גיכער אַ מאָראַלישער כוח, וואָס דינט דער מענטשלעכער אַנט-וויקלונג. דער פשוטער מענטש שטרעבט דערצו, באַוווסט אָדער אומבאַוווסט, זיך צו פאַרמערן און צו פאַרפולקומען זיין מין, צו שטייגן גייסטיק דורך זיינע קינדער און קינדס-קינדער, וואָס אַמאָל העכער, ביז ס'ווערט דורך אים דערגרייכט די העכסטע גייסטיקע מדרגה, וואָס איז מן הסתם געלעגן אינם עיקר תכלית פון דער וועלט. דער גאון, דערקעגן, וואָס האָט שוין דערגרייכט די העכסטע מענטשלעכע מדרגה, האָט נישט מער נויטיק צו פרוכפערן קינדער. זיין סעקסואַליטעט איז דערפאַר נאָר אַ זינדי-קע, מחמת זי האָט אַחוץ זינלעכער הנאה קיין שום תכלית נישט...

סוואָבאָדאַס מיינונג לאָזט זיך אַפילו באַשטעטיקן דורך פיל ראיות... נישט בחנם האָבן גאונים ס'רוב געהאַט קינדער דעגענעראַטן... אָדער האָבן ספּעציעל געהאַט נייגונגען צו אומ-גליקלעכע ליבעס און זענען אָפט דורך זיי נכשל געוואָרן... ווי אינטערעסאַנט דידאָזיקע מיינונג זאָל נישט זיין, איז זי אָבער פאָרט נאָר אַן אַלגעמיינע מעטאַפיזישע דערקלערונג, וואָס לאָזט זיך אויף אַ ספּעציעלן פאַל נישט אָנווענדן. (אַגב פאַרוואָס זענען געווען אַזויפיל בזירים נישט-גאונים?).

ווי ווייט ס'האַנדלט זיך וועגן ווייניגערן אַליין, האָבן מיר די סיבה פון זיין קריסטלעכער רעליגיעזיטעט געוויס מיט רעכט געזוכט אין זיין באָדנלאָזיקייט. איז דאָך דאָס קריסטנטום גופא אַנטשטאַנען אין אַ צייט, ווען יידן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם באָדן פיזיש און גייסטיק (גייסטיק דורכן העלעניזם!)

ווי ס'זאָל נישט זיין, אָן דעם פאַקט פון זיין קריסטלעך-בזירישער אויפפאַסונג מוזן מיר זיך דאָ האַלטן.

פיל מענטשן שטעלן זיך אָפט אויך די פראַגע: צי איז וו. גערעכט געווען אין זיין שנאה צו פרויען? אַזאַ פראַגע איז לגמרי קיין פראַגע נישט. מען קאָן אַזוי גוט נישט פרעגן, אויב וו. האָט רעכט, ווי מען קאָן נישט פרעגן: צי האָבן רעכט מאַנכע פון אונזערע חסידים, ווען זיי זיצן נישט מיט אַ פרוי באַ איין טיש? צי זענען פיל קאַטוילישע מענער און פרויען גערעכט, ווען זיי פאַרברענגען אין קלויסטער? מען קאָן דאָ

בכלל נישט רעדן וועגן רעכט אָדער אומרעכט — עס איז אַ רעליגיעזער באַגעם.

וויסנשאַפטלעך קאָן אונז דאָ וו. גאָרנישט „באַווייזן". נאַטורוויסנשאַפטלעך קאָן מען געוויס נישט רעדן דערפֿן, אַז אַ פֿרוי זאָל שטיין אויף אַ נידריקערער מדרגה ווי אַ מאַנספּערשוין. אין דער נאַטור זענען נישט פֿאַראַן קיין ווערטן און די פֿרוי איז אַזוי גוט איינגעפֿלאָכטן אין וועלט-סיסטעם ווי דער מאַנ-ספּערשוין. פֿילאָזאָפֿיש-עטיש האָבן מיר געוויס דאָס רעכט צו האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי וו.

פּלאַטאָן און קאַנט, ווייניגערס רבים, „געטער", האָבן אַחוץ אַלע כוונות, וועלכע וו. טייטשט אין זיי אַריין, דאָ געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג.

פּלאַטאָן איז גאַנץ ווייט געווען פֿון ווייניגערס מיינונג, אַז „אַלץ, וואָס מען רופֿט אָן ליבע, אַחוץ „פּלאַטאָנישער ליבע" געהער אין חזיר-שטאַל אַריין". אין זיין „שטאַאַט" האָט פּלאַטאָן נישט נאָר געפֿאָדערט גלייכע רעכט פֿאַר פֿרויען, נאָר ער האָט זיך אויך אויספֿירלעך (ווי די יידישע חכמים, לויט וו. — סאַראַ בושה!) באַשעפֿטיקט מיט פֿראַגן פֿון דער מענטשלעכער פֿאַר-מערונג, אין וועלכער ער האָט געזען אַ שטיק „השארת הנפש".

קאַנט איז געוויס ווייט געווען דערפֿון אָנצווענדן דערויף זיין „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו", אַז דער מאַן זאָל די פֿרוי דורך סעקסואַליטעט נישט דערנידעריקן צו אַ זאַך. ער האָט העכסטנס פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די פֿרוי אַכטן אַלס מענטש אַפֿילו אינם סעקסועלן צוזאַמענלעבן (פּיכטע). אין זיין פּריוואַט-לעבן האָט קאַנט זייער הויך געשעצט זיינע גייסטיקע אונטער-האַלטונגען מיט פֿרויען.

וו. קאָן זיך, ווי געזאָגט, נאָר פֿאַררופֿן אויף זיין גלויבן. מיר האָבן דאָ געוויס קיין רעכט נישט ווייניגערן אָפּצוּוועדן אין זיינע רעליגיעזע געפֿילן, דאָ הייסט עס „של נעלך, כי אדמת קודש היא..." מיר האָבן אָבער דאָס רעכט נישט צו גלויבן. ווי איז דער דין, ווען מיר זענען נישט קיין מאמינים? נעמט אַוועק פֿון ווייניגערס בוך זיין רעליגיעז-עטישן „באַבאָק"... צעפֿאַלט זיין גאַנצער בנין פֿון פֿרויען-שנאה ווי אַ שפּינוועבעכץ.

וו. באַשולדיקט די פֿרוי הויפּטזעכלעך אין סעקסואַליטעט.

ווי איז דער דין, ווען מיר זען אין דער סעקסואַליטעט דווקא אַ שיינעם און מעכטיקן כוח, וואָס בויט דאָס לעבן אַרום אונז?

וואָס איז נוגע פאַקטן און באַאָבאַכטונגען וועגן פרויען... געפינען מיר זייערס גלייכן זעלטן אין דער וועלט-ליטעראַטור. ווייני-גערס ווערטונגען זענען נאָר געווען זיין רעליגיעז פאַרבלענדעניש.

זיין שנאה האָט זיך אָן אים נישט קריסטלעך גוקם געווען. שאָפּענהויער, וועלכער איז אין זיין לעבן, אין דערדאָזיקער הינ-זיכט, נישט געווען אַזוי קאָנסעקווענט ווי וו. האָט אַלס ביינזער מענטש אמתדיק הנאה געהאַט פון זיין שנאה צו פרויען — און יידן... ווייניגער האָט געהאַט אַ האַרץ, וואָס איז פעיק געווען צו ליבן — אָבער ער האָט זיך אַלייז פאַרסמט זיין נשמה. ווען ער האָט חרטה געהאַט, איז שוין געווען צו שפּעט.

צווישן די לעצטע אַפאָריזמען, וועלכע וו. האָט אָנגעשריבן פאַר זיין טויט, געפינען מיר עטלעכע שורות געשריבן אין דער גרעסטער נערוואָזיטעט... שורות, אָן וועלכע מען זעט אָן, אַז עס איז אים נישט לייכט אָנגעקומען זיי אָנצושרייבן—אפשר האָט ער מיט זיי אויסגעהויכט זיין נשמה — וואָס אַנטהאַלטן פאָלגנ-דיקן ווידוי:

„ווי קאָן איך דען די פרויען פאָרוואַרפן, אַז זיי וואַרטן נאָר אויף אַ מאַנסביל, ווייבאַלד דער מאַנסביל וויל אויך נישט עפּעס אַנדערש ווי זיי. עס איז נישט פאַראַן קיין מאַנסביל, וואָס זאָל זיך נישט פרייען, בעת ער ווירקט אויף אַ פרוי סעקסועל. די שנאה צו דער פרוי איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די שנאה צו דער אייגענער נישט איבערוואונדענער סעקסואַליטעט.

זיין באַציונג צום יידנטום

ווייבאַלד ס'איז אמת, אַז וו. איז געווען אַ פאַר-ברעכער, איז ער עס נאָר געווען בנוגע זיין פאָלק. נישט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן, וואָס זענען גע-נוג אָביעקטיוו, זעען אין ווייניגערס קאַפּיטל וועגן יידנטום דירעקט אַ פאַרברעכן.

אָבער מערקווירדיק, מיר מוזן דאָ זאָגן, אַז דווקא דאָס־דאָזיקע קאַפּיטל אַנטהאַלט פיל געדאַנקען, צו וועלכע יעדער נאַציאָנאַלער ייד, הויפּטזעכלעך אַ ציוניסט, וועט מוזן מודה זײַן, ווען ער וועט נאָר וו. ריכטיק פאַרשטיין.

כדי געהעריק אָפּצושאַצן וו. באַציונג צום יידנטום, האָלטן מיר פאַר נויטיק צוערשט איבערצוגעבן דעם צענטראַלן געדאַנק פון זײַן בוך.

אינם גרויסן און גאַנצן וועל איך קיין טעות נישט האָבן, ווײַבאַלד איך וועל דעמדאָזיקן געדאַנק אַזוי פאָרמולירן *):

דער אמתער מהות פון דער וועלט באַשטייט אין גייסטיקע אינדיווידואַליטעטן, מאָנאָדן. די פרוי איז קיין מאָנאַדע נישט, נאָר צעשווימענער חומר, וואָס ווערט געפאָרמט דורכן מאַנס־פּערשוין.

מיט אַנדערע ווערטער, מיר מענער, וואָס האָבן (קאַנטיש גענומען) דורך אונזער גייסט געשאַפן, געפאָרמט די גאַנצע וועלט, האָבן אויך געשאַפן די פרוי. די וועלט האָבן מיר אָבער גע־פאָרמט דורך אונזערע לאָגישע און עטישע ווערטן... די פרוי־דערקעגן האָבן מיר באַשאַפן אין אונזערע זינדיקע מינוטן, ווען מיר האָבן זי באַגערט, כדי מיט איר צו זינדיקן.

מיר זעגען שטאָלץ אויף אונזער גייסטיקער אַנטוויקלונג. בײַ דער פרוי קאָן מען וועגן קיין אַנטוויקלונג פון זיך זעלבסט אַרויס, לויט איר אייגענע השגות און ווערטן, לגמרי נישט רעדן. זי איז שטענדיק געווען דיזעלבע סיי אין אַמאָליקן אשור און בבל, סיי אינם יעצטיקן פּאַריז. זי האָט זיך נאָר „אַנטוויקלט" אין איין ריכטונג... אין דער ריכטונג פון די מענלעכע תאוות.

זי האָט זיך טויזנטער יאָרן געצירט, געקליידט, אַזוי ווי דער מאַנסביל, וואָס באַגערט זי מיט אומרייַנע געדאַנקען, וויל

---

*) מחמת וו. געדאַנקען לאָזן זיך בשום אופן נישט קאָנצענטרירן און פאַרייניטלעכן צו אַ שטיקל שיטה, מוז איך מיר דאָ דערלויבן צוליב קלאָרקייט, וועלכע איז בײַ וו. נישט פאַראַן... געוויסע פרייהייטן, ד. ה. צוליבן צענטראַל־געדאַנק, וועלכן איך וויל פאַרבולטן... בכיוון פעלן מאַנכע פון זײַנע נעבנגע־דאַנקען, וועלכע כ'בין דאָ נישט אויסן. מען קאָן, למשל, אין ווייניגערס געדאַנקען־וועלט נישט אַרײַנפירן דעם באַגריף אַנטוויקלונג, ווי ס'געשעט דאָ.

זי האָבן. — זי האָט זיך נאָר שטענדיק פאַרקליידט אויסערליך, אויבערפלעכלעך, אין אונזער קולטור און קונסט, וויסנשאַפט־קענטנישן — זי שפּילט קלאַוויר, טאַנצט, שטודירט א. אַז. וו., כדי אונז מערער געפעלן צו ווערן און אונז זינדיק צו מאַכן. באמת האָט זי נישט קיין שום שייכות צו אונזער גאַנצער קולטור...

די פרוי האָט אַזוי איר נשמה פאַרלוירן און איז געוואָרן בלויז אַן אָביעקט פאַר אונזער ליידנשאַפט — די פאַרקערפּערונג פונם חטא אַליין.

די ירידה פון דער פרוי, מיינט וו. דאָס, וואָס איז בכלל דאָ אַ „פּ", איז אָבער געקומען אַדאַנק די זינד פונם מאַנספּערשוין. די פרוי קאָן זיך נאָר עמאַנציפּירן, מיינט וו., ווען זי וועט אויפהערן צו זיין אַ פרוי—„פּ" און וועט ווערן אַ מענטש. היות ווי די פרוי, נישט האָבנדיק קיין עטיק, איז נישט מסוגל אויפצוהערן צו זיין דאָס, וואָס זי איז, טאָ האָבן מיר מענער דעם חוב זי צו באַפרייען. דאָס וועט נאָר דערגרייכט ווערן דאַן, ווען מיר וועלן זיין עטיש — עטיש טאָר מען זיך נישט באַדינען מיט אַ מענטש אַלס זאַך — און אויפהערן צו באַגערן די פרוי געשלעכטלעך. נאָר דעמאָלט, ווען די פרוי וועט אויפהערן צו זיין אַ מיטל, וועט זי ווערן אַ מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

פאַר וו. דעם מערב־ייד, וואָס האָט נאָר כסדר געזען פאַר זיך אַסימילירטע יידן, איז פונדאַנען אויס אַבסאָלוט נאָענט געווען דער געדאַנק צו פאַרגלייכן יידן מיט פרויען.

אויך דער ייד (דער אַסימילירטער) האָט ווי די פרוי קיין אינדיווידואַליטעט נישט; פונקט ווי די פרוי האָט זיך אַנט־וויקלט לויטן ווונש פונם מאַנספּערשוין, אַזוי האָט זיך אויך דער ייד טויזנטער יאָרן אַנטוויקלט ווי דער גוי האָט אים געוואָלט האָבן... אַלס מה־יפית־יידל. אויך דער אַסימילירטער ייד האָט קיין שום באַציונג נישט צו דער גאַנצער אַרומיקער קולטור און פאַרקליידט זיך נאָר אין איר אויסערליך, כדי די גויים גע־פעלן צו ווערן. אויך דער אַסימילירטער ייד האָט, ווי די פרוי, קיין באַציונג נישט צו די העכסטע ווערטן פון אַן אייגענער

מלוכה, נאַציע, צו יחוס אָבות... ווי די פּרוי האָט ער קיין אַכטונג נישט צו זיך... א. אַז. וו.

אַזוי גוט ווי די עמאַנציפּאַציע פון דער פּרוי באַשטייט אין דעם, אַז די פּרוי זאָל אויפהערן צו זיין „פּ", דאָס, וואָס די זינד פונם מאַן האָט פון איר געמאַכט, פּונקט אַזוי באַשטייט די עמאַנציפּאַציע פונם ייד אין דעם, ער זאָל אויפהערן צו זיין דאָס, וואָס דער זינדיקער „גוי" האָט פון אים געמאַכט, ער זאָל אויפהערן צו זיין אַ „זשידעק", אַן אָביעקט, אַ מיטל פאַרן גוי, און ווערן אַ מענטש.

וו. קומט אַזוינאָך מערקווירדיק צום ציוניזם, אין וועלכן ער זעט אַ מענלעכן נישט יידישן וועג פונם ייד צו זיך זעלבסט, צו זיין אַ פּערזענלעכקייט. „א י נ ם צ י ו נ י ז ם – זאָגט וו. – ה אָ ב ן ז י ך ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ט ד י א יי ד ל ס ט ע ג ע פ י ל ן פ ו נ ם יי ד נ ט ו ם".

ווי מיר זאָלן זיך נישט באַציען צו וו. מיינונגען וועגן יידנטום, איין זאַך איז פאַר אונז זיכער: ער קאָן נישט האָבן פיינט געהאַט דעם ייד בכלל – נאָר דעם אַסימילירטן ייד.

וו. האָט נישט געהערט צום טיפּ פון אונזערע זשידקעס, וואָס מאַכן קאַריערעס פון זייער יידן-שנאה... זיין שנאה צו יידן איז געווען אַן ערלעכע... און דווקא דאָ באַדאַרפן מיר אים מערקווירדיק גוט צו באַגרייפן...

ער האָט באַקומען אַן אַסימילירטע דערציונג און האָט נאָר געזען אַרום זיך אַסימילירטע יידן: בערזע-ספּעקולאַנטן, פאַרקויפטע זשורנאַליסטישע נשמות, ליטעראַטן, וואָס האַנדלען מיט פרעמדע אידעען א. אַז. וו. יידן, וועלכע זענען פרעמד זייער אייגענער קולטור, על אחת כמה וכמה דער פרעמדער.

ער האָט אַמהעכסטן געשעצט כאַראַקטער. די יידן, וועלכע ער האָט געזען, זענען געווען כאַראַקטערלאָז; מענטשן, וואָס לעבן אָן אמונה, אָן נאַציאָנאַלער ווירדע, אָן זכרון פאַר אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַמביציע, אָן אייגענע אידעאַלן, אָן צוקונפט, אָן פּערזענלעכקייט – אוממענטשן.

כמעט 90 פּראָצ. פאַרוואָרפן, וואָס וו. מאַכט יידן, זענען לגבי אַזעלכע יידן אַבסאָלוט גערעכט. פיל טויזנטער יידן לעבן

נאָך יעצט אַזוי אין די מערב-לענדער, אַ טיף רעליגיעזער מענטש ווי ו. אָבער האָט אַזאַ יידנטום געוויס נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

באַ אַזאַ" דערציונג. און באַ אַזאַ יידנטום, וואָס ו. האָט באַקומען צו זען, דאַרף עס אונז אַפילו נישט חדושן... וואָס ער האָט זיך געשמדט.

וואָלט ער די זכיה געהאַט צו קענען אַן אַנדער יידנטום, דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום, וואָס האָט דעמאָלט אין ווין אָנגעהויבן צו דערוואַכן... וואָלט ער דעמאָלט אין ווין אַריינגעקומען אין די סביבה פון מענטשן ווי נתן בירנבוים, בובער א. אַנד. אָנשטאָט אין די סביבה פון חברים משומדים-אַנטיסעמיטן, ווי עוואַלד (פרידלענדער), לוקא אי אַז. ו. דעמאָלט וואָלט זיין לעבן גענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג.

וואָלט ער געקענט אמתע יידן, כאַראַקטער-יידן, וואָלט ער געוווסט, אַז אַלע זיינע פאָרוורפן זענען נאָר חל... אויף זיינע משומדים... אַז באַ יידן שפּילט יחוס דווקא אַ גרויסע ראָלע, אַז יידן האָבן אַ זין פאַר לאַנד, ערד, וואָס דערגייט ביז צו חלוציזם... אַז יידן זענען נישט בלויז מאַטעריאַליסטן, נאָר ס'רוב רעליגיעזער ווי דער גאַנצער מערב... אַז דער קריסטוס, וועלכן ער האָט געמיינט, איז געווען דורכויס אַ יידישער טיפּ... און נישט ווי ער גלויבט, אַן איבערווינדער פונם יידנטום...

וואָלט ער געקענט יידן און יידנטום, וואָלט ער געוווסט, אַז יידן איז באַקאַנט דער גרויסער ציטער פאַר די סודות פונם לעבן... אַז קבלה איז נישט בלויז „אַ לערע פון צאָלנפאַנטאַסטיק", נאָר זי אַנטהאַלט פיל, פיל פון די שענסטע געדאַנקען, וועלכע ער גלויבט ערשט צו האָבן אַנטדעקט; וואָלט ער געוווסט, אַז באַ יידן איז פאַראַן אַ חסידות. די מיסטיק, וועלכע ער האָט שטענדיק געזיכט... דעמאָלט וואָלט ער אַוודאי אַליין געוועזן אַ חסיד...

וואַרשע, 1929 — ד"ר א. גליקסמאַן

## ליטעראטור:


Otto Weininger: „Geschlecht und Charakter“ 17 Aufl. 1918.

„Über die letzten Dinge“ 6 Aufl. 1920.*)

„ „ „Taschenbuch und Briefe an einen Freund“. Wien 1919.**)

Emil Lucka: „Otto Weininger“, Sein werk und seine Persönlichkeit. Wien 1905.

Herman Svoboda; „Otto Weiningers Tod“. Wien 1923

Georg Klaren: „Otto Weininger“, der Mensch, sein Werk und sein Leben, Wien 1923

W. Müller: „Die Welt als Schuld und Gleichnis“, Wien 1920.

Paul Biro: „Die Sittlechkeitsmetaphysik Otto Weiningers“, Wien 1927

Carl Dellago: „Otto Weininger und sein Werk“, Insbruck 1912.

ד״ר א. גליקסמאן: „גלות השכינה״. העולם 1925, גליון כ״ט.


*) מיט אן הקדמה פון ו. פריינט ראפאפארט.

**) מיט אן הקדמה פון ו. פריינט A. G.

# הקדמה פון מחבר

די אויפגאַבע פון דאָזיקן בוך איז צו וואַרפן אַ ניי, אַנטשיידנדיק ליכט אויף דער פראַגע פון די געשלעכטער. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן צונויפשטעלן וואָס מעגלעך מער איינצלנע כאַראַקטער-שטריכן אָדער אַנטקעגנשטעלן די רעזולטאַטן פון די פריערדיקע וויסנשאַפטלעכע אויסמעסטונגען און עקספּערימענטן; ניין — דער ציל פון דאָזיקן ווערק איז דער פּרווו צוריקצופירן אַלע קעגנזאַצן צווישן מאַנסביל און פרוי צו איין אַלגעמיינעם פּרינציפּ. דערמיט אונטערשיידט עס זיך פון אַלע אַנדערע ביכער פון ענלעכן מין. עס פאַרהאַלט זיך נישט אויף דער אָדער יענער אידיליע, נאָר באַמיט זיך אַריינצודרינגען ביזן לעצטן תוך; עס וואַרפט נישט אָן קיין גאַנצע שטויסן באַטראַכטונגען, נאָר סיסטעמאַטיזירט די גייסטיקע דיפערענצן פון די געשלעכטער; עס באַהאַנדלט נישט קיין פרויען, נאָר די פרוי. וואָס אַן אמת, נעמט עס תמיד פאַר זיין אויסגאַנגס-פּונקט דאָס אַלטעגלעכסטע און אויבערפלעכלעכסטע, אָבער נאָר כדי צו דערקלערן אַלע קאָנקרעטע, אינדיווידועלע דערפאַרונגען. און דאָס איז דאָ נישט קיין „אינדוקטיווע מעטאַפיזיק”, נייערט טריטווייזע פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפונג.

דידאָזיקע אונטערזוכונג איז נישט קיין ספּעציעלע, נייערט אַ פּרינציפּיעלע; זי פאַראכט נישט דאָס לאַבאָראַטאָריום, הגם באַ דער אַנטשיידונג פון טיפערע פּראָבלעמען שיינען זיינע הילפס-מיטלען צו זיין באַגרעניצט אין פאַרגלייך מיט דער שעפערישקייט פון זעלבסט-באַאָבאַכטנדיקן אַנאַליז. דער קינסטלער, וועלכער שטעלט פאַר אַ ווייבלעך וועזן, קאָן אויך שאַפן עפּעס טיפּישס, הגם ער זאָל זיך נישט האָבן דערביי באַוואָרנט מיט

דעם אַטעסטאַט פון די אָפיציעלע עקספערטן. דער קינסטלער פאַרוואַרפט נישט די דערפאַרונג, אדרבא, דאָס דערוועקט אַ וואָס מעגלעך גרעסערע דערפאַרונג באַטראַכט ער פאַר זיין אומ־מיטלבאַרן חוב. אָבער זי דינט אים אַלס אויסגאַנגס־פונקט צום פאַרטיפן זיך אין זיך גופא, וואָס נעמט אין דער קונסט אַן דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרטיפן זיך אין דער וועלט.

די פסיכאָלאָגיע, מיט וועלכער עס ווערט זיך באַנוצן אונ־זער אָפהאַנדלונג, איז אַ דורכאויס פילאָזאָפישע, הגם איר אייגנ־טימלעכער מעטאָד, וועלכער איז אַרויסגערופן דורך דער אייגנ־טימלעכער טעמע, צווינגט אונז אַרויסצוגיין פון די טריוויאַלסטע דערפאַרונגס־פאַקטן. אָבער די אויפגאַבעס פונם פילאָזאָף און קינסטלער אונטערשיידן זיך נאָר לויט דער פאָרם. דאָס, וואָס פאַר איינעם איז סימבאָל, ווערט פאַרן אַנדערן באַגריף. די קונסט פאַרהאַלט זיך לגבי דער פילאָזאָפיע, ווי די פאָרם לגבי דעם אינהאַלט. דער קינסטלער האָט אין זיך איינגעאָטעמט די וועלט, כדי זי צוריק אַרויסצואָטעמען פון זיין נשמה; פאַר דעם פילאָזאָף איז זי אויסגעאָטעמט, און ער מוז זי צוריק איינאָטעמען אין זיך.

פונדעסטוועגן טראָגט תמיד יעדע טעאָריע אומפאַרמיידלעך עפּעס פּרעטענציאָנעלס אין זיך; און דערזעלביקער אינהאַלט, וואָס דערשיינט אין דעם קונסטווערק אַלס פולשטענדיק נאַטירלעך, איז דאָ, אין פילאָזאָפישן סיסטעם, אין דער פאָרם פון אַ צו־גויפגעפרעסטער באַהויפּטונג וועגן אַן אַלגעמיינער דערשיינונג, אין דער פאָרם פון אַ טעזע, וועלכע איז אונטערגעוואָרפן דעם פּרינציפּ פון גענוגנדיקער באַגרינדונג און באַווייזבאַרקייט, קאָן ער ווירקן פיל שאַרפער, יאָ, אַפילו באַליידיקנדיקער. דאָרט, ווו אונזער באַטראַכטונג איז באַזונדערס אַנטיפעמיניסטיש — און דאָס איז זי כמעט תמיד — דאָרט וועלן אויך די מענער נישט גאָר גערן און נישט מיט פולער איבערצייגונג מסכּים זיין מיט אונזערע אָנשויונגען: זייער סעקסועלער עגאָיזם לאָזט זיי זען די פרוי אין יענעם ליכט, אין וועלכן זיי וואָלטן זי וועלן זען, אין וועלכן זיי וואָלטן זי געקאָנט און געוואָלט ליב האָבן.

הײנט ווי־זשע זאָל איך ערשט נישט זיין צוגערייט

אויפן ענטפער, וועלכן ס'וועלן געבן די פּרויען אויף מיין אורטייל איבער זייער געשלעכט?

דאָס, וואָס די גאַנצע אונטערזוכונג איז אין איר סוף געוועגדט אַקעגן דעם מאַנסביל, צושרייבנדיק אים די גרעסטע און אייגנטלעכע שולד — וואָס אַן אמת, אין אַ טיפערן זינען, איידער עס שטעלן זיך דאָס פאַר די פרויען-רעכטלעריגס — וועט דאָ קנאַפּ וואָס העלפן דעם מחבר; מחמת דערדאָזיקער שטודיום איז פון אַזאַ מהות, וואָס קאָן אים אַמווייניקסטן צוהעלפן צו דער רעהאַביליטאַציע באַ דעם ווייבלעכן מין.

צום שולד-פּראָבלעם אָבער דערגייט דער אַנאַליז דערפאַר, וואָס ער הויבט זיך אויף פון די פאָדערשטע, אַמנאָענטסטן ליגנדיקע דערשיינונגען ביז צו פונקטן, פון וועלכע עס עפנט זיך אַ ברייטער אויסבליק נישט בלויז אויף דעם מהות פון דער פרוי און איר באַטייט אין דעם אוניווערס, נאָר אויך אויף איר פאַרהעלטעניש צו דער מענטשהייט און צו אירע לעצטע און העכסטע אויפגאַבעס, פון וואַנען מ'קאָן פאַרנעמען אַ באַשטימטע שטעלונג לגבי דעם קולטור-פּראָבלעם און אָפּשאַצן די ראָליע פון דער ווייבלעכקייט אין דעמ וועלט-סכום פון אידעאַלע צילן. דאָרט בכן, ווו דער קולטור-פּראָבלעם און מענטשהייטס-פּראָבלעם פאַלן זיך צונויף, קאָן מען זיך נישט באַגרעניצן מיט דער בלויזער אויסטייטשונג; דאָ באַדאַרף מען אויך אָפּשאַצן — יאָ, דאָ פאַלן זיך צונויף פון זיך גופא דערקלערונג און אָפּשאַצונג.

צו אַזאַ הויכקייט פון אויסבליק איז אונזער אונטערזוכונג כמעט ווי געצוואונגען צוצוקומען, נישט האָבנדיק כלל לכתחילה געשטרעבט דערצו. אויף דעם עמפּיריש-פּסיכאָלאָגישן באָדן גופא קומט אונזער אונטערזוכונג ביסלעכווייז צו דער איבערצייגונג אין דער אומגענוגנדיקייט פון יעטוועדער עמפּיריש-פּסיכאָלאָגישער פילאָזאָפיע. איר יראת-הכבוד פאַר דער דערפאַרונג ווערט דורכדעם בשום אופן נישט פאַרמינערט, אדרבא, דער זין פאַר דער עמפּירישער ווירקלעכקייט ווערט נאָר דערמיט פאַרשטאַרקט, און נישר צעשטערט, ווען דער מענטש זעט אין דער דערשיינונג — יענע איינציקע זאַך, וואָס אַן אמת, וועלכע ער לעבט איבער — דידאָזיקע באַשטאַנדטיילן, וועלכע גיבן אים די

זיכערקייט, אַז עס עקזיסטירט נישט ב ל ו י ז דערשיינונג, וויבאַלד ער פאַרנעמט אין איר יענע צייכנס, וועלכע ווייזן אָן אויף עפּעס העכערס, וואָס ליגט איבער דער דערשיינונג.

אַז אַזאַ אורקוואַל איז פאַראַן, לאָזט זיך פעסטשטעלן, ווען אַפילו קיין שום בן-אדם איז נאָך נישט געלונגען צו אים צוצוקומען. ביז צו דער נאָענטקייט פון דאָזיקן קוואַל וויל אונז אויך פירן דאָסדאָזיקע בוך; און עס וועט פריער נישט רוען, כל-זמן דאָס וועט נישט דערגרייכט ווערן.

אין דאָזיקן ענגן קרייז, אין וועלכן עס שטויסן זיך גע־וויינלעך צונויף די קעגנזעצלעכע מיינונגען וועגן דער פרוי און פרויען-פראַגע, איז, פאַרשטייט זיך, נישט מעגלעך געווען צו שטרעבן צו אַזאַ הויכן ציל. אָבער דער פּראָבלעם איז אַזאַ, וואָס שטייט אין נאָענטסטער שייכות מיט אַלע טיפסטע רעטענישן פון דער הויה. נאָר אונטער דער זיכערער פירונג פון אַ וועלט־אָנשויונג קאָן ער, פּראַקטיש און טעאָרעטיש, מאָראַליש אָדער מעטאַפיזיש געלייזט ווערן.

וועלטאָנשויונג (וויבאַלד זי פאַרדינט נאָר דעמדאָזיקן נאָ־מען) קאָן קיינמאָל נישט זיין קיין מניעה צו דער דערגרייכונג פון אַ ספּעציעלער דערקענטעניש; להיפך, זי איז נאָר בכוח אויפצוהויבן יעדע אינדיווידועלע דערקענטעניש אויף דער מדרגה פון טיפערן, דורכדרינגענדיקן אמת. ו ו ע ל ט - אָ נ ש ו י ו נ ג א י ז פ אַ ר ז י ך ג ו פ א פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו; אָבער קיינמאָל וועט זי זיך נישט לאָזן דערגרייכן סינטעטיש אַפילו פון דער גרעסטער סומע ספּעציעלע קענטענישן, ווי עס מיינען מענטשן פון אויסשליסלעכער עמפּירישער ריכטונג אין דער וויסנשאַפט.

אין דאָזיקן בוך זענען נאָר געגעבן די שפּראָצלעך פון יענער אַלגעמיינער אָנשויונג, וועלכע שטייט אַמנאָענטסטן צו די וועלט־אָנשויונגען פון פּ ל אַ ט אָ ן, ק אַ נ ט און ק ר י ס ט נ ט ו ם. אָבער דעם וויסנשאַפטלעכן, פּסיכאָלאָגיש-פילאָזאָפישן און לאָגיש־עטישן יסוד איז מיר אויסגעקומען על-פי-רוב צו באַשאַפן דאָ גאַנץ זעלבשטענדיק. פיל זאַכן איז דאָ, וואָס אַן אמת, נישט מעגלעך געווען געניער צו אַנטוויקלען און כ׳פאַרהאָף זיי אויף אַן אַנדער אָרט אויספירלעכער צו באַגרינדן. וויבאַלד־זשע איך שטרייך דאָ ספּעציעל אונטער גראַד דידאָזיקע זייט פונם בוך,

דערקלערט זיך דאָס דערמיט, ווייל מיר גייט מער אין ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף די אין אים אַרויסגעזאָגטע אָנשויוּנגען וועגן די טיפסטע און אַלגעמיינסטע פּראָבלעמען, איידער אין דעם בייפאַל, וועלכן עס קאָן אַלנפאַלס דערוואַרטן זייער באַזונדערע אָנווענדונג לגבי דער פרויען־פראַגע.

דעם פילאָזאָפיש־געשטימטן לייענער וועט עס אודאי אַרן, וואָס די באַהאַנדלונג פון די העכסטע און לעצטע פראַגעס פון דער מענטשהייט שיינען דאָ צו זיין געשטעלט אין דינסט פון אַ ספּעציעלן, נישט גאָר חשיבותדיקן פּראָבלעם; פון מיין זייט קאָן איך זאָגן, אַז כ׳פאַרשטיי דורכויס דאָסדאָזיקע אומאָנגענעמע געפיל. אָבער זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער ספּעציעלער פּראָבלעם פון געשלעכטס־קעגנזאַץ בילדעט דאָ גיכער דעם אויסגאַנגס־פּונקט, איידער דעם ציל פון טיפערן אַריינדרינגען. די באַאַרבעטונג פון דאָזיקן פּראָבלעם האָט געבראַכט רייכע פּירות אויך פאַר די לאָגישע קאַרדינאַל־פראַגעס מכּוח אורטייל און באַגריף און זייער פאַרהעלטעניש צו די אַקסיאָמען פון דענקען, פאַר דער טעאָריע פון קאָמיזם, ליבע, שיינקייט און ווערט, ווי אויך פאַר אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי איינזאַמקייט, עטיק און זייער קעגנזייטיקע באַציונג, פאַר דעם פענאָמען פון געניאַליטעט, פון אומשטערבלעכקייטס־באַדערפעניש און פון יידנטום.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דערדאָזיקער גאַנצער רייכער מאַטעריאַל האָט געקאָנט זייער גוט אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון דעם ספּעציעלן פּראָבלעם, מחמת וואָס מער עס פאַרברייטערט זיך דאָס געביט פון די פאָרשונגען, אַלץ מער טרעט ער אַרויס אין ליכט פון אַלץ פאַרשידנאַרטיקערע באַציונגען. און וויבאַלד אין ווייטערדיקן צוזאַמענהאַנג שטעלט זיך קלאָר אַרויס, ווי שוואַך עס זענען די האָפענונגען, וואָס די קולטור קאָן פאַרבינדן מיטן מהות פון דער פרוי, וויבאַלד די לעצטע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער אונטערזוכונג באַטייטן אַ פולשטענדיקע אַנטוּוערטונג, יאָ, אַפילו אַ נעגאַציע פון דער ווייבלעכקייט, דאַרף מען נאָך דערפון נישט אַרויסדרינגען, אַז זי שטרעבט צו פאַרניכטן עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַראַן, אָדער צו דערנידעריקן אַזאַ ווען, וואָס האָט שוין אַלס אַזעלכס אין זיך גופא אַ געוויסן ווערט. מחמת אַ גרויל וואָלט מיך אַרומגעכאַפּט פאַר

מיין אייגענער טאַט, ווען איך זאָל דאָ באמת זיין בלויז צע־שטערער און וואָלט גאָרנישט איבערגעלאָזט אויפן פלאַץ! די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון בוך זענען אפשר ווייניקער קרעפטיק אינסטרומענטירט געוואָרן: ווער אָבער עס קען הערן, וועט זיי געוויס קאָנען פאַרנעמען.

דאָס ווערק צעפאַלט זיך אין צוויי טיילן: אין אַן ערשטער ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער, און אַ צווייטער פּסיכאָלאָגיש־פילאָזאָ־פישער. אַנדערע וועלן אפשר האַלטן, אַז כ׳האָב געדאַרפט די אַרבעט פונאַנדערטיילן אויף צוויי באַזונדערע ביכער: אויף אַ ריין נאַטורוויסנשאַפטלעכן און אַ ריין אינטראָספּעקטיוון. כ׳האָב זיך אָבער געמוזט באַפרייען פון דער ביאָלאָגיע, כדי צו קענען זיין אינגאַנצן פּסיכאָלאָג. די צווייטע טייל באַהאַנדלט גייסטיקע פּראָבלעמען גאַנץ אַנדערש, איידער עס וואָלט עס געטון אַ היינ־טיקער נאַטורפאָרשער, און כ׳גיב זיך גאַנץ גוט אָפּ חשבון דערפון, אַז דערמיט אַליין דערוועק איך אין לייענער אַ שטאַרקן אומצוטרוי אויך צו דער ערשטער טייל פון דערדאָזיקער אַרבעט. פונדעסטוועגן איז אָבער די ערשטע טייל אויסגערעכנט אויף דער אויפמערקזאַמקייט און אָפּשאַצונג מצד דער נאַטורוויסנשאַפט, וואָס מ׳קאָן נישט זאָגן בנוגע דער צווייטער טייל, וועלכע איז מער געווידמעט דער אינערלעכער דערפאַרונג, מיטן אויסנאַם אפשר פון ווינציקע שטעלן. היות ווי דידאָזיקע צווייטע טייל איז אויסגעוואַקסן פון אַ נישט פּאָזיטיוויסטישער וועלטאָנשויונג, וועלן אפשר אַ סך באטראַכטן ביידע טיילן פאַר אומוויסנשאַפט־לעך (הגם דער פּאָזיטיוויזם גופא ווערט דאָרט זייער שטרענג אָפּגעפרעגט). נאָר דערמיט מוז איך לעת־עתה שלום מאַכן אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די ביאָלאָגיע האָט באַקומען דאָס, וואָס איר געהערט, אויפהיטנדיק דאָס רעכט פון אומביאָ־לאָגישער און אומפיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע, וועלכעס וועט איר בלייבן אין אַלע צייטן.

בנוגע געוויסע פונקטן וועט מען אפשר פאָרוואַרפן אונזער ווערק, אַז עס גיט ווייניק באַווייזן; אָבער דאָס טאַקע ווייזט זיך מיר אויס איר קלענסטער חסרון. מחמת וואָס קאָנען הייסן אין דערדאָזיקער פראַגע „באַווייזן״? נישט וועגן מאַטעמאַטיק און נישט וועגן דערקענטעניש־טעאָריע (וועגן דער לעצטער נאָר אין

צוויי שטעלן) גייט אין דערדאָזיקע אָפּהאַנדלונג; דאָס זענען זאַכן, וועלכע געהערן צו דערפאַרונגס-וויסנשאַפטן און דאָ קאָן מען העכסטנס אָנווייזן מיטן פינגער אויף דעם, וואָס איז פאַראַן; דאָס בכן, וואָס מ׳רופט דאָ אָן באַווייזן, איז מערנישט ווי בלויזער צונויפפאַל פון די נייע דערפאַרונגען מיט די אַלטע. און מהאי טעמא איז עס אַלצאיינס, צי איז די נייע דערשיינונג געשאַפן געוואָרן דורכן מענטש עקספּערימענטאַל, אָדער מיר באַגעגענען זי שוין אַלס פאַרטיקע שאַפונג פון דער נאַטור. די לעצטע באַ-ווייזן ברענגט אונזער ווערק אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל.

דאָס בוך איז לסוף, אויף וויפל איך מעג אורטיילן, (אין זיין הויפּט-טייל) נישט פון די יעניקע, וואָס מ׳זאָל עס קאָנען נאָך צו איינמאָליקן לויפיקן איבערלייענען פאַרשטיין און אין זיך אויפנעמען; פאַר דער אָריענטאַציע פון לייענער און צו דער אייגענער פאַרטיידיקונג וויל איך דאָ אַליין אויפמערקזאַם מאַכן אויפן דאָזיקן אומשטאַנד׳

ערשטע (פאָרבערייטנדיקע) טייל

# די סעקסועלע פּילערלייקייט

# אַ ר י י נ פ י ר

איטלעכס דענקען הויבט זיך אָן מיט באַגריפן פון מיטעלער אַלגעמיינקייט און אַנטוויקלט זיך פון זיי אַרויס אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט שטרעבט עס צו באַגריפן פון אַלץ העכערער אַבסטראַקטקייט, וועלכע זענען כולל אַן אַלץ באַדייטנדיקערע צאָל זאַכן, אַרומכאַפנדיק אַזויער-נאָך אַן אַלץ ברייטער געביט פון דער ווירקלעכקייט; פון דער צווייטער זייט — צו דעם קרייץ-פונקט פון אַלע באַגריף-ליניעס, צום קאָנקרעטן איינצל-קאָמפּלעקס, צו דעם אינדיוויד, וועלכן אונזער געדאַנק איז אימשטאַנד תופס צו זיין בלויז מיט דער הילף פון אַן אומענדלעכער צאָל פון איינגרעניצנדיקע באַשטימונגען, וועלכע מיר דעפינירן דורך אַן אומענדלעכן סכום פון ספּעציפיש דיפערענצירטע מאָמענטן אין אַ העכסן אַלגעמיינעם באַגריף פון אַ „זאַך“ אָדער „עפּעס“. דער פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ קלאַס פיש, וועלכע אונטערשיידט זיך פון די זויגחיות, פייגל און ווערים, איז שוין לאַנג געווען באַוווּסט, נאָך איידער מ'האָט צווישן די פיש גופא גענומען אויסטיילן ווייכביינדלדיקע און בייניקע, און נאָך פיל פריער, איידער ס'האָט זיך, פון דער אַנדערער זייט, אַרויסגעוויזן די נויטיקייט צו פאַרייניקן זיי צוזאַמען מיט די פייגל און זויגחיות אין דעם באַגריף פון רוקנבייניקע, אַנטקעגנשטעלנדיק די ווערים דעם אויף אַזאַ אופן געאייניקטן גרעסערן קאָמפּלעקס.

דידאָזיקע זעלבסטדערהאַלטונג פון גייסט לגבי דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז אונז מבלבל מיט אירע אָנצאָליקע ענלעכקייטן און אונטערשידן, האָבן מענטשן פאַרגליכן מיטן קאַמף פאַרן קיום אין דער לעבעדיקער נאַטור *). מיט דער הילף פון

---

*) אויך די ספּענסערישע וועלט-סכעמע: דיפערענציאַציע און אינטעגראַציע, לאָזט זיך דאַ לייכט אָנווענדן.

אונזערע באַגריפן שיצן מיר זיך אַנטקעגן דער וועלט *). פּאַמעלעך און בהדרגהדיק כאַפּן מיר מיט זיי אַרום די גאַנצע וועלט, פּונקט ווי מ׳כאַפּט אַ משוגענעם און מען פּענטעט אים איבערן גאַנצן קערפּער, כדי אים אומשעדלעך צו מאַכן פאַר דער באַגרעניצטער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך; אויספירנדיק דידאָזיקע זאַך און באַזייטיקנדיק די הויפּט־סכנה, נעמען מיר זיך ערשט צו די איינצלנע אברים, כדי צו דערגאַנצן דאָס בינדן.

**פאַראַן צוויי באַגריפן, וואָס געהערן צו די סאַמע עלטסטע, מיט וועלכע די מענטשהייט איז אויסגעקומען פון קדמונים אָן ווי עס איז זיך דורכצושלאָגן אין איר גייסטיק לעבן.** וואָס אַן אמת האָט מען אין זיי גאַנץ אָפט אַריינגעפירט אומבאַדייטנדיקע תיקונים, זיי אָפּגעשיקט פון צייט צו צייט אין די רעפּעראַציע־וואַרשטאַטן, כדי צו פאַרלאַטן אויפדערגיך און אויבנאויפיק דאָס, וואָס ס׳האָט פאַרלאַנגט די רעפאָרם פונם עיקר אָדער פון זייערע טיילן; אויסשניידנדיק פון זיי עפּעס און ווידער פאַרשטיקצוועט, האָבן מענטשן דאָ באַגרעניצט זייער תוכן, דאָ ווידער זיי אויסגעברייטערט, אַקוראַט ווי אַן אַלט, ענג וואָל־געזעץ, וואָס אונטערן דרוק פון נייע באַדערפעניש איז עס געצוווּנגען נאָכצולאָזן איין רימען נאָכן צווייטן. נאָר פונדעסטוועגן אין גרויסן און גאַנצן באַנוצן מיר זיך נאָך עד־היום מיט דידאָזיקע באַגריפן, פּונקט אַזוי ווי מ׳האָט זיך באַנוצט מיט זיי אויך פאַרצייטנס. איך רעד דאָ וועגן די באַגריפן: **מאַנסביל און פרוי.**

מיר רעדן, וואָס אַן אמת, וועגן די מאָגערע, פלאַכע, מוסקוליעזע, ענערגישע, געניאַלע „פרויען", וועגן „פרויען" מיט קורצע האָר און נידריקער שטים, מיר רעדן אויך וועגן באָרדלאָזע, באַריידעוודיקע „מאַנסלייט". מיר זענען אפילו מודה, אַז ס׳זענען פאַראַן „אומווייבלעכע פרויען", „מאַנסביל־ענלעכע פרויען" און

*) דאָס איז נאָר אמת בנוגע די באַגריפן, אַלס אָביעקטן פון אַ פּסיכאָלאָגישן אָבער נישט פון אַ לאָגישן אַנאַליז. די צונויפמישונג פון דידאָזיקע צוויי שטאַנדפּונקטן מוז זיך, נישט געקוקט אויפן גאַנצן מאָדערנעם פּסיכאָלאָגיזם (ברענטאַנאָ, מינאָנג, העלפער), שטאַרק אָפּשלאָגן אויף ביידן.

„אוממעגלעכע", ווייבערישע מאַנסלייט". נעמענדיק אין באַטראַכט בלויז די אייגנשאַפט, לויט וועלכער עס ווערט בעתן געבורט פעסטגעשטעלט די געשלעכטלעכע צוגעהעריקייט פון איטלעכן מענטש, שטעלן מיר זיך אפילו איין צוצושרייבן דידאָזיקע באַגריפן אַזעלכע באַשטימונגען, דורך וועלכע זיי ווערן אַליין פאַרניינט. אָבער אַזאַ צושטאַנד קאָן לאָגיש נישט אָנהאַלטן.

ווען איז עס נישט אויסגעקומען, אין קרייז פון פריינט אָדער אין סאַלאָן, אויף וויסנשאַפטלעכע אָדער עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, זיך אָנצוהערן אָדער אַפילו אַליין מיטצומאַכן די העפטיקסטע וויכּוחים מכּוח „מאַנסלייט און פרויען", מכּוח דער „באַפרייונג פון דער פרוי"? ווער האָט דען נישט געהערט די שמועסן און דעבאַטן, אין וועלכע „מאַנסלייט" און „פרויען" ווערן מיט טרייסטלאָזער רעגלמעסיקייט אַנטקעגנגעשטעלט איינע די אַנדערע, פונקט ווי ווייסע און רויטע קוילן, פון וועלכע די גלייכפאַרביקע ווייזן מער נישט אויף קיין שום חילוק צווישן זיך! מ'האָט קיינמאָל נישט אונטערגענומען קיין פּרוּוו צו אַן אינדיווידועלער באַהאַנדלונג פון די שטרייט־פונקטן; און היות ווי איטלעכער באַזיצט בלויז אינדיווידועלע דערפאַרונג, האָט פאַרשטייט זיך וועגן אַ הסכּם קיין רייד נישט געקאָנט זיין; ווי, אגב, אין די אַלע פאַלן, וווּ פאַרשידענע זאַכן ווערן באַצייכנט מיטן זעלביקן וואָרט, וווּ שפּראַך און באַגריף דעקן זיך נישט איינס מיטן אַנדערן. שוין־זשע זאָלן די „מענער און פרויען", פאַרשטעלנדיק מיט זיך צוויי גאַנץ פאַרשידענע גרופּעס, זיך אַרויסווייזן אין די ראַמען פון יעדער גרופּע אַלס עפּעס איינערלייאיקס, וועלכעס פאַלט זיך צונויף אין אַלע פונקטן מיט די איבעריקע פאַרשטייער פון דערזעלביקער גרופּע? דערין טאַקע זענען איינפאַרשטענדיק — על־פּי־רוב אומבאַוווּסטזיניק — אַלע אָן אויסנאַם באַטראַכטונגען איבער די אונטערשידן צווישן די געשלעכטער. אינערגיץ אין דער נאַטור באַגעגענען מיר נישט אַזעלכע שאַרפע אָפּגרעניצונגען; מיר זעען, למשל, די בהדרגהדיקע איבערגענג פון מעטאַל צו נישט־מעטאַלן, פון כעמישע פאַרבינדונגען צו מישונגען; מיר געפינען אויך מיטלפאָרמען צווישן חיות און צמחים, צווישן פאַנעראָגאַמען און קריפּטאָגאַמען *).

*) זאָמען־גאַקעטע און זאָמען־פאַרדעקטע. — (איב.).

צווישן זויגחיות און פייגל. צוליב אַלגעמיינסטע טעמים פון
פּראַקטישן באַדערפעניש נאָך אָריענטאַציע טיילן מיר קודם-כל
פונאַנדער די דערשיינונגען, פירן דורך צווישן זיי געוויע גרע-
ניצן, הערן אַרויס אריעס פון דער אָנסופיקער מעלאָדיע פון דער
נאַטור. אָבער דאָס שפּריכוואָרט „פאַרשטאַנד פאַרוואַנדלט זיך
אין אומזין, וווילטאַט — אין פּלאָג" גילט פונקט אַזוי בנוגע
די אַלטע באַגריפן, ווי בנוגע די גערירשטע געזעצן פון קאָ-
לעקטיוון לעבן. אַרויסגייענדיק פון די אויבנדיקע אַנאַלאָגיעס,
וועלן מיר אויך דאָ לכתחילה באַטראַכטן פאַר אומוואַרשיינלעך
די הנחה, אַז אין דער נאַט.ר זאָל זיין דורכגעפירט אַזאַ שאַר-
פער ש נ י ט צווישן אַלע זכרים פון איין זייט און אַלע
נקבות פון דער צווייטער; און מהאי טעמא איז אוממעגלעך
צו כאַראַקטעריזירן וועלכעס ס'איז באַשעפעניש, אַלס עפעס אַזוינס,
וואָס שטייט פון דער אָדער יענער זייט פון דאָזיקן תהום. צו-
מאָל די גראַמאַטיק איז נישט אַזוי שטרענג.

אין די אומענדלעכע פּלוגתות וועגן דער פרויען-פראַגע
האָט מען זיך אָפּט פאַררופן אויפן אַנאַטאָם אַלס דעם פּוסק
האחרון. ער האָט דאָס געזאָלט ענדגילטיק דורכפירן די חילוקי-
דעותדיקע אָפּגרעניצונג צווישן די א י י נ ג ע ב ו י ר ע נ ע, און
דערפאַר א ו מ פ אַ ר ע נ ד ע ר ל ע כ ע אייגנשאַפטן פון מענלעכער
און ווייבלעכער גייסטיקייט און די ד ע ר וו אָ ר ב ע נ ע אייגנ-
שאַפטן. (ס'איז געווען מאָדנע, אָפּהענגיק צו מאַכן די אַנטשיידונג
פון דער פראַגע מכּוח דער נאַטירלעכער באַגאַבונג פון מאַן און
פרוי גראָד פון זיינע פאָרשונגען: גלייך ווי צוועלף דעקא מוח
אויף איין זייט וואָלטן באמת שקול געווען אַקעגן די רעזול-
טאַטן פון אַלע אַנדערע דערפאַרונגס-מקורים, וויבאַלד די זאָלן
דאָ א י נ ד ע ר א מ ת ן נישט בכּוח זיין פעסטצושטעלן קיין
שום אונטערשיד). אָבער די מער מיושבדיקע אַנאַטאָמען, אויף
דער פראַגע מכּוח אומבאַדינגטע קריטעריעס, גיבן אין אַלע
פאַלן — צי עס האַנדלט זיך וועגן מוח אָדער וועגן וועלכן
ס'איז אַנדער אבר פון אונזער קערפּער — דעם פאָלגנדיקן
ענטפער: מ'קאָן נישט אייפווייזן קיין אַלגעמיינע אומבאַדינגטע
אונטערשידן צווישן א ל ע מענער און א ל ע פרויען. אמת,
בײַ ס'רוב מענער איז דער האַנט-סקעלעט איינגאַנצן אַן אַנדערער

ווי באַ ס'רוב פרויען; פונדעסטוועגן איז אוממעגלעך צו באַשטימען מיט דער פולער זיכערקייט דאָס געשלעכט נישט בלויז לויט די איינצלנע טיילן, נאָר אַפילו דאַן, ווען די באַזונדערע אברים זענען אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע מוסקלען, בענדער, הויט, אַרטעריעס און נערוון. דאָסזעלביקע גילט אויך בנוגע דעם ברוסטקאַסטן, בנוגע דעם קרייצביין און דעם שאַרבן. היינט ווי־זשע זעט עס אויס מיט יענער טייל סקעלעט, וועלכע איז מחויב געווען באַזונדערס דייטלעך אונטערצושטרייכן די שטרענגע מחיצה צווישן די געשלעכטער, וואָס איז מיטן בעקן? איז דאָך דער בעקן לויט אַלגעמיינער איבערצייגונג אין טייל פאַלן צוגעפאַסט צום געבורטס־אַקט, און אין אַנדערע — נישט. אָבער אפילו דער בעקן קאָן אונז נישט דינען פאַר קיין זיכערן מאָסשטאב. ווי יעדער ווייסט עס פון דער גאַס — און די אַנאַטאָמען ווייסן דאָ אויך נישט מער — זענען פאַראַן גענוג „פרויען" מיט מענלעכן, שמאָלן בעקן און גענוג „מאַנסלייט" מיט ווייבלעכן, ברייטן בעקן. שוין־זשע זענען, אויף אַזאַ אופן, נישט פאַראַן מער קיין געשלעכטלעכע אונטערשידן? וויבאַלד אַזוי, צי וואָלט מען נישט געדאַרפט ראַטן בכלל נישט צו מאַכן קיין שום אונטערשידן צווישן מענער און פרויען?!

ווי־זשע איז דער אויסגאַנג פון דערדאָזיקער שוועריקייט? די אַלטע אָנשויונג האָט אָפּגעלעבט איר צייט און באַפרידיקט אונז שוין נישט, און דאָך קענען מיר זיך אָן איר נישט באַגיין! וויבאַלד די געווירשנטע באַגריפן גיבן אונז נישט קיין באַפרידיקנדיקע דערקלערונג פון דער פראַגע, טאָ וועלן מיר זיי אָפּוואַרפן נאָר צוליב דעם, כדי צו דערווערבן אַ נייע און טיפערע אָריענטאַציע.

# קאַפּיטל ו

## „מאַנסבילן" און „פרויען"!

די אַלגעמיינסטע קלאַסיפיקאַציע פון די מייסטן לעבעדיקע באַשעפענישן, וועלכע טיילט זיי פונאַנדער פשוט אויף זכרים און נקבות, אויף מאַנסבילן און פרויען, גיט נישט קיין שום מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט. די אומגענוגנדיקייט פון דידאָזיקע באַגריפן ווערט דורך פיל מענטשן מער אָדער ווייניקער קלאָר אָפּגעפילט. דער נאָענטסטער ציל פון אונזער אַרבעט איז קודם-כל אויפצוקלערן דעמדאָזיקן ענין.

אין הסכם מיט אַנדערע פאָרשער, וואָס האָבן זיך אין דער לעצטער צייט פאַרנומען מיט די דערשיינונגען, וועלכע גייען אַריין אין גבול פון דערדאָזיקער טעמע, קלויב איך אויס אַלס אויסגאַנגס-פּונקט פון מיינע באַטראַכטונגען דעם דורך דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע (עמבריאָלאָגיע) פעסטגעשטעלטן פאַקט מכּוח דער געשלעכטלעכער אומדיפערענצירטקייט פון דעם אורשפּרינגלעכן, עמבריאָנאלן בוי פונם מענטש, פון די פלאַנצן און חיות.

אַזוי קאָן מען, למשל, באַ אַ פינפוואָכיקן מענטשלעכן עמבריאָן באַ קיין פאַל נישט דערקענען דאָס געשלעכט, אין וועלכן ער וועט זיך שפּעטער אַנטוויקלען. ערשט אויף דער פינפטער וואָך הויבן זיך דאָ אָן יענע פּראָצעסן, וועלכע פירן באַם סוף פון דריטן שוואַנגערשאַפט-חודש צו דער אַנטוויקלונג פון אַן אורשפּרינגלעך פאַר ביידע געשלעכטער געמיינזאַמען געשלעכטס-בוי און ווייטער צו דער געשטאַלטונג פון גאַנצן

אינדיוויד אַלס סעקסועל געבוי דעפינירט ווערן*). מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער באַשרייבונג פון די באַזונדערע פּרטים פון דידאָזיקע פּראָצעסן.

מיטן דאָזיקן ביסעקסועלן (צווייגעשלעכטלעכן) בוי פון איטלעכן עמבריאָן, וועלכער געהערט אַפילו צו דער קאַטעגאָריע פון די העכערע אָרגאַניזמען, דערקלערט זיך יענער פאַקט, וואָס די סימנים פון צווייטן געשלעכט פאַרבלייבן תמיד און פאַרשווינדן קיינמאָל נישט לחלוטין, אַפילו באַ דעם פולשטענדיק איינגעשלעכטלעך אַנטוויקלטן פלאַנצלעכן, חיהשן און מענטשלעכן אינדיוויד. די געשלעכטלעכע דיפערענצירונג איז קיינמאָל נישט קיין פאַרענדיקטע. אַלע אייגנטימלעכקייטן פון מענלעכן געשלעכט לאָזן זיך אויך אָפּזוכן אין דעם ווייבלעכן געשלעכט און פאַרקערט, אַלע געשלעכטלעכע סימנים פון דער פרוי זענען אויך פאַראַן ערגיץ באַם מאַנסביל, ווען אַפילו אין אַ זייער שוואַך אַנטוויקלטער פאָרם. אין אַזעלכע פאַלן זאָגט מען, געוויינלעך, אַז זיי געפינען זיך אין „רודימענטאַרן" צושטאַנד. כדי צו באַשטעטיקן אונזער געדאַנק, וועלן מיר אַלס ביישפיל נעמען דעם מענטש, וועלכער וועט אויך אין דער ווייטערדיקער באַהאַנדלונג זיין דער אָביעקט פון אונזער אויסשליסלעכן אינטערעס. באַ דער סאַמע ווייבלעכסטער פרוי איז פאַראַן אויף יענע ערטער, ווו באַם מאַן וואַקסט די באָרד, אַ לייכטער פוך פון אומפּיגמענטירטע ווייכע האָר, דער אַזויגערופענער „Lanugo"; פונקט אַזוי באַזיצט אויך דער מענלעכסטער מאַנסביל אונטער דער ברוסט-וואָרצל די אין דער אַנטוויקלונג אָפּגעשטאַנענע דריזן-קאָמפּלעקסן. גענויער האָט מען אויסגעפאָרשט דידאָזיקע דערשיינונגען קודם-כל אין דער געגנט פון די

*) בלי ספק עקזיסטירט עפּעס אַ פאָרמירונג „פּרעפאָרמירונג" פון סעקסועלע אונטערשידן שוין פאַר דער ערשטער דיפערענציאַציע, הגם אַנאַטאָמיש, מאָרפאָלאָגיש זענען זיי אומזעבאַר נישט נאָר פאַרן בלויזן אויג, נאָר אַפילו באַ די שטאַרקסטע פאַרגרעסערונגען פון מיקראָסקאָפּ. אָבער אין וואָס באַשטייען די דאָזיקע חלוקים, דאָס בלייבט די גרויסע חידה פון דער נאָגער אַנטוויקלונגס-געשיכטע.

געשלעכטס-אָרגאַנען און זייערע אויסשייד-וועגן, אין אייגנטלעכן „Tractus urogenitalis“ וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די עקזיסטענץ פון אַ פולן פאראלעליזם צווישן די סימנים פון ביידע געשלעכטער אין זייער רודימענטאַרן צושטאַנד.

דידאָזיקע פעסטשטעלונגען פון די עמבריאָלאָגן קאָנען אין פאַרבינדונג מיט געוויסע אַנדערע פאַקטן געבראַכט ווערן אין אַ סיסטעמאַטישן צוזאַמענהאַנג. וויבאַלד מיר וועלן באַצייכענען לויט ה ע ק ע ל ן די פונאַנדערטיילונג פון די געשלעכטער אַלס „גאָנאָכאָריזם“, וועט אויך אויסקומען אונטערצושיידן באַ פאַרשידענע קלאַסן און מינים פון בעלי-חיים די פאַרשידענע ש ט ו פ ן פון דאָזיקן „גאָנאָכאָריזם“. נישט בלויז די פאַרשידענע אַרטן פון די צמחים, נאָר אויך די חיות-מינים וועלן זיך אונטערשיידן צווישן איינאנד לויט דער שטופע, אין וועלכער איטלעכער פון זיי פאַרבאָרגט אין זיך די סימנים פון צווייטן געשלעכט. דער עקסטרעמסטער פאַל פון געשלעכטס-דיפערענצירונג, ובכן דער שטאַרקסטער גאָנאָכאָריזם, דערשיינט, פון דאָזיקן פאַרברייטערטן קוק-ווינקל, אַלס ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ע ר ד י מ אָ ר פ י ז ם; למשל, באַ געוויסע מינים „asellus aquaticus“ (גלייכפיסיקע שאָל-חיות) זעט מען יענע אייגנטימלעכקייט, אַז דער זכר און נקבה פון זעלביקן מין אונטערשיידן זיך אויסערלעך נישט ווייניקער, און אָפט אַפילו נאָך מער צווישן זיך, איידער די מיטגלידער פון צוויי לחלוטין פאַרשידענע משפחות און מינים. די רוקנביין-חיות ווייזן קיינמאָל נישט אויף אַזאַ בולטן גאָנאָכאָריזם, ווי ס'איז, למשל, דער פאַל באַ די ראַק-מיניקע אָדער אינזעקטן. נישט פאַראַן צווישן זיי אינערגיץ אַזאַ פולשטענדיקע מחיצה צווישן זכר און נקבה, ווי מ'זעט אין די פאַלן פון סעקסועלן דימאָרפיזם; דאָ באַגעגענען מיר, פאַרקערט, אַן אומגעהויערע צאָל פון געמישטע געשלעכטס-פאָרמען, אַזש ביז צום אַזויגערופענעם „הערמאַפראָדיטיזם“; און באַ די פיש געפינען מיר אַפילו גאַנצע משפחות מיט אויסשליסלעכער צוויי-געשלעכטלעכקייט. מיט „נאָרמאַלן הערמאַפראָדיטיזם“.

און אָט דאַרף מען לכתחילה אָננעמען, אַז הגם ס'זענען

פאַראַן עקסטרעמע זכרים מיט אומבאַדייטנדיקסטע רעשטלעך פון ווייבלעכקייט און פון דער צווייטער זייט עקסטרעמע נקבות מיט גאַנץ רעדוצירטער מענלעכקייט, און אין צענטער צווישן דידאָזיקע צוויי טיפּן אַ געוויסע הערמאַפראָדיטישע פאָרם, איז פונדעסטוועגן צווישן דידאָזיקע דריי פונקטן נישט פאַראַן קיין לחלוטין פוסטער חלל. אונז באַשעפטיקט ספּעציעל דער מענטש. אָבער כטעט אַלץ, וואָס ס'איז דאָ פאַראַן וועגן אים צו זאָגן, וועט זיך לאָזן מיט גרעסערע אָדער קלענערע באַוואָרעניש אָנווענדן אויף די מייסטן אַנדערע בעלי־חיים מיט געשלעכטלעכער פאַרמערונג.

וואָס שייך דעם מענטש קאָן מען אָן שום ספק זאָגן פאָלגנדיקס: פאַראַן אומצייליקע איבערגאַנגס-שטופן צווישן מאַנסביל און דער פרוי, א. ג. „סעקסועלע צווישנפאָרמען". אַזוי גוט ווי די פיזיק רעדט וועגן אידעאַלע גאַזן, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע פאַלן גענוי אַרונטער דעם געזעץ פון בויל-גע-לוסאַק (אין דער ווירקלעכקייט פאַלט קיין שום גאַז נישט אַרונטער דעמדאָזיקן געזעץ), און גייט אַרויס פון דאָזיקן געזעץ, כדי פעסטצושטעלן די מענלעכסטע אָפּווייכונגען פון אים אין געגעבענעם קאָנקרעטן פאַל: אַזוי קאָנען מיר אָננעמען אַן אידעאַלן מאַנסביל מ. און אַן אידעאַלע פרוי פ., אַלס טיפּישע סעקסועלע פאָרמען, הגם זיי עקזיסטירן נישט אין דער ווירקלעכקייט. צו קאָנסטרוירן דידאָזיקע טיפּן איז נישט בלויז מעגלעך, נאָר אויך נויטווענדיק. נישט בלויז אַן „אָביעקט פון דער קונסט", נאָר אויך אַן אָביעקט פון דער וויסנשאַפט איז דער טיפּ, די פּלאַטאָנישע אידעע. די וויסנשאַפטלעכע פיזיק פאָרשט אויס דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דעם פולקאָמענעם פעסטן קערפּער און פון פולקאָמענעם עלאַסטישן קערפּער, הגם זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די ווירקלעכקייט קאָן איר נישט פאָרשטעלן קיין איין פאַל, אין וועלכן אירע אויספירן זאָלן קאָנען געפונען אַ פולע באַשטעטיקונג; די עמפּירישע געגעבענע מיטל-סטאַדיעס צווישן

דידאַקטישע צוויי צושטאַנדן פון קערפּער דינען פאַר איר מער נישט ווי אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער אויפזוכונג פון די טיפּישע אייגנשאַפטן, און דידאַקטישע סטאַדיעס ווערן אין דער אומגעקערטער ריכטונג — פון דער טעאָריע צו דער פּראַקטיק — באַטראַכט און אויסשעפּנדיק באַהאַנדלט אַלס געוויסע געמישטע דערשיינונגען. פּונקט אַזוי זענען אויך פאַראַן אַלערליי מעגלעכע מיטלשטופן צווישן דעם פולקאָמענעם טיפּ פון אַ מאַנסביל און דעם פולקאָמענעם טיפּ פון אַ פרוי, ד. ה. שטופן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער דערנענטערט צו די ביידע טיפּן־סטאַדיעס, וועלכע די דערפאַרונג וועט אָבער קיינמאָל נישט געבן.

מ׳דאַרף נעמען אין אַכט דאָס, אַז דאָ רעדט זיך נישט בלויז וועגן ביסעקסועלן בוי, נאָר וועגן דויערנדיקער טאָפּלגעשלעכטלעכקייט. און דאָס נישט בלויז וועגן סעקסועלע מיטלשטופן, (קערפּערלעכע און פּסיכישע) הערמאַפראָדיטן, ווי מ׳פלעגט טון ביזאַהער צוליב לייכט פאַרשטענדלעכע טעמים אין אַלע ענלעכע באַטראַכטונגען. אין דערדאָזיקער פאָרם איז בכן דער געדאַנק דורכויס ניי. ביזאַהער פלעגט מען באַצייכענען אַלס „סעקסועלע צווישנשטופן" בלויז די סעקסועלע מיטלשטופן: גלייך ווי דאָ וואָלט געווען, זיך מאַטעמאַטיש אויסגעדרוקט, עפּעס אַ זאַמלפּונקט, ובכן עפּעס מער ווי אַ קליינע שטרעקע אויף דער אומעטום גלייך געדיכט באַזעצטער פאַרבינדונגס־ליניע פון צוויי עקסטרעמען.

מאַנסביל און פרוי זענען בכן ווי צוויי סובסטאַנצן, וועלכע זענען פאַרטיילט אין די פאַרשידנסטע פאַרהעלטענישן צווישן אַלע לעבעדיקע אינדיווידן, דערביי קאָן דער קאָעפיציענט פון יעדער סובסטאַנץ קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן ביז נול. מ׳וואָלט געקאָנט אַפילו זאָגן, אַז אין דער דערפאַרונגס־וועלט איז נישט בנמצא נישט קיין מאַנסביל און נישט קיין פרוי, פאַראַן מערנישט ווי מענלעכס און ווייבלעכס. אַן אינדיוויד A אָדער B דאַרף מען שוין בכן נישט באַצייכענען פּשוט אַלס „מאַנסביל" אָדער

„פרוי״, נאָר מ׳דאַרף אָנווייזן וויפל טיילן פון דעם און פון צווייטן אַנטהאַלט אין זיך איטלעכער פון זיי; אָט למשל:

$A \left\{ \begin{array}{l} \alpha \ \text{מ} \\ \alpha' \ \text{פ} \end{array} \right.$ $B \left\{ \begin{array}{l} \beta \ \text{פ} \\ \beta' \ \text{מ} \end{array} \right.$

דערביי תמיד

$O < \alpha < 1'$ $O < \beta < 1'$

$O < \alpha' <,$ $O < \beta' <.$

דער אויבנגעבראַכטער כּלל לאָזט זיך באַשטעטיקן דורך אַ מענגע געניערע באַווייזן — אין אַלגעמיינע שטריכן האָבן מיר שוין אויף זיי צוגרייטנדיק אָנגעטייט אין דעם אַריינפיר. דאָ וועלן מיר דערמאָנען וועגן די „מאַנסבילן״ מיט ווייבלעכן בעקן און ווייבלעכע ברוסטן, מיט שוואַכן אָדער אַפילו אָן שום באָרד-וווקס, מיט בולטער טאַליע, מיט צו לאַנגע האָר אויפן קאָפּ; ווייטער וועגן די „פרויען״ מיט שמאָלע היפטן *) און פלאַכע ברוסטן, מאָגערע געזעסן און דאַרע לענדן, מיט נידריקער, רויער שטים און וואָנסן (וועלכע טרעטן אויף פיל אָפטער, ווי מ׳באַמערקט געוויינטלעך, מחמת מ׳לאָזט זיי, פאַרשטייט זיך קיינמאָל נישט אָנוואַקסן; וועגן דער באָרד, וועלכע וואַקסט אָן באַ פיל פרויען נאָך דעם קלימאַקטעריום, רעדן מיר דאָ נישט) א. א. וו. א. א. וו. די אַלע שטריכן, וועלכע לאָזן זיך אָפּגעפינען צוזאַמען אויף עפּעס אַ מאָדנעם אופן באַ איין און דעמזעלביקן מענטש, זענען גוט באַקאַנט יעדן קליניקער און פראַקטישן אַנאַטאָם פון אייגענער דערפאַרונג, נאָר מ׳האָט זיי נאָך ביזאַהער קיינמאָל נישט צונויפגעבראַכט אין קיין אַלגעמיינעם קשר.

אָבער דעם אַנטשיידנדיקסטן באַווייז לטובת דער דורך אונז פאַרטיידיקטער אָנשויונג ליפערט די גרויסע וואַקלדיקייט

---

*) נישט די אבסאָלוטע ברייט פונם בעקן, ד. ה. אין צענטימעטערן אָנגעגעבענע דיסטאַנץ פון אָבערשענקל- אָדער היפּט-ביינער, נאָר די רעלאַטיווע ברייט פון די היפטן אין פאַרהעלטעניש צו דער ברייט פון די אַקסלען דינט אַלס אַ געניג זיכערער און אַלגעמיין אָנווענדבאַרער קערפּערלעכער קריטעריום פאַר דעם אַנטהאַלט פון עלעמענט פ.

פון די צאָלן, וועלכע דריקן אויס אָן אויסנאַם די געשלעכטלעכע
אונטערשידן סײַ אין די ראַמען פון די איינצלנע אַרבעטן,
סײַ בײַ דער צונויפשטעלונג פון די פאַרשידענסטע אַנטראָפּאָ-
לאָגישע אָדער אַנאַטאָמישע אויסמעסטונגען, וועלכע ווערן אונ-
טערגענומען מיטן צוועק פעסטצושטעלן ענלעכע אונטערשידן;
עס ליפערט דידאָזיקע באַווייזן דער פאַקט, וואָס די צאָלן פאַרן
ווײַבלעכן געשלעכט הויבן זיך קיינמאָל נישט אָן דאָרטן, ווו
ס'ענדיקן זיך די צאָלן פאַר מאַנסבילן, נאָר ת מ י ד ליגט
אינמיטן אַ ספערע, אין וועלכער ס'זענען פאַרטרעטן מאַנסבילן
און פרויען. הגם דידאָזיקע וואַקלדיקייט רעדט לטובת דער טע-
אָריע פון סעקסועלע צווישנפאָרמען, דאַרף מען זי פונדעסט-
וועגן אויפריכטיק באַדויערן אין אינטערעס פון דער אמתער
וויסנשאַפט. די אנאטאָמען און אַנטראָפּאָלאָגן פון פאַך האָבן
נאָך קיינמאָל נישט געשטרעבט צו קיין וויסנשאַפטלעכער פאָר-
שטעלונג פון די געשלעכטלעכע טיפּן, נאָר האָבן בלויז געוואָלט
געפינען אַלגעמיינע גלייך אָנווענדבאַרע סימנים, אָבער דאָס האָט
זיך זיי קיינמאָל נישט איינגעגעבן, אַדאַנק דער אומענדלעכער
צאָל פון די אַלערליי מעגלעכסטע אויסנאַמען. דערמיט דערקלערט
זיך די אומבאַשטימטקייט און צעשוווּמענקייט פון די אַלע
שייכותדיקע אויסמעסטונג-רעזולטאַטן,

דעם פאָרשריט פון דער דערקענטעניש האָט אויך דאָ
געשטערט דער אַלגעמיינער דראַנג צו דער סטאַטיסטיק, מיט
וועלכן אונזער אינדוסטריעלע עפּאָכע צייכנט זיך אַזוי אויס
לגבי אַלע פריערדיקע און דורך וועלכן זי גלייבט באַזונדערס
אונטערצושטרייכן איר געלערטקייט (משמעות, צוליב דער באַ-
שיידענער קרובהשאַפט פון דער סטאַטיסטיק מיט דער מאַטעמאַ-
טיק). דעם ד ו ר כ ש נ י ט האָט מען געזוכט, נישט דעם ט י פּ.
מ'האָט כּלל נישט פאַרשטאַנען, אַז אין סיסטעם פון ריינער
(נישט אָנגעווענדטער) וויסנשאַפט גייט טאַקע בלויז וועגן טיפּ.
דערפאַר איז די היינטיקע מאָרפאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע נישט
בכּוח צו העלפן מיט אירע ידיעות דעמיעניקן מענטש, וועלכער
באַשעפטיקט זיך מיט דער אונטערזוכונג פון די טיפּן. דאָ דאַרף
מען ערשט דורכפירן נייע מעסטונגען און אונטערנעמען נייע
גענויערע פאָרשונגען. יענע ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן אין

דער איצטיקער צייט, האָבן נישט פאַר דער וויסנשאַפט — אײן ברייטן, ווער שמועסט נאָך אין קאַנטישן זינען — קיין שום באַדייטונג.

אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער קענטעניש פון די עלעמענטן מ. און פ. פון דער טרעפלעכער פעסטשטעלונג פון אידעאַלן מאַנסביל און אידעאַלער פרוי („אידעאַל” אין זין פון טיפּיש, אָן וועלכער ס'איז ווייטערדיקער קוואַליפיקאַציע).

ווײַבאַלד ס'וועט אונדז געלונגען צו באַקענען און פעסט־שטעלן די דראָזיקע טיפּן, דאַן וועט שוין זיין לייכטער און פרוכט־באַרער אָנצווענדן זיי אויף אינדיווידועלע דערשיינונגען און פאָרשטעלן דיזעלביקע מיט דער הילף פון אַ געוויסן כּמותדיקן מישונגס־פאַרהעלטעניש פון ביידע טיפּן.

איך רעזיומיר דעם אינהאַלט פון דאָזיקן קאַפּיטל: נישט פאַראַן קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש, וועלכעס מ'זאָל קאָנען טראַקטירן קורץ און שאַרף פון שטאַנדפּונקט פון איין באַשטימטן געשלעכט. די ווירקלעכקייט ווייזט גיכער אַרויס אַ כּסדרדיקע וואַקלעניש צווישן צוויי פּונקטן; אין דידאָזיקע פּונקטן גע־פינט זיך נישט קיין שום קאָנקרעטער יחיד פון דער עמפּי־רישער וועלט, און נאָר ערגעץ אויפן שטח צווישן זיי פאַר־נעמט זיין אייגנטלעך אָרט איטלעכער אינדיווידו. די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט איז פעסטצושטעלן די שטעלונג פון דעם איינצלנעם וועזן צווישן דידאָזיקע צוויי בוי־טיפּן. די־דאָזיקע טיפּן דאַרף מען נישט צושרייבן קיין באַזונדער מע־טאַפיזישן מהות, וואָס געפינט זיך לעבן אָדער איבער דער דערפאַרונגס־וועלט; זייער קאָנסטרוקציע דאַרף מען באַטראַכטן פאַר נויטווענדיק מחמת העוריסטישע טעמים פון אַ מעגלעכסט פולקאָמענער אָפּבילדונג פון דער ווירקלעכקייט — —

דער פאָרגעפיל פון דערדאָזיקער ביסעקסואַליטעט פון אַלע באַשעפענישן (צוליב דער נישט גאַנץ פולשטענדיקער סעקסועלער דיפערענצירונג) איז אוראַלט. קאָן זיין, אַז ער איז אויך נישט פרעמד געווען אפילו די כינעזישע מיטן; יעדנפאַלס איז דערדאָזיקער פאָרגעפיל געווען אין גריכנלאַנד זייער לעבהאַפטיק. דערויף זאָגט עדות די פּערזאָניפיקאַציע פון

הערמאפראָדיטאָס, אלס מיטאָלאָגיש-געשטאלט; די דערציילונג פון אריסטאָפאנעס אין דער פלאטאָנישער „סעודה", און אפילו אָך אין די שפעטערדיקע צייטן האָט די גנאָסטישע סעקטע פון די אָפיטן זיך פאָרגעשטעלט דעם אורמענטש אלס אנ-דרוגינוס.

# קאַפּיטל II

## אָרגאַנאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע

פון אַן אַרבעט, וועלכע וויל דורכפירן אַן אַלגעמיינע רעוויזיע פון אַלע שייכותדיקע פאַקטן, וואָלט מען געדאַרפט קודם-כל פאָרלאַנגען אַ נייע און פולשטענדיקע שילדערונג פון אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון די סעקסועלע טיפן. נאָר היות ווי איך האָב נישט אונטערגענומען קיין זעלבּ-שטענדיקע אונטערזוכונגען צו דער לייזונג פון דערדאָזיקער ברייטער אויפגאַבע, און דעם ענטפער אויפן דאָזיקן פּראָבלעם באַטראַכט איך אויך נישט פאַרן לעצטן נויטווענדיקן צוועק פון מיין דאָזיקער אַרבעט, מוז איך לכתחילה מוותּר זיין אויף דער-דאָזיקער אונטערנעמונג — גאַנץ אָפּגעזען דערפון, צי דאָס וואָלט נישט איבערגעשטיגן די כּוחות פון אַ יחיד. אַ קאָמפּילאַטיווע שילדערונג פון אַלע אויספירן, וועלכע זענען פאַראַן אין דער ליטעראַטור, וואָלט געווען אַ גאַנץ איבעריקע זאַך, מחמת זי איז שוין זייער פיין דורכגעפירט געוואָרן דורך האַוולאָק עליס. דאָס אָפּגעפינען געשלעכטלעכע טיפן אויפן יסוד פון די דורך אים געזאַמלטע רעזולטאַטן, אויפן וועג פון וואַרשיינלעכע החלטות, וואָלט אונז נאָר, אין בעסטן פאַל, געפירט צו היפּאָטעטישע סבֿרות, וועלכע וועלן אויף אַ האָר נישט פאַרלייכטערן די אַנט-וויקלונג פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. דער אינהאַלט פון דאָזיקן קאַפּיטל טראָגט מער אַ פאָרמעלן און אַלגעמיינעם כאַראַק-טער; ער איז געריכטעט אויף ביאָלאָגישע פּרינציפּן און וויל אויך טיילווייז ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די צוקונפטיקע פאָרשער אויף באַשטימטע איינצלנע פונקטן, און דערמיט צו-שטייער געבן עפּעס אַ שמץ צו זייער אַרבעט. דער לייענער, וועלכער באַזיצט נישט קיין ביאָלאָגישע קענטעניש, קאָן דאָס-דאָזיקע קאַפּיטל דורכלאָזן אָן אַ באַדייטנדיקער פּגימה פאַרן פאַרשטיין פון דער וויטערדיקער טייל פון בוך.

מיר האָבן ביזאַהער אַרומגערעדט די טעאָריע וועגן די פאַרשידענע שטופן פון מענלעכקייט און ווייבלעכקייט פון ריין אַנאַטאָמישן שטאַנדפונקט. די אַנאַטאָמיע באַגרעניצט זיך אָבער נישט בלויז מיט דער פראַגע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס מענלעכקייט און ווייבלעכקייט; זי אינטערעסירט זיך אויך מיט דער פראַגע פון די ערטער, אין וועלכע זיי טרעטן באַזונדערס שאַרף אויף. שוין פון די אויבנגעבראַכטע ביישפּילן פון סעקסועלער פּילערלייקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין פאַרשידענע קערפּערטיילן, דרינגט אַרויס, אַז דאָס געשלעכט באַגרעניצט גיך נישט אויסשליסלעך אויף די פרוכפּערונגס-אָרגאַנען און די קיים-דריזן. נאָר וווּ-זשע קאָן מען דאָ דורכפירן די גרעניץ? צי שעפּט זיך אויס דאָס געשלעכט בלויז מיט „פרימערע" אָדער „סעקונדערע" געשלעכטס-סימנים? אָדער איז זיין ספערע פיל ברייטער? מיט אַנדערע ווערטער, וווּ שטעקט דאָס געשלעכט און וווּ נישט?

די מאַסע נייע פאַקטן, וועלכע זענען אַנטדעקט געוואָרן אין די לעצטע צענטליקער יאָרן, צווינגען אונז, זעט אויס, אויפסניי אָנצונעמען איין טעאָריע, וועלכע איז געווען אויפגעשטעלט אין די פערציקער יאָרן פון XIX-טן יאָרהונדערט, נאָר וועלכע האָט געפונען גאַנץ ווייניק אָנהענגער. די מעשה איז אָבער, וואָס די קאָנסעקווענצן, צו וועלכע ס'האָט אומפאַרמיידלעך געפירט דידאָזיקע טעאָריע, זענען פאָרגעקומען דעם מחבר גופא פון דערדאָזיקער טעאָריע, ווי אויך די קעגנער זיינע, פאַר סתירהדיק מיט אַ גאַנצער ריי דורכגעפירטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. אמת, דידאָזיקע סתירות האָבן זיך אַרויסגעוויזן אומדערשיטערלעך נישט דעם מחבר, נאָר די קעגנער זיינע. אין דער איצטיקער צייט צווינגט אונז די דערפאַרונג ווידער זיך צו ווענדן צו דערדאָזיקער טעאָריע, וועלכע דאַרף אין פאַרבינדונג מיט די נייערע וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן אונטערגעוואָרפן ווערן געוויסע מאָדיפיקאַציעס. איך רעד וועגן דער לערע פון קאָפּענהאַגענער זאָאָלאָג יאָהאַן יאַפּעטוס סמ. סטענסטרופּ, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז דאָס געשלעכט שטעקט אומעטום, אין גאַנצן קערפּער.

עליס האָט צונויפגעזאַמלט צאָלרייכע פאָרשונגען איבער

כמעט אַלע געוועבן פון אָרגאַניזם, וועלכע האָבן אויפגעוויזן אומעטום סעקסועלע חילוקים. איך וויל דערמאָנען, אַז די טיפּיש מענלעכע און טיפּיש ווייבלעכע פאָרם פון פנים אונטערשיידן זיך שטאַרק צווישן זיך; דאָס באַרעכטיקט צו דער הנחה פון סעקסועלע אונטערשידן אַזוי גוט אין די הויט-קעמערלעך, ווי אין בלוטגעפעס. אָבער אַזעלכע אונטערשידן עקזיסטירן בלי-ספק אויך אין דער מענגע פון בלוט-פאַרבשטאָף, אין דער צאָל פון די רויטע בלוט-קייקעלעך אין אַ קוביק-צענטימעטער פון דער פליסיקייט. בישאָף און רידינגער האָבן פעסטגעשטעלט געשלעכטס-אונטערשידן אינעם מוח, און יוסטוס און אַליס גאַול האָבן זיי אויסגעפונען אויך אין די וועגעטאַטיווע אָרגאַנען (לעבער, לונגען, מילץ). און באמת, אַלץ אין דער פרוי — איינס שטאַרקער, איינס שוואַכער — ווירקט „עראָגעניש" אייפן מאַנסביל; פאַרקערט ווידער, אַלץ באַם מאַן רייצט און לאָקט סעקסועל די פרוי.

און אָט אין דאָזיקן פונקט קאָנען מיר אַרויסרוקן די הנחה, וועלכע שיינט, אמת, צו זיין פון פאָרמעל-לאָגישן שטאַנדפונקט אַ בלויזע היפּאָטעזע, נאָר וועלכע באַקומט אונטער דער ווירקונג פון אַ גאַנצער מענגע פאַקטן אַ כמעט פולקאָמע באַשטעטיקונג: איטלעכס קעמערל פון אָרגאַניזם באַזיצט (ווי מיר קאָנען עס פאָרלויפיק באַצייכענען) אַ באַשטימטן געשלעכטלעכן כאַראַקטער, אָדער האָט אַ באַשטימטע געשלעכטלעכע באַטאָנונג. אין הסכם מיט אונזער פּרינציפּ וועגן דער אַלגעמיינקייט פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, וועלן מיר גלייך צוגעבן, אַז דידאָזיקע סעקסועלע כאַראַקטעריסטיק קאָן האָבן פאַרשידענע מדרגות. דידאָזיקע נויטווענדיקע הנחה וועגן אַ פאַרשידענער אויסדרוקס-קראַפט פון דער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק לאָזט אונז אָן כאַזונדערער מי איינגלידערן אין אונזער סיסטעם אויך דעם פעסוודאָ- און אַפילו דעם עכטן הערמאַפראָדיטיזם (וועמעס מציאות באַ די היות איז זינט סטענסטרופּ צייטן פעסטגעשטעלט געוואָרן איבער יעדן ספק; וואָס שייך דעם מענטש איז עס נאָך נישט אַזוי זיכער). סטענסטרופּ האָט געזאָגט: וויבאַלד

יאָס געשלעכט פון דער חיה וואָלט זיך באמת באַגרעניצט בלויז אויף די געשלעכטס-אָרגאַנען, דאַן וואָלט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלן די צונויפזאַמלונג פון צוויי געשלעכטער אין איין חיה און צוויי באַזונדערע געשלעכטס-אָרגאַנען, וועלכע עקזיסטירן לעבן איינאַנדער. אָבער דאָס געשלעכט איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיין זיץ אין אַ געוויסן אָרט, אָדער וואָס דריקט זיך אויס בלויז אין אַ באַשטימטן אָרגאַן; עס דריקט זיך אויס אומעטום און אַנטוויקלט זיך אין אַלע פונקטן פון לעבעדיקן וועזן. אין מענלעכן באַשעפעניש איז יעדע, אפילו די קלענסטע טייל מענלעך, און מעג זי אפילו זיין ווי ענלעך צו דער אַנטשפּרעכנדיקער טייל פון ווייבלעכן וועזן, אין וועלכן ווידער די מינדסטע טייל אפילו איז נאָר ווייבלעך. אַ פאַרייניקונג פון צוויי געשלעכטס-אָרגאַנען אין איין באַשעפעניש קאָן ערשט מאַכן דערפון אַ צווייגעשלעכטלעך באַשעפעניש, ווען די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן פון ביידע געשלעכטער הערשן אין זעלבן גראַד אין גאַנצן קערפּער און דריקן זיך אויס אין איטלעכן פונקט זיינעם. אָבער דאָס וואָלט צוליב דעם פאַראַנענעם קעגנזאַץ פון די געשלעכטער געקאָנט הייסן די קעגנזייטיקע פאַרניכטונג אָדער פאַרשווינדונג פון יעטוועדער געשלעכטלעכקייט אין אַזאַ באַשעפעניש". ווי באַלד-זשע מיר פאַרברייטערן דעם פּרינציפּ פון אומצייליקע איבערגאַנגס-שטופן צווישן מ. און פ. אויף אַלע קעמערלעך פון אָרגאַניזם, און אַלע עמפּירישע פאַקטן רעדן דערפאַר, דאַן פאַלט אַוועק יענע שוועריקייט, אויף וועלכער ס'האָט זיך אָנגעשטויסן סטענסטרופ, און דער הערמאַפראָדיטיזם שטעלט מער נישט מיט זיך פאָר קיין שום נאַטור-סתירה. אַלע מיטלשטופן פון דער פולער מענלעכקייט ביז אַהין צו איר לגמרידיקן פעלן, וואָס פאַלט זיך צונויף מיטן צושטאַנד פון ווייבלעכקייט, שטעלן מיט זיך פאָר די אומצייליקע פאַרשידענע סעקסועלע כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן איינצלנעם קעמערל. צי דאַרף מען זיך פאָרשטעלן דידאָזיקע אונטערשייד-סקאַלע אַלס צוויי רעאַלע, מיט איינאַנדער פאַרבונדענע סובסטאַנצן, אָדער מ'דאַרף אָננעמען עפּעס אַן איינהייטלעכע פּראָטאָפּלאַזמע אין אומענדלעך פילע מאָדיפיקאַציעס (למשל, מיט פאַרשידענער שטחדיקער

איינאָרדענונג פון די אטאָמען אין די גרויסע מאָלעקולן)—שווער
יועגן דעם צו זאָגן עפּעס זיכערס. די ערשטע היפּאָטעזע איז
פיזיאָלאָגיש נישט אָנווענדבאַר — ווען מ׳טוט נאָר אַ טראַכט,
אַז דאַן וואָלט פּאַר יעטוועדע מענלעכע און ווייבלעכע קערפּער־
באַוועגונגען נויטיק געווען אַ צווייענדיקייט אין די באַדינגונגען,
וועלכע גיבן זיי צו אַ רעאַלע, אָבער פיזיאָלאָגיש פּאָרט איינ־
הייטלעכע דערשיינונגס-פאָרם; די צווייטע הנחה דערמאָנט שוין
צופיל אָן די ווייניק איינגעגעבענע חקירות וועגן ירושהדיקע
אייגנשאפטן. ס׳קאָן זיין, אַז ביידע זענען צוגלייך ווייט פון
אמת.

אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך די מענלעכקייט אָדער
ווייבלעכקייט פון די קעמערלעך, סאַראַ היסטאָלאָגישע, מאָלעקו־
לאַר-פיזישע אָדער כעמישע אונטערשידן גייען פאָר צווישן די
קעמערלעך פון מאַנסביל מ. און די קעמערלעך פון דער פרוי פ.
וועגן דעם לאָזט זיך היינט קיין שום קלאָרס נישט פעסטשטעלן
אויפן וועג פון דערפאַרונג. נישט וועלנדיק אַנטשיידן פאָרויס
די שפּעטערדיקע פאָרשונגען (און זיי וועלן זיכער באַווייזן די
אוממעגלעכקייט אַרויסצופירן ספּעציפיש-ביאָלאָגישע דערשיינונגען
פון דער פיזיק און כעמיע), האָבן מיר אַ רעכט צו פאַרטיידיקן
אונזער הנחה וועגן פאַרשידענער קראַפט פון סעקסועלע באַטאָ-
גונגען נישט בלויז אין גאַנצן אָרגאַניזם, אַלס סכום פון די קע-
מערלעך, נאָר אויך אין די קעמערלעך גופא. ווייבלעכע מענער
האָבן ס׳רוב אויך אַ ווייבלעכע הויט, און די קעמערלעך פון די
מענלעכע אָרגאַנען צייכענען זיך באַ זיי אויס מיט שוואַכערער
טענדענץ צום טיילן זיך, אויף וועלכן ס׳ווייזט אוממיטלבאַר
אָן דער שוואַכער וווּקס פון די מאַקראָסקאָפּישע סעקסועלע
סימנים א. אַז. וו.

די איינטיילונג פון די געשלעכטס-סימנים דאַרף מען אויך
דורכפירן לויט די פאַרשידענע מדרגות פון מאַקראָסקאָפּישן אויפ־
טריט פון דער געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק; דידאָזיקע
קלאַסיפיקאַציע אַנטשפּרעכט בדרך-כלל די פאַרשידענע שטופן פון
זייער אָרגאַנישער ווירקונג אויפן אַנדערן געשלעכט (לכל-הפחות
אין חיות-קיניגרייך. כדי נישט אָפּצווייכן פון דער אַלגע-
מיין אָנגענומענער נאָמענקלאַטור פון דזשאָן ה ע נ ט ע ר,

רוף איך אָן די מענלעכע און ווייבלעכע קיים־דריזע (testis, epididimis, ovarium, epoophoron) אורשפּרינגלעכע סעקסואַל-סימנים; די אינערלעכע צוגאָבן פון די קיים-דריזן (די זאָמען-שנירלעך, זרע-בלעזלעך, אייער-לייטער, געבער-מוטער, וואָס לויט זייערע געשלעכטלעכע סימנים אונטערשיידן זיי זיך טיילמאָל, ווי ס'ווייזט די דערפאַרונג, זייער שטאַרק פון די קיים-דריזן) — פּרימערע; און לסוף „די אויסערלעכע געשלעכטס-טיילן", לויט וועלכע ס'ווערט באַצייכנט אויסשליסלעך די געשלעכטלעכע צוגעהעריקייט פונם מענטש באַ דער געבורט און דערמיט ווערט אין אַ געוויסער מאָס באַשלאָסן זיין לעבנס-גורל (אָפט, ווי מיר וועלן זען, נישט ריכטיק). אַלע אַנדערע געשלעכטס-סימנים האָבן דאָס געמיינזאַמע, וואָס זיי זענען נישט אוממיטלבאַר נויטווענדיק פאַר די באַפרוכפּערונגס-צוועקן. צו די סעקונדערע געשלעכטס-שטריכן וועלן מיר קודם-כל צורעכענען יענע אַלע, וועלכע טרעטן ערשט אויסערלעך אויף צו דער צייט פון געשלעכטלעכער רייפקייט און וועלכע קענען זיך נישט אַנטוויקלען אָן אַן „אינערלעכער אויס-טיילונג" פון באַשטימטע שטאָפן פון די קיים-דריזן אין בלוט אַריין (דער באָרד-וווּקס באַ מאַנסביל און די לאַנגע האָר באַ פרויען, ברוסט-אַנטוויקלונג, ענדערונג פון דער שטים א. אַז. וו.).

מער מחמת פּראַקטישע, איידער מחמת טעאָרעטישע טעמים וועלן מיר באַצייכענען אַלס דריטראַנגיקע סעקסואַל-סימנים, וועלכע זענען דערקענבאַר לויט די אויסערלעכע דערשיינונגען אָדער טעטיקייטן, די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, ווי למשל, די מוסקול-קראַפט און פעסטער ווילן באַם מאַנסביל. דורך פאַרהעלטניש-מעסיק צופעליקע מידות, רגילותן, באַשעפטיקונג, האָבן זיך לסוף אויסגעבילדעט די זייטיקע, פערטראַנגיקע סעקסואַל-שטריכן, ווי רייכערן און טרינקען פונם מאַנסביל אָדער האַנטאַרבעט פון דער פרוי. אָטאָ-די לעצטע זענען טיילמאָל אוי-כעט עלול אויסצואיבן זייער ערגאָנישע ווירקונג אויפן צווייטן געשלעכט, וואָס זאָגט שוין אַליין עדות, אַז פיל אָפטער, איידער מען מיינט אפשר, דרינגען זיי אַרויס פון דריטראַנגיקע שטריכן און בלייבן נאָך, קאָן זיין אין טיפן צוזאַמענהאַנג מיט די אור-שפּרינגלעכע סימנים. דידאָזיקע קלאַסיפיקאַציע פאַרמעסט זיך נישט

פאָרויס צו אַנטשיידן דעם סדר פון די געשלעכטס-שטריכן, אָדער צו פסקענען, צי די גייסטיקע אייגנשאַפטן זענען אין פאַרגלייך מיט די קערפּערלעכע פּרימער, אָדער זיי הענגען, להיפך, אָפּ און שטאַמען אַרויס פון זיי, אַלס פּועל-יוצא פון אַ לאַנגער סיבות־קייט. איר אויפגאַבע איז נאָר פעסטצושטעלן פאַר די מייסטן פאַלן די קראַפט פון דער צוציעוודיקער ווירקונג פון די סעקסו־עלע שטריכן אויפן צווייטן געשלעכט*), דעם צייטלעכן סדר, אין וועלכן די סעקסואַל-שטריכן וואַרפן זיך אין די אויגן, און די מדרגה פון זיכערקייט, מיט וועלכע זיי אַנטפּלעקן זיך פאַר די אויגן פון צווייטן געשלעכט.

רעדנדיק וועגן די „סעקונדערע געשלעכטס-שטריכן” האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אויף דער אינעווייניקסטער אויסטיילונג פון קיים-שטאָפן אין דעם בלוט-אומלויף. די ווירקונג פון דערדאָזיקער אויסטיילונג, ווי אויך די אָפּוועזנהייט אירע, וועלכע איז קינסט־לעך אַרויסגערופן דורך קאַסטראַציע, האָט מען שטודירט קודם־כל אויף דער אַנטוויקלונג אָדער אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די סעקונדערע געשלעכטס-סימנים. די אינערלעכע אויסטיילונג איבט אָבער בלי-ספק אויס אַן איינפלוס אויף אַלע קעמערלעך פון קערפּער. דערויף זאָגן עדות די שינויים, וועלכע קומען פאַר אין דער צייט פון דער געשלעכטלעכער רייפקייט אין גאַנצן אָרגאַניזם, און נישט בלויז אין די טיילן פון קערפּער מיט סע־קונדערע געשלעכטס-סימנים. פונקט אַזוי דאַרף מען זיך אויך די אינערלעכע אויסטיילונג פון אַלע דריזן לכתחילה פאָרשטעלן נישט אַנדערש, ווי אַלס אַ זיך גלייכמעסיק אויסשפּרייטנדיקע אַריינדרינגונג אין אַלע געוועבן פון אָרגאַניזם.

די אינערלעכע אויסטיילונג פון די קיים-דריזן פאַרפולקאָמט ערשט בכן די געשלעכטלעכקייט פון אינדיוויד. מ'דאַרף בכן אָננעמען, אַז איטלעכס קעמערל באַזיצט זיין אורשפּרינג־לעכע געשלעכטלעכע כאַראַקטעריסטיק, צו וועלכער עס דאַרף זיין פאַרייניקט אין אַ געוויסער מאָס

*) דאָ זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויסגעשטעלט אַן אַ זייט די אַלערליי „פעט-שיזמען”; פונקט אַזוי קומט דאָ נישט אין באַטראַכט די עראָטישע ווירקונג פון די אורשפּרינגלעכע סימנים.

די אויסטיילונג פון די קיים-דריזן, אַלס דערגאַנצנדיקער תנאי פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ קוואַליפיצירט-באַשטימטן, פולשטענדיק פאַרט'קן זכר אָדער נקבה.

די קיים-דריזע איז דער אָרגאַן, אין וועלכן די סעקסועלע כאַראַקטעריסטיק פון אינדיווידו טרעט צום בולטסטן אויף, און אין וועמעס מאָרפאָלאָגיש איינצ,-עלעמענט מ'קאָן זי צום לייכטסטן פעסטשטעלן.

פונקט אַזוי מוז מען אָבער אָננעמען, אַז אויך די פאַמיליען-, אַרט-, און מין-אייגנשאַפטן פון אָרגאַניזם זענען צום בעסטן פאָרגעשטעלט אין די קיים-דריזן. פון דער צווייטער זייט האָט סטענסטרופ מיט פולער רעכט געקאָנט באַהויפטן, אַז דאָס געשלעכט איז פונאַנדערגעשפרייט איבערן גאַנצן אָרגאַניזם, און איז נישט בלויז איינגעשלאָסן אין זיינע ספעציפישע „געשלעכטס-טיילן". אויך נעגעלי, דע ווריס, אָסקאַר הערטוויג און אַנד. האָבן אַנטוויקלט און באַגרינדעט מיט וויכטיקע אַרגומענטן די אומגעוויינלעך אויפקלערנדיקע טעאָריע, לויט וועלכער איטלעכס קעמערל פון פילקעמערלדיקן אָרגאַניזם אַנטהאַלט אין זיך דעם סכום פון די מין-אייגנשאַפטן, און דידאָזיקע לעצטע זענען מיט עפעס אַ באַזונדערער קראַפט פאַראייניקט אין די קיים-קעמערלעך. דידאָזיקע טעאָריע וועט אפשר אַמאָל אַלע פאָרשער אָנערקענען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך מחמת דעם פאַקט, וואָס יעדער אָרגאַניזם אַנטשטייט דורך טיילונג און פעלבונג פון איין איינציק קעמערל.

די דערמאָנטע פאָרשער האָבן אויפן סמך פון פיל פאַקטן, וועלכע זענען דערנאָך פאַרמערט געוואָרן דורך צאָלרייכע דערפאַרונגען איבער רעגענעראַציע פון באַליביקע טיילן און דורך פעסטשטעלונגען פון כעמישע חילוקים צווישן די איינערלייאיקע געוועבן פון פאַרשידענע אַרטן, מיט פולער רעכט אָנגענומען די עקזיסטענץ פון אידיאָפלאַזמע, אַלס דעם סכום פון די ספעציפישע אַרט-אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן נישט קיין אוממיטלבאַרן באַטייט פאַר דער פאַרמערונג. דאָ קאָנען און דאַרפן געשאַפן ווערן די באַגריפן פון אַרענאָפלאזמע און טעליפלאזמע אַלס צוויי מאָדיפיקאַציעס, אין

וועלכע יעדע אידיאָפּלאַזמע טרעט-אויף
באַ די אין געשלעכטלעכן זינען דיפערענ-
צירטע וועזנס, דערביי אָבער וועלן מיר אויפן סמך פון
די שוין אויבן אָנגעוויזענע גרונט-אָנשויונגען זיי ווידער באַ-
טראַכטן פאַר אידעאַל-פאַלן, פאַר די גרעניצן, צווישן
וועלכע עס ליגט די עמפּירישע ווירקלעכקייט. די ווירקלעך
עקזיסטירנדיקע פּראָטאָפּלאַזמע, דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער
פון דער אידעאַלער אַרענאָפּלאַזמע, גייט בכן דורך אַ (ווירקלעכן
אָדער געדאַנקלעכן) אינדיפערענץ-פּונקט (= Hermaphroditis-
mus verus) אין אַ פּראָטאָפּלאַזמע איבער, דערנענטערנדיק זיך
ביז צו די סאַמע עקסטע גרעניצן פון דער טעליפּלאַזמע. אַזאַ
איז נאָר דער קאָנסעקווענטער פּועל-יוצא פון מיינע פריערדיקע
אויספירן, און כ'בעט מיר צו אַנטשולדיקן פאַר מיין נייע טער-
מינאָלאָגיע: זי איז נישט דערויף צוגעטראַכט געוואָרן, כּדי
אויפצוהויבן אין די אויגן פונם לייענער די נייקייט פון דער
זאַך.

דער כּלל, אַז יעדער איינצלנער אָרגאַן און ווייטער
יעדעס איינצלנע קעמערל באַזיצט אַ געוויסע סעק-
סואַליטעט, וועלכע געפינט זיך אויף עפּעס אַ פּונקט צווישן
אַרענאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע, אַז בכן יעדע עלעמענטאַר-טייל
איז שוין אורשפּרינגלעך אויף אַ באַשטימטן אופן און אין אַ
באַשטימטער מאָס געשלעכטלעך כאַראַקטעריזירט, דערדאָזיקער
כּלל לאָזט זיך לייכט דערווייזן אויך מיטן פאָלגנדיקן פאַקט:
אַפילו אין איין און דעמזעלביקן אָרגאַניזם באַזיצן
נישט תּמיד פאַרשידענע קעמערלעך דיזעלביקע סעקסועלע כאַ-
ראַקטעריסטיק. און אַזוי איז קיינמאָל נישט פאַראַן אין
אַלע קעמערלעך פון איין אָרגאַניזם דערזעלביקער אַנטהאַלט פון
מ. אָדער פ. דיזעלבע דערנענטערונג צו אַרענאָפּלאַזמע אָדער
טעליפּלאַזמע; די קעמערלעך פון איין און דעמזעלביקן קערפּער
קאָנען זיך אַפילו געפינען אויף פאַרשידענע זייטן פונם אינדי-
פערענץ-פּונקט, וועלכער ליגט צווישן דידאָזיקע צוויי פּאָליוסן.
אויב מיר וועלן אָנשטאָט כּסדר צו זאָגן מענלעכקייט און ווייב-
לעכקייט, באַשטימען פאַרביידן פאַרשידענע סימנים און צו-
קלויבן לעת-עתּה אָן וועלכע ס'איז ביזוויליקע הינטערגעדאַנקען

פֿאַרן מענלעכן שורש אַ פּאָזיטיוון סימן, און פֿאַרן ווייבלעכן — אַ נעגאַטיוון, וועט מען דעם אויבנדיקן כּלל קאָנען אויסדריקן אַזוי: די סעקסואַליטעט פֿון די פֿאַרשידענע קעמערלעך פֿון איין אָרגאַניזם האָט נישט בלויז אַ פֿאַרשידענע אַבסאָלוטע גרייס, נאָר באַזיצט אויך פֿאַרשידענע סימנים (ד. ה. + אָדער —). פֿאַראַן גאַנץ גוט אַנטוויקלטע זכרים מיט נאָר גאַנץ שוואַכער באָרד און גאַנץ שוואַכער מוסקולאַטור; אָדער כּמעט טיפּישע נקבֿות מיט שוואַך אַנטוויקלטער ברוסט. פֿון דער צווייטער זייט זענען פֿאַראַן פֿולשטענדיק ווייבלעכע מענער מיט שטאַרקן וווקס פֿון באָרד און פֿרויען מיט אומנאָרמאַל קורצע האָר, מיט אַ היפּש באַמערקלעך בערדל, נאָר מיט שיין אַנטוויקלטער ברוסט און ברייטן בעקן. כ׳האָב געקענט מענער מיט ווייבלעכן אויבער-און מענלעכן אונטערשענקל, מיט רעכטער ווייבלעכער און לינקער מענלעכער היפּט. בכּלל געהערט די סימעטריע פֿון ביידע העלפֿטן קערפּער צו די גאַנץ זעלטענע דערשיינונגען, און על-פּי-רובֿ זעט מען אין די לינקע און רעכטע קערפּערטיילן די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק לויט דער אויסדרוקס-שטופע פֿון די געשלעכטלעכע סימנים. דאָסדאָזיקע פֿעלן פֿון איינהייטלעכקייט (און קיין אַבסאָליוטע איינהייטלעכקייט פֿון געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק איז קיינמאָל נישט פֿאַראַן), לאָזט זיך ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, כּלל נישט דערקלערן מיט דער אומגלייכמעסיקייט פֿון אינערלעכן אויסטיילונגס-פּראָצעס, מחמת דאָס בלוט גייט טאַקע נישט אַריין אין אַלע אָרגאַנען אין אַ גלייכער מאָס, אָבער עס דרינגט אַריין אין אַלע אין זעלביקן צוזאַמענשטעל און אין אומפּאַטאָלאָגישע פֿאַלן תּמיד אין אַזאַ כּמות און איכות, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די נויטווענדיקע באַדינגונגען פֿון דערהאַלטונג פֿון אָרגאַניזם.

ווײַבאַלד מ׳זאָל נישט אָנערקענען, אַז די סיבה פֿון די-דאָזיקע אַלע וואַריאַציעס איז די כאַראַקטעריסטיק פֿון די איינצלנע קעמערלעך, וועלכע איז פֿאַרשידן שוין פֿון די ערשטע טריט אָן פֿון עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג, דאַן וואָלט מען געקאָנט פּשוט באַצייכענען די געשלעכטס-מדרגה פֿון עפּעס אַן אינדיוויד, אָנווייזנדיק אויף דער פֿאַרהעלטענישמעסיקער נאָענטקייט פֿון זיינע קיים-דריזן צום געשלעכטלעכן טיפּ. די פֿראַגע וואָלט דאַן

געלייזט געוואָרן פיל פשוטער, איידער דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט. אָבער די סעקסועליטעט איז כלל נישט פונאַנדערגעטיילט איבערן גאַנצן אָרגאַניזם אין עפּעס אַ פּלומרשטער נאָרמאַל-מאָס, אַזוי, אַז מיט דער סעקסועלער באַשטימונג פון איין קעמערל זאָלן דערליידיקט ווערן אויך אַלע איבעריקע. הגם באַדייטנדיקע שגויים אין דער געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק צווישן פאַרשידענע קעמערלעך אָדער אברים פון איין און דעמזעלביקן אָרגאַניזם בילדן אַ זעלטנהייט, מוז מען דאָך באַטראַכטן אַלס אַלגעמיינעם כלל די ספּעציפישקייט פון דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פאַר איטלעכן איינצלנעם קעמערל. דערביי דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז די דערנענטערונגען צו פולקאָמער איינאַרטיקייט פון געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק (פון גאַנצן קערפּער) זענען פיל אָפטער, איידער די באַדייטנדיקע אונטערשידן פון די באַזונדערע אָרגאַנען, שוין נישט רעדנדיק וועגן די איינצלנע קעמערלעך. דער מאַקסימום פון די דאָ מעגלעכע וואַקלונגען מוז ערשט פעסטגעשטעלט ווערן דורך אַן אונטערזוכונג פון איינצלנע פאַלן.

ווייבאַלד, למשל, די קאַסטראַציע פון אַ חיה זאָל זי פאַרוואַנדלען — אָן שום אויסנאַם — אין דעם היפּוכדיקן געשלעכט, ווי עס איז די פּאָפּולערע מיינונג, וועלכע איז נאָך פאַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ן און אונטערגעהאַלטן דורך פיל מעדיקער און זאָאָלאָגן, ווען צ. ב. די אַנטמאַנונג פון דער חיה זאָל eo ipso*) זי פולשטענדיק פאַרוואַנדלען אין אַ נקבה, דאַן וואָלט די עקזיסטענץ פון די אומאָפּהענגיקע פון די קייבדריזן אורשפּרינגלעכע געשלעכטס-סימנים אין איטלעכן קעמערל ווידער געשטעלט געוואָרן אין ספק. אָבער די נייעסטע פאָרשונגען פון ז ע ל ה י י ם און פ אָ ג ע ס האָבן אויפגעוויזן, אַז עס עקזיסטירט אַ קאַסטראַטן-טיפּ, וואָס איז פולשטענדיק פאַרשידן פון דעם ווייבלעכן טיפּ, און אַז די אַנטמאַנונג איז לחלוטין נישט אידענטיש מיט דער פאַרווייבלעכונג. וואָס אַן אמת, דאַרף מען אין דאָזיקן פּרט אויסמיידן צו ברייטע ראַדיקאַלע אויספירן; מחמת מ'קאָן נישט אויסשליסן די מעגלעכקייט, אַז נאָך דער באַזייטיקונג אָדער אַטראָפּיע פון איין קיים-דריזע, זאָל אַ צווייטע

*) דערמיט גופא

פֿאַרבאָרגענע דריזע פֿון אַנדערן געשלעכט געווינען אַזוי צו זאָגן די שליטה איבערן אָרגאַניזם, וועלכער געפֿינט זיך בנוגע זײַן סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק אין אַ געוויסן מצב פֿון וואַקלעניש. אַלס אַמייסטן באַקאַנטער בײַשפּיל פֿון אַזאַ דערשײַנונג זענען די, אמת, אַביסל צו דרייסט (אין זין פֿון אַבסאָלוטן אָננעמען די מענלעכע סימנים) אויסגעטײַטשטע פֿאַלן, ווען עס באַווײַזן זיך די אויסערלעכע, סעקונדערע מענלעכע געשלעכטס-סימנים אין ווײַבלעכן אָרגאַניזם נאָך דער אינוואָלוציע פֿון די געשלעכטס-אָרגאַנען אין דער צײַט פֿון קלימאַקטעריום: ווי, למשל, די באָרד בײַ דער מענטשלעכער „באָבע״ די קורצינקע צאַפּנדלעך אויפֿן שטערן פֿון געוויסע אַלטע ציגן, די האָן-באַפֿעדערונג פֿון אַלטע הינער א. א. וו. איבעריקנס, קומען פֿאָר דיזעלביקע פֿאַרוואַנדלונגען אויך אָן דער דעגראַדאַציע פֿון די פֿאַרעלטערטע אָרגאַנען און אָן דעם באַזײַטיקן זיי אויפֿן אָפּעראַטיוון וועג. זיי ווערן באַטראַכט אַלס דערשײַנונגען פֿון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג בײַ געוויסע פֿאָרשטייער פֿון די מינים Anilocra, Cymothoa Nerocila בײַ פֿיש-פּאַראַזיטן, aselus aqua-
ticus, וועלכע געהערן צו דער גרופּע Cymothoideae. דידאָזיקע חיות זענען הערמאַפֿראָדיטן פֿון אײגנאַרטיקן מין: זיי זענען פּאַרזען באַשטענדיק און גלײַכצײַטיק מיט מענלעכע און ווײַבלעכע קיים-דריזן, הגם זיי קאָנען נישט גלײַכצײַטיק פֿונקציאָנירן. בײַ זיי באַמערקט זיך אַ מין „פּראָטאַנדריע״: יעדער אינדיווידו פֿונקציאָנירט צוערשט אַלס זכר, דערנאָך — אַלס נקבה. אין דער צײַט פֿון זייער מענלעכער טעטיקייט, באַזיצן זיי מענלעכע פּרוכפּערונגס-אָרגאַנען, וועלכע ווערן דערנאָך אָפּגעוואָרפֿן, בעת עס אַנטוויקלען און עפֿענען זיך אָפּ די ווײַבלעכע דורכגאַנגס-וועגן און די ווײַבלעכע פּרוכפּערונגס-אָרגאַנען. אַז אָבער אויך בײַ מענטשן קאָנען פֿאָרקומען ענלעכע דערשײַנונגען, באַווײַזן יענע מערקווירדיקע פֿאַלן פֿון „עוויראַציע״ און „עפֿעמינאַציע״ בײַ דערוואַקסענע און רײַפֿע מענער און פֿרויען, ווען וועלכע עס דערציילט די סעקסועלע פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. אַ פּשיטא שוין קאָן מען נישט אָפּלייקענען די פֿאַקטישע מעגלעכקייט פֿון דער פֿאַרווײַבלעכונג דאָרט, ווו עס שאַפֿן זיך דערפֿאַר אַזעלכע גינציקע באַדינגונגען, ווי די

באזייטיקונג פון דער מענלעכער קיים-דריזע.*) אז אבער דער-דאזיקער צוזאמענהאנג איז נישט קיין אלגעמיינער און נויטווענדיקער, אז די קאסטראציע איז נאך נישט מחייב די אנגעהעריקייט צום קעגנזעצלעכן געשלעכט -- דאס איז ווידער א באווייז, ווי נויטווענדיק עס איז די אלגעמיינע הנחה וועגן דער עקזיסטענץ פון אורשפרינגלעך ערנאפלאזמאטישע קעמערלעך אין גאנצן קערפער.

די עקזיסטענץ פון אורשפרינגלעכער סעקסועלער כאראקטעריסטיק פון יעדן קעמערל און די אנמעכטיקייט פון דער אויף זיך אליין אנגעוויזענע קיימדריזן-אויסטיילונג ווערט ווייטער דערוויזן דורך די גענצלעכע דערפאלגלאזיקייט פון די איבערפלאנצונגען פון מענלעכע קיים-דריזן אויף חיות פון ווייבלעכן מין.

פאר דער גענויער באווייזבארקייט פון דידאזיקע עקספערימענטן וואלט, אמת, נויטיק געווען, אז די אויסגעשניטענע י א ד ע ר ן זאלן ווערן איבערגעפלאנצט אויף א מעגלעכסט נאענט פארקרובישטער נקבה, למשל, אויף א שוועסטער פון קאסטרירטן זכר: זייער אידיאפלאזמע דארף נישט זיין קיין פארשידענע. ווי אומעטום אזוי דארף מען אויך דא זיך באמיען וועגן א מעגלעכסט ריינער איזאלאציע פון באדינגונגען, כדי אזויערנאך צו באקומען פון עקספעריענט אן איינדייטיקן רעזולטאט. די עקספערימענטן, וועלכע זענען געמאכט געווארן אין דער ווינער קליניק פון כ ר א ב א ק, האבן אויפגעוויזן, אז די צווישן צוויי (גאנץ צופעליק אויסגעקליבענע) ווייבלעכע חיות פארטוישטע אייערשטאקן צטראפירן אין ס'רוב פאלן, נישט באווייזנדיק קיינמאל אפצוהאלטן דעם אומקום פון די סעקונדערע געשלעכטס-סימנים (למשל, די מילך-דריזן — אינדערצייט ווען די באזייטיקונג פון דער קיים-דריזע פון איר נאטירלעכן געלעגער און דאס איבערפלאנצן זי אין אן אנדער ארט פון דער זעלביקער חיה אזוי, אז איר אייגן געוועב ווערט אזויערנאך אויפגעהיטן),

---

*) פונקט אזוי אין פארקערטן פאל, בא דער קאטראציע פון דער ווייבלעכער חיה, קאן מען נישט אומבאדינגט א פ ל י י ג ע ן אור אומוואנדלונג אין א זכר.

שטערט נישט אין אידעאַלן פֿאַל דער אַנטוויקלונג פֿון די סעקונדערע סימנים, גלייך ווי ס'וואָלט דאָ גאָרנישט געווען אָנגעגריפֿן. די נישט-איינגעגעבנקייט פֿון דער דריזן-איבערפֿלאַנצונג אויף קאַסטרירטע געשלעכטס-חברים דערקלערט זיך אפֿשר הויפּטזאַכלעך דורך דער אומגענוגנדיקער פֿאַמיליען-קרובהשאַפֿט: דער אידיאָפּלאַזמאַטישער מאָמענט דאַרף דאָ אַוועקגעשטעלט ווערן אויפֿן ערשטן אָרט.

די דראָזיקע דערשיינונגען דערמאָנען זייער אָן די עקספּערימענטן מיטן *איבערגיסן* (טראַנספּוזיע) פֿון בלוט. פֿאַראַן אַ פּראַקטישער כּלל בײַ די כירורגן, אַז דאָס פֿאַרלוירענע בלוט דאַרף מען (אונטער דער סכּנה פֿון שווערע קאָמפּליקאַציעס) פֿאַרטרעטן מיטן בלוט נישט בלויז פֿון זעלביקן מין און פֿון פֿאַרקרובישטער פֿאַמיליע, נייערט אויך פֿון זעלביקן געשלעכט. די אַנאַלאָגיע מיט די פּרווון פֿון איבערפֿלאַנצונג (טראַנספּלאַנטאַציע) וואַרפֿט זיך דאָ ממש אין די אויגן. ווײַבאַלד די דאָ פֿאַרטיידיקטע אָנווײַזונגען באַשטעטיקן זיך דורך עקספּערימענט, דאַרפֿן בכן די כירורגן, אויף וויפֿל זיי פֿירן איבערהויפּט דורך אַ טראַנספּוזיע און באַנוגענען זיך נישט מיט דער אָנווענדונג פֿון קאָך-זאַלץ, נישט בלויז לייגן אַכט דערויף, אַז דאָס פֿאַרטרעטנדיקע בלוט זאָל גענומען ווערן פֿון אַ מעגלעכסט שטאַם-פֿאַרקרובישטער חיה. עס שטעלט זיך בכן אַ פֿראַגע, צי וואָלט אויף אַזאַ אופֿן געווען מגוזמדיק די פֿאָדערונג, אַז מ'זאָל מעגן אָנווענדן נאָר דאָס בלוט פֿון אַן אינדיווידו, וועלכער געפֿינט זיך אויף אַ מעגלעכסט נאָענטער שטופֿע פֿון מענלעכקייט אָדער ווײַבלעכקייט.

פּונקט ווי די דראָזיקע פֿאַרהעלטנישן בײַ דער טראַנספּוזיע דינען פֿאַר אַ באַווײַז, אַז די בלוט-קײַקעלעך באַזיצן אייגענע סעקסועלע כאַראַקטעריסטיק, אַזוי איז אויך דער גענצלעכער אומדערפֿאָלג פֿון דער טראַנספּלאַנטאַציע פֿון מענלעכע קיים-דריזן אויף דער נקבֿה אָדער, פֿאַרקערט, פֿון די ווײַבלעכע אויף דעם זכר נאָך איין באַווײַז דערצו, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געווען, אַז די אינערלעכע אויסשטײַלונג *ווירקט נאָר אויף אַן איר אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַנאָפּלאַזמע אָדער טעליפּלאַזמע.*

אין פאַרבינדונג דערמיט איז דאָ כדאי לטוף אין עטלעכן ווערטער צו דערמאָנען מכּוח די אָרגאַנאָטעראַפּעווטישע הייל־אופנים. וויבאַלד די איבערפלאַנצונג פון מעגלעכסט געשווינטע גאַנצע קיים־דריזן אויף אַנדערגעשלעכטלעכע אינדיווידן האָט זיך נישט איינגעגעבן, איז פון אויבנגעזאָגטן קלאָר, אַלמאַי, למשל, די איינשפריצונג פון אייערשטאָק־סובסטאַנץ אין בלוט פונם זכר קאָן אים נאָר גורם זיין שאָדן. אָבער דערפאַר מאַלט פון דער אַנדערער זייט אָפּ אַ מאַסע איינווענדונגען קעגן דעם פּ ר י נ צ י פּ פון אָרגאַנאָטעראַפּיע דורכדעם, וואָס אָרגאַן־פּרעפּאַראַטן פון פאַרשידענע מינים קאָנען, נאַטירלעך, נישט תּמיד אויסאיבן אַ פולשטענדיקע ווירקונג. די פּאָרשטייער פון אָרגאַנאָטעראַפּיע אין דער מעדיצינישער וועלט וואָלטן אפשר נישט איינמאָל דערגרייכט דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן, וויבאַלד זיי זאָלן נישט פאַרוואָרלאָזן אַזאַ וויכטיקן ביאָלאָגישן פּרינציפּ, ווי די טעאָריע פון אידיאָפּלאַזמע.

די אידיאָפּלאַזמע־טעאָריע, וועלכע שרייבט־צו אַ ספּעציפישן מין־כאַראַקטער אויך יענע געוועבן און קעמערלעך, וועלכע האָבן אָנגעווירן די רעפּראָדוקטיווע פעיקייט, איז, וואָס אַן אמת, נאָכנישט אַלגעמיין אָנערקענט. אָבער דאָך מוז יעדער מסכּים זיין מיט דער מיינונג, אַז אין די קיים־דריזן זענען צונויפגעזאַמלט די מין־אייגנשאַפטן און אַז בּאַ די פּרעפּאַראַטן פון די קיים־דריזן איז דער מעגלעכסט קלענסטער קרובישער אָפּשטאַנד דער ערשטער פּאָסטולאַט, אויף וויפל דערדאָזיקער מעטאָד שטרעבט צו געבן עפּעס מער ווערטפולס, ווי אַ פּשוטן טאָנישן *) עפעקט. פּאַרצלעלע פּרוּוון פון טראַנספּלאַנטאַציע פון קיימדריזן און איינשפּריצונג פון זייערע עקסטראַקטן אין אַנדערע וועזנס וואָלטן וואַרשיינלעך זייער נוצלעך געווען אין געגעבענעם פאַל: פאַרגלייכן, למשל, דעם איינפלוס פון אַן איבערגעפלאַנצטן מענלעכן יאָדער פון אַ האָן, וועלכער איז אַרויסגענומען געוואָרן בּאַ אים גופא אָדער פון אַ נאָענט פאַרקרובישטן אינדיוויד און אַריינגעשטעלט געוואָרן אין זיין פּעריטאָנעאַלגעביט מ י ט דעם איינפלוס פון דער אָדערן־אינעקציע פון

*) דערפרישנדיק היילמיטל (איב.)

יאָדערן-עקסטראַקט, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנדערן קאַסטרירטן האָן, דערביי דאַרפן די עקסטראַקטן גענומען ווערן פון די יאָדערס פון קרובישע אינדיווידן. אַזעלכע פּרוּוון וואָלטן אפשר געגעבן רייכע ווּיסנשאַפטלעכע אויפקלערונגען בנוגע דעם פּאַסיקסטן צונויפשטעל אי פון דער צאָל פון די אָרגאַן-פּרעפּאַראַטן, אי פון איינצלנע אינעקציעס. עס וואָלט אויך געווען געוווּנטשן טעאָרעטיש פעסטצושטעלן, צי די אינערלעכע אויס-טיילונג פון די געשלעכטס-דריזן גייען אריין אין אַ כעמישער פאַרבינדונג מיטן שטאָף פון קעמערל, אָדער זייער ווירקונג איז בלויז אַ קאַטאַליטישע, וועלכע איז אייגנטלעך אומאָפּהענגיק פון זייער כמותדיקער פאַרהעלטעניש. די לעצטע הנחה קאָן לויט די ביז אַהער אָנגעזאַמלטע פאָרשונגען נאָך נישט אויסגעשלאָסן ווערן.

מ׳האָט געדאַרפט באַצייכענען די גרעניצן פון איינפלוס פון דער אינערלעכער אויסטיילונג אויף דער געשטאַלטונג פון ענדגילטיקן געשלעכטלעכן כאַראַקטער, כדי צו באַוואָרענען קעגן איינווענדונגען די דורך אונז געמאַכטע הנחה וועגן אַן איינגעבוירענער, אין אַלגעמיין פאַר יעדן קעמערל גראַדועל פאַרשידענער, אורשפּרינגלעך באַשטימטער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק*). הגם אין איבערוועגנדיקער מערהייט פאַלן קאָן מען אויך נישט אונטערשיידן די שטופן פון דידאָזיקע כאַראַקטעריסטיקעס פאַר די פאַרשידענע קעמערלעך אין געוועבן פון איין און דעמזעלביקן אָרגאַניזם, זענען דאָך פאַראַן שרייענדיקע אויסנאַמען, וועלכע זאָגן עדות אויף דער מעגלעכקייט פון באַדייטנדיקע אָפּווייכונגען. אויך די איינצלנע איי-קעמערלעך און די איינצלנע ספּערמאַטאַצאָידן — נישט בלויז אין פאַרשידענע אָרגאַניזמען, נאָר אויך אין די איי-בלעזלעך און אין דער זרע-מאַסע פון איין און דעמזעלביקן אָרגאַניזם — ווייזן אין דערזעלביקער צייט, און נאָך מער אין פאַרשידענע צייטן, געוויסע אונטערשידן אין דער מדרגה פון זייער מענלעכקייט אָדער ווייבלעכקייט; למשל, זייערע זאָמען-פעדים קאָנען האָבן אַ פאַרשי-

*) אַז אַזעלכע גרעניצן זענען פאַראַן, באַווייזט אויך די עקזיסטענץ פון סעקסועלע אונטערשידן פאַר דער רייפקייט.

ענע שלאנקייט און פֿאַרשידענע געשווינדקייט. וואָס אַן אמת, ווייסן מיר לעת-עתּה גאַנץ ווייניק מכּוח דידאָזיקע אונטערשידן, אָבער בלויז מחמת דעם, וואָס קיינער האָט ביזאַהער נישט גע-פֿאָרשט דידאָזיקע דערשיינונגען פֿון ענלעכן שטאַנדפּונקט.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט, אַז אין די יאָדערס פֿון די אַמפֿיביעס האָט מען געפֿונען לעבן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונגס-שטופֿן פֿון דער ספּערמאַטאָגענעזיס פֿולשטענדיק נאָרמאַלע און גוט אַנטוויקלטע אייער; און דערדאָזיקער פֿאַקט איז נישט איינמאָל באַאַרבעט געוואָרן דורך פֿאַרשידענע פֿאָרשער. די אויסטייטשונג פֿון דערדאָזיקער אַנטדעקונג איז, וואָס אַן אמת, פֿון אַ געוויסער זייט באַקעמפֿט געוואָרן, דערבײַ האָט מען אָנערקענט פֿאַר זיכער בלויז די עקזיסטענץ פֿון אומנאָרמאַל גרויסע קעמערלעך אין זאָמען-קאַנאַלעכלעך. אָבער סוף-כּל-סוף איז די מציאות פֿון אייער שפּעטער פֿאַקטיש פֿעסטגעשטעלט געוואָרן. יעדנפֿאַלס צווישן די אַמפֿיביעס באַגעגנט מען טאַקע זייער אָפֿט הערמאַפֿראָדיטן. דערדאָזיקער פֿאַקט באַווייזט פֿונדעסט-וועגן גענוג, ווי פֿאָרזיכטיק מ'דאַרף זײַן מיט דער היפּאָטעזע פֿון קלענערער אָדער גרעסערער איינהייטלעכקייט פֿון דער אָרע-נאָפּלאַזמע אָדער טעליפּלאַזמע אין איין אָרגאַניזם. צו דער קאַ-טעגאָריע פֿון אַזאַ איבערגעאיילטקייט געהערט אויך דערדאָזיקער פֿאַקט (הגם ער קאָן זיך אויסווייזן אַביסל דערווייטערט פֿון אונ-זער געביט), וואָס מיר רופֿן אָן „יונגל” אַ פֿריש געבוירן קינד, וועלכעס ווערט שוין באַטראַכט אַלס אַזעלכעס אָן ווײַטערדיקע שהיות, בלויז אויפֿן דאָזיקן סמך, וואָס עס באַזיצט אַ ווען אַפֿילו ווי קורץ עפּיספּאַדיש אָדער היפּאָספּאַדיש מענלעך גליד, און מיר טוען דאָס אַפֿילו אין פֿאַל פֿון צווייזייטיקן קריפּטאָ-כיזם, הגם אין די איבעריקע קערפּערטיילן, — למשל אין מוח-הינזיכט—קאָן עס זײַן פֿיל נענטער צו דער טעליפּלאַזמע, איידער צו דער אַרענאָפּלאַזמע. מ'וועט זיך בלי-ספק אויך דאָ אַמאָל דאַרפֿן אויסלערנען אונטערצושיידן די דינערע שטופֿן פֿון גע-שלעכטלעכקייט שוין בײַ דער געבורט.

אַלס רעזולטאַט פֿון דידאָזיקע לענגערע אינדוקציעס און דעדוקציעס קאָן מען באַטראַכטן די פֿעסטשטעלונג פֿון דער עק-זיסטענץ פֿון אורשפּרינגלעכער געשלעכטלעכער כאַראַקטעריסטיק,

עלכע מ׳קאָן זיך נישט a priori פאָרשטעלן אייגערלייאיק, אַפילו אומגעפער אייגערלייאיק פאַר אַלע קעמערלעך פון איין קערפער. יעדעס קעמערל, יעדער קעמערלעך-קאָמפּלעקס, יעדער אָרגאַן האָט אַ באַשטימטן אינדעקס, וועלכער ווייזט אָן זיין אָרט צווישן אָרגאַנאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע. איבריקנס, אין דער מערהייט פאַלן איז גענוג איין סימן פאַרן גאַנצן קערפער, אויב ס׳איז נישטאָ קיין נויטיקייט אין קיין גרעסערער פּינקטלעכקייט. נאָר ווייבאַלד מיר זאָלן אויך אין יעדן איינצלנעם פאַל זיך ערנסט מיינען צו באַנוגענען מיט אַזאַ אויבנאויפיקער באַשרייבונג, וואָלט דאָס נאָר געקאָנט ברענגען צו פאַטאַלע טעאָרעטישע טעותים און צו שווערע זינד אין דער פּראַקטיק.

די פילערלייאיקע שטופן פון דער אור-שפּרינגלעכער סעקסועלער כאַראַקטע-ריסטיק צוזאַמען מיט דער (באַ די איינצלנע אינ-דיווידן וואַרשיינלעך איכותדיקער און כמותדיקער) פאַרשידנ-אַרטיקייט פון אינערלעכן אויסטיילונגס-פּראָצעס זענען מחייב די עקזיסטענץ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען.

אָרגאַנאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע, און זייערע אומציילִיקע איבערגענג, זענען די מיקראָסקאָפּישע פאַקטאָרן, וועלכע בילדן אין פאַרבינדונג מיט דער „אינערלעכער אויסטיילונג״ יענע מאַקראָסקאָפּישע אונטערשידן, מיט וועלכע ס׳האָט זיך אויסשליס-לעך פאַרנומען דאָס פריערדיקע קאַפּיטל.

ווייבאַלד מ׳וועט די ביזאַהעריקע אויספירן אָנערקענען פאַר ריכטיקע און טרעפלעכע, וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק דאָס אונטערנעמען אַ גאַנצע רייע אַנאַטאָמישע, פיזיאָלאָגישע, היסטאָ-לאָגישע און היסטאָכעמישע אונטערזוכונגען איבער די אונטער-שידן צווישן די טיפן מ. און פ. אין בוי און פונקציעס פון אַלע איינצלנע אָרגאַנען, מיטן צוועק צו דערקענען, ווי אַזוי אָרגאַנאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע דיפערענצירן זיך אין די פאַר-שידענע באַזונדערע געוועבן און אָרגאַנען. די דורכשניטלעכע ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן וועגן דעם אַלעם ביז איצט, זענען קוים גענוגנדיק אַפילו פאַרן מאָדערנעם סטאַטיסטיקער. זייער ווייסנשאַפטלעכער ווערט איז אַ גאַנץ קנאַפער. אויב, למשל, אַלע

אינטערזוכונגען פון די געשלעכטלעכע אונטערשידן אין מוח האָבן דערגרייכט אַזעלכע אומבאַדייטנדיקע רעזולטאַטן, דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט געזוכט די טיפישע פאַרהעלטעניש, נאָר מ'האָט זיך באַנוגנט מיט דער אָנווייזונג פון דער מעטריקע אָדער מיטן אויבנאויפיקסטן באַקוקן דעם בר־מינן, באַטראַכטנדיק אויף אַזאַ אופן יעדן שמעון אָדער יענטל פאַר פולווערטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון דער מענלעכקייט אָדער ווייבלעכקייט. ווייבאַלד מ'האַלט שוין, אַז מ'קאָן זיך באַגיין אָן פסיכאָלאָגישע דאַטן, טאָ וואָלט מען געדאַרפט על־כל־פנים — היות ווי די האַרמאָניע אין דער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק פון פאַרשידענע קערפּערטיילן איז אַן אָפטערע דערשיינונג, איידער אירע גרויסע שפּרונגען צווישן די באַזונדערע אָרגאַנען — פעסטשטעלן געוויסע פאַקטן בנוגע דעם איבעריקן קערפּער־צוזאַמענשטעל, וועלכע קומען אין באַטראַכט בעת דער באַשטימונג פון מענלעכקייט אָדער ווייבלעכקייט, למשל, דער דיסטאַנץ פון די גרויסע טראָכאַנטערן (היפּט־בערגלעך), Spinae ilicae ant. sup. א. א. וו. א. א. וו.

דערזעלביקער מקור פון טעותים — די אומבאַטראַכטע אויסמיידונג פון סעקסועלע צווישנשטופן, אַלס מאָסגעביקע אינדיווידן — איז אגב אויך בײַ אַנדערע אונטערזוכונגען נישט פאַרשטאָפּט געוואָרן; און דידאָזיקע זאָרגלאָזיקייט קאָן אויף לאַנגע צייטן אָפּהאַלטן די דערגרייכונג פון באַדייטנדיקע און זיכערע רעזולטאַטן. אַפילו דעריעניקער, וואָס פאָרשט, למשל, די סיבות פון דעם יונגלעך־עודף בײַ די געבורטן, דאַרף נישט אַרויסלאָזן פון אויג דידאָזיקע פאַרהעלטעניש. דאָס מזלזל זיין אין זיי וועט זיך דעריקרשט נוקם זיין אָן דעמ־יעניקן, וואָס וויל זיך אונטערנעמען צו לייזן דעם פּראָבלעם פון די געשלעכטס־באַשטימענדיקע סיבות. כל־זמן ער וועט נישט באַשטימען די שטעלונג צווישן מ. און פ. פון יעדן באַשעפעניש, וועלכעס דינט אַלס אָביעקט פון זיין אונ־טערזוכונג, אַזוי לאַנג פאַרדינען זיינע היפּאָטעזעס, און אַפילו זיינע מעטאָדעס קיין צוטרוי נישט. ווייבאַלד ער וועט די סעק־סועלע צווישנשטופן — אויפן סמך פון די אויסערלעכע סימנים, ווי פשוט עס איצט — פאַררעכענען צו דער צאָל פון מענלעכע

אָדער ווייבלעכע געבורטן, וועט ער זיך אָנשטויסן אויף אַזעלכע פאַלן, וועלכע וועלן באַ טיפערער באַטראַכטונג עדות זאָגן קעגן אים גופא; ער וועט באַטראַכטן אַלס היפוכדיקע באַווייזן גראָד יענע פאַלן, וועלכע זענען עס אין תוך נישט. אָן דעם אידעאַלן מאַן און דער אידעאַלער פרוי פעלט אים טאַקע אַ פעסטער מאָס-שטאַב, וועלכן ער זאָל קאָנען אָנווענדן לגבי דער ווירקלעכקייט, און ער טאַפט אין דער פינצטערניש פון אומזיכערע, איבער-פלעכלעכע סברות. מ אָ פ אַ, למשל, ווען ס׳איז געלונגען צו באַשטימען אויפן עקספערימענטאַלן וועג דאָס געשלעכט פון דער Hidatina senta, אַ חיהלע פון דער ראָדאַטאָריען-משפחה, האָט פונדעסטוועגן אָנגעציילט אַן ערך 3—5 פראָצ. אָפווייכנדיקע פאַלן. באַ נידריקערער טעמפעראַטור האָט ער דערוואַרט די געבורט פון נקבות, און דאָך איז אויסגעפאַלן דערזעלביקער פראָצענט זכרים; באַ אַ הויכער טעמפעראַטור ווידער איז גע-בוירן געוואָרן, קעגן דעם כלל, אויך אַזויפיל זכרים. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז דאָס זענען געווען סעקסועלע צווישנשטופן, זייער אַרענאָידע (מענלעכע) זכרים באַ הויכער און זייער טעליאָידע (ווייבלעכע) באַ נידריקער טעמפעראַטור. דאָרט, ווו דער פראָבלעם איז פיל קאָמפליצירטער, למשל, באַ בהמות (ווייבאַלד מ׳זאָל שוין נישט רעדן וועגן מענטש), דאָרט וועט קיינמאָל נישט אויספאַלן אַזאַ הויכער פראָצענט פון שטימנדיקע רעזולטאַטן, און דעריבער שטויסט זיך דאָרט די דערקלערונג פון דער פראַגע אָן אויף אַ סך שווערערע שטערונגען, וועלכע זענען ארויסגערופן דורך די סעקסועלע צווישנפאָרמען.

פונקט ווי די מאָרפאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע און אַנטוויקלונגס-מעכאַניק, אַזוי איז אויך זייער געוואונטשן די פאַרגלייכנדיקע פ אַ ט אָ ל אָ ג י ע פון די סעקסועלע ט י פ ן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווי דאָרט, וועלן זיך לאָזן אַרויסציען פון דער סטאַטיסטיק געוויסע החלטות. ווייבאַלד די סטאַטיסטיק ווייזט אויף, אַז אַ געוויסע קראַנקייט איז פיל אָפטער פאַראַן באַם „ווייבלעכן גע-שלעכט" איידער באַם „מענלעכן", מעג מען דאַן אַוועקשטעלן די אַלגעמיינע הנחה, אַז זי איז אַן „אידיאָפאַטישע", דער טעלי-פלאָזמע אייגנטימלעכע קראַנקהייט. און אַזוי, למשל, וואָלט

מיקסעדעם געווען לויט דעם א קראנקהייט פון פ; הידראָקעל נאטורמעסיק — א קראנקהייט פון מ.

נאָר אפילו די גענויעסטע סטאטיסטישע ציפערן קאָנען אונז נישט פארהיטן פון טעאָרעטישע טעותים, כל־זמן ס'ווערט בנוגע דעם כאראקטער פון עפעס א קראנקהייט נישט אָנגעוויזן ווערן, אז זי איז פארבונדן מיט דער מענלעכקייט אָדער ווייבלעכקייט. די טעאָריע פון דידאָזיקע קראנקהייטן וועט זיך אויך מוזן אָפגעבן א גענויעם חשבון, אלמאי זיי „טרעטן כמעט אויסשליסלעך אויף בא איין געשלעכט" ד. ה. (אין הסכם מיט דער דאָ באגרינדעטער מיינונג) אלמאי זיי שטייען אין פארבינדונג אָדער מיט מ. אָדער מיט פ.

# קאפיטל III

## געזעצן פון סעקסועלער צוציונג.

Carmen :*)
„L‘amour est un oiseau rebelle,
Que nul ne peut apprivoiser :
Et c‘est bien en vain qu‘on l‘appelle,
S‘il lui convient de refuser.
Rien n‘y fait; menace ou priére
L‘un parle, l‘autre se tait;
Et c‘est l‘autre que je preféré ;
Il n‘a rien dit, mais il me plâit
— — — — — — — — — — —
L‘amour est enfant de Bohême
Il n‘a jamais connu de loi.“

אין די אלטע באגריפן אויסגעדריקט, איז פאראן בא אלע געשלעכטלעך דיפערענצירטע לעבעדיקע וועזנס צווישן זכר און

*) די ליבע איז א ווידערשפעניקער פויגל, וואס קיינער קאן נישט פארהיימישן : און ס'איז בחנם דאס רופן אים, וויבאלד אים געפעלט אפצוזאגן. גארנישט העלפט דא ; נישט קיין דראען, נישט קיין בעטן : איינער רעדט, דער אנדערער שווייגט ; און טאקע דעם אנדערן שעץ איך ; ער האט גארנישט געזאגט, אבער ער געפעלט מיר. — — — — — — — — — —
די ליבע איז א ציגייגער-קינד, האט קיינמאל פון קיין געזעץ נישט געוווּסט.

נקבה, מאַנסביל און פרוי, אַ קעגנזייטיקע צוציונג, וועלכע פירט
צום באַהעפטונגס-אַקט. נאָר היות ווי מאַנסביל און פרוי שטעלן
מיט זיך פאָר טיפּן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט אין דער ווירק-
לעכקייט זייערע ריינע פאָרשטייער, טאָ קאָנען מיר איצט נישט
זאָגן, אַז די געשלעכטלעכע צוציונג שטרעבט צונויפצופירן סתם
אַ זכר מיט סתם אַ נקבה. מיין טעאָריע, כדי זי זאָל זיין
פולשטענדיק, דאַרף נאָך אָפּגעבן אַ חשבון מכּוח די פאַקטן
פון סעקסועלע ווירקונגען; זי דאַרף *בעסער* פאָרשטעלן איר
דערשיינונגס-געביט מיט די נייע מיטלען, איידער מיט די ביז-
אַהעריקע, וויבאַלד יענע ווילן באַהויפּטן זייער יתרון לגבי די-
דאָזיקע. און אינדעראמתן האָט מיין דערקענטעניש, אַז מ. און
פ. זענען *פאַרטיילט* אין *פאַרשידענע* פאַרהעלטענישן
צווישן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, מיך געפירט צו דער
אַנטדעקונג פון אַן אומבאַקאַנטן, בלויז דורך איין פילאָזאָף
אַמאָל געאַנטן *נאַטורגעזעץ*, דעם *געזעץ* פון
*סעקסועלער* *צוציונג*.

יעדער מענטש באַזיצט אַ באַשטימטן בלויז אים אייגנ-
טימלעכן „געשמאַק" לגבי דעם צווייטן געשלעכט. וויבאַלד מ'וועט
פאַרגלייכן, למשל, די פּאָרטרעטן פון פרויען, וועלכע עס האָט
געליבט עפּעס אַ באַרימטע היסטאָרישע פערזענלעכקייט, וועלן
מיר געפינען אין זיי כמעט תּמיד אַ באַדייטנדיקע ענלעכקייט,
וועלכע דריקט זיך אויסערלעך אויס צום אָפּטסטן אין זייער
*געשטאַלט* (אין ענגערן זין — אין וווקס) אָדער אין זייערע
*פנימער*, אָבער בײַ נעענטערן צוקוקן זיך שפּרייט זי זיך אויס
ביז צו די קלענסטע שטריכן — ad unguem, ביז צו די
נעגל פון די פינגער. פונקט דאָסזעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן
אַלע מענטשן. דערפון שטאַמט עס, וואָס יעדעס מיידל,
וועלכע איבט אויס אויף אַ געוויסן מאַנסביל אַ שטאַרקן צו-
ציעוודיקן איינפלוס, דערוועקט אין אים גלייכצייטיק אויך די
דערינערונג פון יענע מיידלעך, וועלכע האָבן שוין פריער גע-
ווירקט אויף אים אויף אַן ענלעכן אופן. איטלעכער מענטש האָט
פיל באַקאַנטע, וועמעס געשמאַק לגבי דעם צווייטן געשלעכט האָט
אין אים אוודאי אַמאָל אַרויסגערופן דעם אויסגעשריי: „ה'טאַר-

שטיי נישט. ווי אזוי זי קאָן עמיצן געפעלן"! פיל אזעלכע פאַקטן, וועלכע שטעלן פעסט, מחוץ יעדן ספק, פאַר איטלעכן באַזונדערן באַשעפעניש (אפילו בא חיות) א באַשטימטן אייגנטלעכן געשמאַק, האָט ד אַ ר ו וי ן צונויפגעזאַמלט אין זיין „אָפּשטאַמונג פונם מענטש". ווייטער וועלן מיר אָנווייזן, אז די אנאַלאָגישע דערשיינונגען פון א באַשטימטן געשלעכטלעכן געשמאַק טרעטן אויך אויף אפילו בא די פלאַנצן.

די סעקסועלע צוציונג איז, פונקט ווי בא דער גראַוויטאַציע, כמעט אָן אויסנאַם א קעגנזייטיקע, דאָרט ווו אין דאָזיקן כלל שיינען צו זיין אויסנאַמען, דאָרט לאָזן זיך תמיד אויפווייזן מער דיפערענצירנדיקע מאָמענטן, וועלכע שטערן דער א ו מ מ י ט ל ב א ר ע ר כמעט תמיד קעגנזייטיקער אנטפלעקונג פון געשלעכטלעכן געשמאַק, אָדער רופן אַרויס א באַגער, ווען דערדאָזיקער אוממיטלבאַרער ערשטער איינדרוק פעלט.

און אפילו אין דער טעגלעכער שפּראַך רעדט מען וועגן „אָנטרעפן אויפן ריכטיקן", אָדער וועגן דער „נישט צוגעפּאַסטקייט" פון צוויי מענטשן. דאָס זאָגט עדות אויף א געוויסן טונקעלן פאָרגעפיל פון פ א ק ט, א ז א י ן י ע ד ן מ ע נ ט ש ן ש ט ע ק ן ג ע ו ו י ס ע א י י ג נ ש א פ ט ן, פ א ר ו ו ע ל כ ע ע ס א י ז נ י ש ט ג א נ ץ ג ל י י כ ג י ל ט י ק, ס א ר א א י נ ד י ו י ד פ ו ן א נ ד ע ר ן ג ע ש ל ע כ ט ט ר ע ט א ר י י ן מ י ט א י ם א י ן ס ע ק ס ו ע ל ע ר פ א ר א י י נ י ק ו נ ג; א ז נ י ש ט י ע ד ע ר „מ א נ ס ב י ל" ק א ָ ן פ א ר ב י י ט ן ד ע ם א נ ד ע ר ן „מ א נ ס ב י ל" נ י ש ט א י ט ל ע כ ע „פ ר ו י" — ד י א נ ד ע ר ע „פ ר ו י" א ז ו י, א ז ד א ָ ס ז א ָ ל נ י ש ט א ו י ס מ א כ ן ק י י ן ש ו ם א ו נ ט ע ר ש י ד א י ן ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ן ג ע פ י ל.

איטלעכער מענטש ווייסט פון אייגענער דערפאַרונג, אז געוויסע פערזאָנען פון אנדערן געשלעכט קאָנען אויף אים אויסאיבן אפילו א דירעקט אָפּשטויסנדיקע ו ו י ר ק ו נ ג. אנדערע זענען אים גאַנץ גלייכגילטיק, אנדערע ווידער רייצן אים; לסוף באַווייזט זיך (אמת, נישט תמיד) די־יעניקע פערזאָן, וואָס מיט איר

זיך צו פאַרייניקן ווערט זיין ליידנשאַפטלעכער באַגער, אַזוי אַז די גאַנצע וועלט פאַרלירט אין זיינע אויגן איר ווערט און פאַרשווינדט. סאַרא פערזאָן איז דאָס ? וועלכע אייגנשאַפטן מוז זי באַזיצן. וויבאַלד באמת — און אַזוי איז עס — אַנטשפּרעכט איטלעכן מענטשן טיף עפּעס אַ ווייבלעכער טיפּ, וועלכער ווירקט אויף אים סעקסועל, און פאַרקערט, דאַן שיינט דאָ לכל-הפחות צו הערשן אַ באַשטימט געזעץ. וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ געזעץ? ווי דריקט עס זיך אויס ? „קעגנזאַצן ציען זיך צו", האָב איך דאָס געהערט פאָרמולירן, בעת, שוין האָבנדיק אַן אייגענעם ענטפער אויף דער פראַגע, האָב איך זיך האַרטנעקיק דערשלאָגן בא פאַרשידענע מענטשן, אַז זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג, צוהעלפנדיק זיי מיט ביישפּילן זיך אויפצוהויבן צו דעם אַבסטראַקטן דענקען. אין אַ געוויסן זין און בנוגע אַ קלענער טייל פאַלן איז דאָס פולשטענדיק ריכטיק. אָבער דערדאָזיקער כלל איז צו אַלגעמיין ; ער צעפליסט זיך צווישן די פינגער, וועלכע ווילן אָנכאַפּן עפּעס מער ממשותדיקס און דערלאָזט נישט קיין שום מאַטעמאַטישע פאָרמולירונג.

דאָסדאָזיקע ווערק פאַרמעסט זיך נישט צו אַנטדעקן אַלע געזעצן פון סעקסועלער צוציונג (און אַזעלכע זענען פאַראַן פיל) ; עס פּרעטענדירט נישט צו געבן יעדן איינעם באַשטימטע ידיעות וועגן דער יעניקער פערזאָן פון אַנדערן געשלעכט, וועלכע זאָל אַממייסטן אַנטשפּרעכן זיין געשמאַק ; אַזאַ פאָדערונג וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכן נאָר די פולשטענדיקע קענטעניש פון די אַלע דאָ שייכותדיקע געזעצן. דאָסדאָזיקע קאַפּיטל וועט באַהאַנדלען מער נישט ווי איינס פון זיי, מחמת דאָסדאָזיקע געזעץ געפינט זיך אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע באַטראַכטונגען פונם בוך. כ'בין אויף די שפּורן פון אַ גאַנצער ריי וויטערדיקע געזעצן, אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, און דאָס, וואָס כ'קאָן וועגן דעם זאָגן, איז רעלאַטיוו אַממייסטן פאַרטיק. די אומפולקאָמענהייט אין באַוויז-מאַטעריאַל זאָלן דאָ מיט חסד באַאורטיילט ווערן, נעמענדיק אין באַטראַכט די נייקייט און שווערקייט פון דער פראַגע.

צום גליק אָבער איז אין אַ געוויסער מאָס איבעריק צו

ברענגען דאָ די יעניקע פאַקטן, אויף וועמעס יסוד כ'האָב אורשפּרינגלעך אַנטדעקט דאָסדאָזיקע געזעץ פון געשלעכטלעכער צוציונג, ווי אויך די גרויסע צאָל פון די אַנדערע, וועלכע האָבן עס מיר באַשטעטיקט. כ'בעט יעדן איינציקן אויסצופּרוּוון דאָסדאָזיקע געזעץ קודם־כּל אויף זיך גופא, און דערנאָך זיך אַרומצוקוקן אין קרייז פון זיינע באַקאַנטע. באַזונדערס דערמאָן איך אים און וועגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דייעניקע פאַלן, ווען ער האָט דעם געשמאַק זייערן נישט געקאָנט באַגרייפן, אָדער זיי אַפילו לגמרי אָפּגעזאָגט וועלכן ס'איז געשמאַק, אָדער ווען ס'האָט אים אַליין פון זייער זייט דאָסזעלביקע געטראָפן. יעדער מענטש באַזיצט אַ געוויסן מינימום קענטעניש פון די אויסערלעכע פאָרמען פון מענטשלעכן קערפּער, וועלכער איז נויטיק צו דערדאָזיקער קאָנטראָל.

איך אַליין בין מיטן אָנגעוויזענעם וועג געקומען צו דעם געזעץ, וועלכעס כ'וועל איצט פאָרמולירן.

דאָס געזעץ קלינגט: **צו דער סעקסועלער פאַריייניקונג שטרעבן תמיד אַ פולשטענדיקער מאַנסביל** (מ) **און אַ פולשטענדיקע פרוי** (פ), **ווען אַפילו די דאָזיקע טיפּן זאָלן זיין פאַרטיילט אין יעדן איינצלנעם פאַל אין פאַרשידענעם פאַרהעלטעניש.**

אַנדערש אויסגעדריקט: וויבאַלד מ $\mu$ באַצייכנט דאָס מענלעכע, פ $\mu$ דאָס פרוייִשע פון עפּעס אַן אינדיוויד $\mu$, וועלכער ווערט אין געוויינלעכער שפּראַך אָנגערופן „מאַנסביל", און ווידער דורך פ $\omega$ — דאָס פרוייִשע, מ $\omega$ דאָס מענלעכע אין אַ געוויסער פּערזאָן V, וועלכע ווערט אויבערפלעכלעך פּשוט באַצייכנט אַלס „פרוי", דאַן וועט זיך באַ **יעדער פולקאָמער קרובהשפט** ד. ה. אין פאַל פון דער **שטאַרקסטער** סעקסועלער צוציונג באַקומען די פאָלגנדיקע פאָרמעל:

(1a) מ $\mu$ + מ $\omega = C\,(onstans)_1$ = מ = דעם אידעאַלן מאַנסביל

און בכן גלייכצייטיק אויך:

(1b) פ $\mu$ + פ $\omega = C_2$ = פ = דער אידעאַלער פרוי

מ׳דאַרף נישט דידאַקטיק פֿאָרמולירונג פֿאַלש פֿאַרשטיין.
דאָס איז איין פֿאַל, איינציקע סעקסועלע פֿאַרהעלטעניש, דאָס ווען די ביידע פֿאָרמען זענען אַלצײַנס גילטיק, דער־פֿאַר וועלכער די ביידע פֿאָרמען זענען אַלציינס גילטיק, דער־ביי דרינגט אָבער די צווייטע אוממיטלבאַר אַרויס פֿון דער ערשטער און טראָגט אין איר נישט אַריין קיין שום נייעס; מחמת מיר נעמען דאָך אָן, אַז איטלעכער אינדיווידואום האָט אין זיך אַזויפֿיל ווייבלעכקייט, וויפֿל עס פֿעלט אים מענלעכקייט. דער שלמותדיקער מאַקסימום ניטיקט זיך אין דער שלמותדיקער פֿרוי און פֿאַרקערט. ווײַבאַלד אָבער עס שטעקט אין אים אַ באַשטימטער גרעסערער ברוכצאָל פֿון מענלעכקייט, ווי אויך אַ בשום אופֿן נישט פֿאַרמיידלעכער אַנדער ברוכטייל פֿון ווייבלעכ־קייט, דאַן וועט ער צו זיין דערגאַנצונג פֿאַרלאַנגען אַ פּערזאָן, וועלכע זאָל קאָמפּלעטירן דעם ברוך־חלק פֿון זיין מענלעכקייט ביז צו דער גאַנצקייט און איינהייט, דערביי ווערט אָבער אויפֿן זעלביקן אופֿן צוגלייך דערגאַנצט אויך זיין ווייבלעכע טייל.

עפּעס אַן אינדיווידואום האָט למשל:

μ { 3/4 מ,
ובכן
1/4 פ.

דאַן וועט זיין בעסטע סעקסועלע דערגאַנצונג, אויפֿן סמך פֿון דאָזיקן געזעץ, זיין יענער אינדיווידואום w, וועלכער לאָזט זיך סעקסועל אַזוי־ערנאָך דעפֿינירן:

ω { 1/4 מ,
ובכן
3/4 פ.

שוין אין דידאַקטיקע פֿאָרמען ווייזט זיך אַרויס דער ווערט פֿון אַ גרעסערער אַלגעמיינער טעאָריע אין פֿאַרגלייך מיט די געוויינלעכע אָנשויונגען. אַז מאַקסביל און פֿרוי, אַלס סעקסועלע טיפּן, ציען זיך קעגנזייטיק צו — דאָס איז נאָר אַ ספּעציעלער פֿאַל פֿון יענעם אַלגעמיינעם, ווו דער אויסגעטראַכטער אינדיוויד

מ. 1. ) X געפינט זיין דערגאַנצונג אין דעם אויסגע־
פ. O. )

טראַכטן מ. O. ) Y
פ. 1. )

יעדער וועט מסכים זיין מיטן פאַקט פון אַ באַשטימטן סעקסועלן געשמאַק; דערמיט בלייבט אָבער שטיין אָפן די פראַגע מכּוח די געזעצן פון דאָזיקן געשמאַק, מכּוח דער פונקציאָנעלער שייכות צווישן דער סעקסועלער פאָרליבע צו די אַנדערע פיזישע און פסיכישע אייגנשאַפטן פון אַ געוויסן אינדיוויד. אין דאָזיקן דאָ אויפגעשטעלטן געזעץ איז לכתחילה נישט פאַראַן קיין שום אומוואָרשיינלעכס. קעגן אים רעדט לחלוטין נישט דער מינדסטער פאַקט פון טעגלעכער און וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג. אָבער פאַר זיך גופא גענומען קאָן עס נאָך כּלל נישט זיין קיין „זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך". דאָס געזעץ, — היות ווי עס איז אַרויסגעפירט פון דערפאַרונג, און געשאַפן אויפן וועג פון מסקנות — וואָלט מען געקאָנט פאָרשטעלן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

$\mu^{מ} - {}^{מ}\omega$ Const.

ד. ה. דער דיפערענץ, און נישט דער סך־הכּל פון אַנטהאַלט מ. שטעלט פאָר די קאָנסטאַנטע (באַשטענדיקע) גרייס. דער סאַמע מענלעכסטער מאַנספאַרשוין וואָלט דאַן געשטאַנען פונקט אויף אַזאַ אָפּשטאַנד פון זיין דערגאַנצונג, וועלכע וואָ׳ט גראָד געלעגן אינדערמיט צווישן מ. און פ., פונקט ווי דער ווייבלעכסטער מאַנסביל — פון זיין דערגאַנצונג, וועלכעס וואָלט דערשינען אין דאָזיקן פאַל אין דער עקסטרעמסטער ווייבלעכקייט. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז דאָס נאָר ד ע נ ק ב אַ ר, אָבער נישט רעאַל. וויבאַלד מיר זאָלן פאָלגן דעם וויסנשאַפטלעכן געבאָט פון באַשיידנקייט, אין באַוווסטזיין, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן עמפּיריש געזעץ, טאָ וועלן מיר לעת־עתה נישט רעדן וועגן אַ „קראַפט", וועלכע שטויסט צונויף צוויי אינדיווידן, ווי צוויי מאַריאָנעטקעס, און מיר׳ן באַטראַכטן דאָסדאָזיקע געזעץ אַלס אויסדרוק פון אַ פאַרהעלטעניש, וועלכעס לאָזט זיך קאָנסטאַטירן אויף איין און דעמזעלביקן אופן בײַ יעדער דער־

שיינונג פון שטאַרקער סעקסועלער צוציונג; עס קאָן נאָר אויפ־ווייזן אַ געוויסן „אינוואַריאַנט“ (אָ ס ט וו אַ ל ד), אַ געוויסן „מולטיפּאָניבל“ (אוועגאַריוס), און דאָס איז אין דאָזיקן פאַל דער תמיד אומפאַרענדלעכער סכום פון מענלעכקייט אין ביידע זיך מיט גרעסטער קראַפט איינאַנדער צוציענדיקע אינדיווידן.

דער „עסטעטישער“, דער „שיינקייטס“־מאָמענט מוז דאָ אינגאַנצן אויסגעמיטן ווערן. מחמת ווי אָפט קומט עס פאָר, וואָס עמיץ איז פולשטענדיק אַנטציקט פון אַ געוויסער פרוי, איז ממש אויסער זיך פון איר „אויסערגעוויינטלעכער“ און „פאַרפי־רערישער“ שיינקייט, און דער צווייטער אין דער זעלביקער צייט „וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס מ'קאָן אַ שטייגער אין איר אַזוינס געפינען“, — און דערפאַר טאַקע, ווייל זי שטעלט מיט זיך נישט פאָר זיין סעקסועלע השלמה. נישט שטעלנדיק זיך דאָ לגמרי אויפן שטאַנדפונקט פון עפעס אַ נאָרמאַטיווער עסטעטיק און נישט בדעה האָבנדיק צונויפצוקלייבן קיין בייש־פילן פאַרן רעלאַטיוויזם פון אַזאַ אָפּשאַצונג, קאָן מען פונ־דעסטוועגן זאָגן, אַז פאַרליבטע מענטשן זעען שיינקייט נישט בלויז אין דעם, וואָס איז פון עסטעטישן שטאַנדפונקט גאַנץ אינדעפערענט, נאָר אין דעם אַפילו, וואָס איז נישט שיין; דערביי דאַרף מען אונטער „ריין־עסטעטיש“ פאַרשטיין נישט אַן אַבסאָלוטע שיינקייט, נאָר פשוט דאָס, וואָס איז שיין, ד. ה. דאָס, וואָס נאָכן אויסשליסן אַלע „סעקסועלע אַפּערצעפּציעס“ וועקט אין אין אונז אַן עסטעטישן חן.

דאָס געזעץ גופא האָב איך פעסטגעשטעלט אין פיל הונדערטער פאַקטן (וויבאַלד מ'זאָל אָנרופן די נידעריקסטע צאָל) און אַלע אויסנאַמען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר כלומרשטע. כמעט איטלעכע פאַרליבטע פאָר, וועלכע מ'באַגעגנט אויף דער גאַס, ליפערט אַ פרישע באַשטעטיקונג. די אויסנאַמען זענען געווען אויף אַזויפיל באַלערנדיק, אויף וויפל זיי האָבן פאַר־שטאַרקט די שפורן פון אַנדערע געזעצן פון דער סעקסואַליטעט און אויפגעפאָדערט צו זייער דערפאָרשונג. איבעריקנס, האָב איך אַליין דורכגעפירט פיל פרוּוון אויפן פאָלגנדיקן אופן: בא מיר איז געווען אַ קאָלעקציע פאָטאָגראַפיעס פון ריין־עסטעטיש־

פאַרוואָרפסלאָזע פרויען, מיט א באַשטימטן אנטהאַלט פון עלע־מענט פ., און אָט האָב איך דורכגעפירט אן אנקעטע, ווייזנדיק די בילדער א רייע באַקאַנטע מיט דער ערמהדיקער בקשה וועגן „אויסוואַל פון דער שענסטער". דער ענטפער, וועלכן כ'האָב באַקומען, פלעגט תּמיד זיין דערזעלביקער, וועלכן כ'האָב לכתּחילה דערוואַרט. אַנדערע, וועלכע האָבן שוין געוווסט מיט וואָסער כּוונה איך טו דאָס, פלעג איך בעטן מיך אויספרווון אויף אַזא אופן: זיי האָבן פאַר מיר אָוועקגעשטעלט בילדער און איך האָב געזאָלט אויסגעפינען יענע פרוי, וועלכע דאַרף זיי צום בעסטן געפעלן. דאָס האָט זיך מיר תּמיד איינגעגעבן. נאָך אַנדערע ווידער בין איך געווען אימשטאַנד צו באַשרייבן זייער אידעאַל פון צווייטן געשלעכט מיט א כּמעט פולשטענ־דיקער גענויקייט, הגם כ'האָב פריער פון זיי נישט באַקומען אַפילו קיין אומגערנווילע אָנווייזונגען, און האָב אָפט באַשריבן גענויער, איידער זיי אַליין האָבן עס געקאָנט טון. טיילמאָל פלעגן זיי ערשט דעמאָלט ווערן אויפמערקזאַם אויף דעם, וואָס געפעלט זיי נישט, נאָכדעם ווי כ'האָב זיי דערויף אָנגעוויזן, — און בכלל, דערקענט א מענטש גיכער דאָס, וואָס געפעלט אים נישט, איידער דאָס, וואָס ציט אים צו.

איך מיין, אַז דער לייענער וועט באַ א געוויסער איבונג לייכט דערגרייכן דידאָזיקע געשיקטקייט, וועלכע עס האָבן שוין דערגרייכט עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע פון אן ענגן וויסנ־שאַפטלעכן קרייז פריינט, אָנגערעגט דורך די דאָ פאָרגעשטעלטע אידעען. קלאָר, אַז די קענטעניש פון אַנדערע געזעצן פון סעקסועלער צוציונג וואָלט דאָ געווען זייער געוווּנטשן. א גאַנצע מענגע ספּעציעלע, באַשטענדיקע גרייסן זאָגן עדות אויף דעם פאַראַנענעם פאַרהעלטניש פון געשלעכטלעכער דערגאַנצונג. מ'וואָלט געקאָנט איראָניש פאָרמולירן דעמדאָזיקן נאַטורגעזעץ, אַז די סומע פון דער האָר־לענג פון צוויי פאַרליבטע גלייכט זיך תּמיד א גענויער גרייס. דאָך וועט דאָס שוין צוליב די אין צווייטן קאַפּיטל געבערענגטע טעמים נישט תּמיד זיין טרעפלעך, היות ווי נישט אַלע אָרגאַנען פון איין און דעמ־זעלביקן וועזן זענען אַלציינס מענלעך אָדער אַלציינס ווייבלעך. איבעריקנס, אַזעלכע העוריסטישע כּללים וואָלטן זיך איינגיכן

פֿאַרמערט און דאַן שנעל אַראָפּגעזונקען צו דער מדרגה פֿון פֿלאַכע וויצן, דערפֿאַר וויל איך זיי דאָ בעסער אויסמיידן.

כ'וויל ניט פֿאַרהוילן, אַז דער אופֿן, אין וועלכן דאָס־דאָזיקע געזעץ איז דאָ אויפֿגעפֿירט געוואָרן, האָט אין זיך עפּעס דאָגמאַטיש, וואָס מחמת דעם דוחק אין אַן עקזאַקטער באַגרינדונג שטייט דאָס אים נאָך ווייניקער אָן. אָבער מיר איז דאָ ווייניקער געלעגן אַרויסצוטרעטן מיט פֿאַרטיקע רעזולטאַטן, איידער אָנצווויזן דעם וועג צו זייער דערגרייכונג, מחמת די מיטלען, וועלכע כ'האָב געהאַט צו דער גענויער אויספּרובירונג פֿון דערמאָנטן פּרינציפּ לויטן נאַטורוויסנשאַפֿטלעכן מעטאָד, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער באַגרעניצט. ווען אַפֿילו ס'זאָל בכן בלייבן אין די פּרטים פֿיל השערהדיקס, פֿאַרהאַף איך פֿונדעסטוועגן, אַז אָנווייזנדיק ווייטער אויף די מערקווירדיקע און ביז אַהער אומבאַריקזיכטיקטע אַנאַלאָגיעס, וועל איך נאָך בכּוח זיין די איינצלנע בעלקעס פֿון דערדאָזיקע געביידע אַזוי צונויפֿצובינדן, אַז זיי זאָלן זיך קעגנזייטיק אונטערשטיצן; מחמת אָן אַזאַ „אויף־צוריק ווירקנדיקער פֿאַרפֿעסטיקונג" קאָנען זיך וואָרשיינלעך ניט באַגיין אַפֿילו די פּרינציפּן פֿון אַנאַליטישער מעכאַניק.

אַ בולטע באַשטעטיקונג באַקומט דאָס אויפֿגעפֿירטע געזעץ קודם־כּל אַדאַנק אַ גרופּע פֿאַקטן פֿון דעם פֿלאַנצן־קיניגרייך, וועלכע מ'האָט פֿריער באַטראַכט אין פֿולשטענדיקער איזאָלאַציע און וועלכע מ'האָט מהאי טעמא צוגעשריבן דעם כאַראַקטער פֿון ספּעציעלער זעלטזאַמקייט.

יעדער באָטאַניקער וועט זיך תּיכּף אָנשטויסן, אַז איך רעד וועגן דער דורך פּ ע ר ס אָ ן אַנטדעקטע, דורך ד אַ ר ווי ן צוערשט באַשריבענע, דורך ה י ל ד ע ב ר אַ נ ד אָנגערופֿענע דערשיינונג פֿון פֿאַרשידנפֿעסטלדיקייט אָדער ה ע ט ע ר אָ ס ט י ל י ע. זי באַשטייט אין פֿאָלגנדיקן: פֿיל דיקאָטילע (און איין איינציקע מאָנאָקאָטילע) פֿלאַנצן־מינים, צ. ב. פּרימולאַצעען, און געראַניאַצעען, באַזונדערס אָבער פֿיל רוביאַצעען, לויטער געוויקסן, וועמעס בלומען באַזיצן שטויבל, ווי אויך ליפּעלע, וועלכע זענען פֿעיִק צו באַפֿרוכפּערונג, אָבער נאָר דורך די פּראָדוקטן פֿון פֿרעמדע בלומען; זיי דערשיינען בכן אין מאָרפֿאָלאָגישן זינען אַנדראָגיניש, אָבער

זין פיזיאָלאָגישן זינען זענען זיי איינגעשלעכטלעך — די אַלע
גאַנצן דידאָזיקע אייגנשאַפט, וואָס זייערע ליפּעלעך
און שטויבבײַטלען אַנטוויקלען זיך באַ
פאַרשידענע אינדיווידן צו פאַרשידענער
הויך. איין עקזעמפּלאַר בילדעט אויסשליסלעך בלומען מיט
לאַנגן פעסטל, הויכשטייענדיקן ליפּעלע און נידריקע שטויב-
בײַטלען. דאָס איז, לויט מיין מיינונג — דער ווייבלעכער עק-
זעמפּלאַר. דער צווייטער דערקענן ברענגט נאָר אַרויס בלומען
מיט טיף-פאַרזעצטן ליפּעלע און הויכע שטויבבײַטלען (אַדאַנק
די לאַנגע שטויבפעדים), דאָס איז — דער מענלעכער עקזעמפּלאַר.
לעבן דידאָזיקע „דימאָרפישע” אַרטן זענען אָבער אויך פאַראַן
„טרימאָרפישע”, ווי, למשל Lythrum salicaria, מיט דרייערליי
לענג-פאַרהעלטענישן פון די געשלעכטס-אָרגאַנען: אַחוץ דער
בלומען-פאָרם מיט לאַנגע און קורצע פעסטלעך באַגעגנט מען
דאָ נאָך די „מעזאָסטילע” בלומען, ד. ה. מיט מיטעלע פעסט-
לעך. הגם די לערנביכער באַריקזיכטיקן געוויינלעך בלויז די
דימאָרפישע און טרימאָרפישע העטעראָסטיליע, אָבער דאָך שעפּט
זיך דערמיט נישט אויס די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט. דאַרווין
באַמערקט, אַז „וויבאַלד מ'זאָל נעמען אין אַכט קלענערע פאַר-
שידנקייטן, וואָלט זיך דאַן געלאָזט אונטערשיידן פינף פאַר-
שידענע לאַגעס פון מענלעכע אָרגאַנען”. אויך דאָ בכן איז די
בלי-ספקדיק פאָרקומענדיקע קאָנטינויִטעט, די טיילונג פון פאַר-
שידענע שטופן מענלעכקייט און ווייבלעכקייט אויף פאַרשידענע
גאָרגס איז נישט קיין אַלגעמיינע דערשיינונג, אַפילו אין
דאָזיקן פאַל האָבן מיר דאָ און דאָרט צו טון מיט בהדרגה-
דיקע איבערגענג פון סעקסועלע צווישנפאָרמען.
פון דער צווייטער זייט האָט אויך דידאָזיקע דיסקרעטע בהדרגה-
דיקייט אירע שרייענדיקע אַנאַלאָגיעס אין חיות-קיניגרייך, ווו
מ'האָט די שייכותדיקע דערשיינונגען געהאַלטן פאַר נישט ווײַ-
ניקער אָפּגעזונדערט און אויסטערליש, נישט געדענקענדיק
לגמרי אין דער העטעראָסטיליע, באַ פיל אינזעקטן-מינים, דהיינו
באַ פאָרפיקולידן (אויער-ווערם) און לאַמעליקאָרניעס (און אַפילו
באַ Luc anus cervus, דעם הירש-זשוק, באַ Dynastes
hercules און Xylotrupes gideon) באַגעגנט מען פון איין

וייט פיל זכרים, בײַ וועלכע דער סעקונדערער געשלעכטס-סימן, וואָס אונטערשיידט זיי צום בולטסטן פון דער נקבה,—די שפּיר-הערנדלעך אַנטוויקלען זיך צו אַ באַדייטנדיקער לענג; די אַנדערע הויפּטגרופּע פון זכרים האָט פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק אַנטוויקלטע הערנדלעך. ב ע ט ס אָ ן, פון וועמען עס שטאַמט די אויספירלעכע באַשרייבונג פון דידאָזיקע דערשיינונגען, אונטערשיידט בכן צווישן זיי „high males“ און „low males“*) וואָס אַן אמת, זענען דידאָזיקע ביידע טיפּן פאַרבונדן מיט איינאַנדער דורך המשכותדיקע איבערגענג, אָבער די צווישנדיקע שטופן בײַ זיי זענען זעלטן, די מייסטן עקזעמפּלאַרן שטייען אויף דער אָדער אויף דער אַנדערער גרעניץ. ליידער האָט זיך ב ע ט ס אָ ן נישט פאַרנומען מיט דער פאָרשונג פון סעקסועלע באַציונגען פון דידאָזיקע ביידע גרופּעס צו די נקבות, מחמת ער פירט נאָר פאַרביי דידאָזיקע פאַלן אַלס אומהמשכותדיקע וואַריאַציעס, און דערפאַר איז געבליבן אומבאַוווּסט, צי זענען אויך צווישן די נקבות פאַראַן צוויי גרופּעס פון ענלעכע מינים, וועלכע באַזיצן אַ פאַרשידענע אפיניטעט צו די פאַרשידענע פאָרמען פון די זכרים. דערום לאָזן זיך אויך דידאָזיקע באַ-באַכטונגען פאַרווענדן בלויז אַלס מאָרפאָלאָגישע פאַראַלעלן צו העטעראָסטיליע, נישט אַלס פיזיאָלאָגישע באַווייזן פאַרן געזעץ פון סעקסועלער צוציונג, פאַר וועלכן די העטעראָסטי-ליע איז באמת ווערטפול.

ווען אין די העטעראָסטילע צמחים ליגט, קאָן זיין, אַ פולשטענדיקע באַשטעטיקונג פון דער אָנשויונג וועגן דער אַל-געמיינער גילטיקייט פון דער געבראַכטער פאָרמעל פאַר אַלע לעבעדיקע וועזנס. ד אַ ר וו י ן האָט אויפגעוויזן, און נאָך אים האָבן פיל פאָרשער אויף אַן ענלעכן אופן קאָנסטאַטירט, אַז בײַ די העטעראָסטילע פלאַנצן האָט די באַפרוכפערונג נאָר דע-מאָלט אויסזיכט אויף דערפאָלג, און איז אָפט נאָר בכלל מעג-לעך, ווייבאַלד דער באַפרוכפערנדיקער שטויב פון די מאַקראָסטילע בלומען, ד. ה. די בלומען מיט די נידריקע שטויב-בייטלען

*) העכערע זכרים און נידעריקע זכרים. (איב)

טראָגט זיך איבער אויף דעם מיקראָסטילן ליפּעלע פון אַן אַנדער אינדיווויד, וועלכער קאָן דערביי האָבן לאַנגע שטויב-פּעדים. אָדער ווען דער שטויב פון די הויכע שטויב-בייטלען פון דער מיקראָסטילער בלום וועט פאַלן אויף דעם מאַקראָסטילן ליפּעלע פון אַן אַנדער פלאַנץ (מיט קורצע שטויב-פּעדים). וואָס לענגער בכן ס'איז אין דער בלום דאָס פּעסטל, ד. ה. וואָס בעסער ס'איז אין איר אַנטוויקלט דער ווייבלעכער אָרגאַן, אַלץ לענגער דאַרף צו זיין דער מענלעכער אָרגאַן, דער שטויב-פּאָדים אין דער אַנדער בלום, דורך וועלכן די באַפרוכפּערונג דאַרף האָבן דערפאָלג, און אַלץ קירצער דאָס פּעסטל, ווען עס לענג דריקט אויס די שטופּע פון דער ווייבלעכקייט. דאָרט ווו ס'זענען פאַראַן דרייערלייאיקע פּעסטל-לענג, דאָרט קאָן — לויטן זעלביקן געזעץ — די באַפרוכבערונג פאָרקומען צום בעסטן, ווייבאַלד דער שטויב פון א בלום וועט זיך איבערטראָגן אויף יענעם ליפּעלע, וועלכעס אַנטשפּרעכט לויט דער הויך דעם שטויב-בייטל פון דער אַנדער בלום. ווייבאַלד מ'היט נישט אָפּ דאָסדאָזיקע געזעץ און מ'פירט-אַדורך, למשל, קינסטלעכע באַפרוכפּערונג מיט אומאַנטשפּרעכנדיקן שטויב, דאַן באַקומט זיך (אויף וויפל אַן ענלעכע פּראָצעדור ברענגט בכלל וועלכע ס'איז רעזולטאַטן) כמעט תמיד בלויז קרענקלעכע, אָרימע, פאַרקריפּלטע און דורכויס פרוכטלאָזע שפּראָצלינגען, וועלכע זענען ענלעך צו די היברידן פון פאַרשידענע מינים.

באַ די אויטאָרן, וועלכע רעדן-אַרום די דערשיינונגען פון העטעראָסטיליע, קאָן מען בכלל באַמערקן, אַז זיי באַנוגענען זיך נישט מיט דער געוויינלעכער דערקלערונג פון דידאָזיקע פאַרשידנאַרטיקע פאַרהעלטנישן באַ דער באַפרוכפּערונג. דידאָזיקע דערקלערונג זאָגט, אַז די אינזעקטן, וועלכע באַזוכן די צמחים, באַרירן די אויף דער גלייכער הויך שטייענדיקע סעקסואַל-אָרגאַנען מיט דיזעלביקע קערפּערטיילן, און אַזויערנאָך רופן זיי אַרויס יענעם מערקווירדיקן עפעקט. ד אַ ר ו י ן גופא איז פונדעסטוועגן מודה, אַז די בינען טראָגן אויף זיך די שטויבן פון כלערליי מינים אויף איטלעכן קערפּערטייל; עס בלייבט בכן פונקט ווי ביזאַהער, ווייטער אומדערקלערט די פראַגע מכוח דעם בחירהדיקן פאַרהאַלטן זיך פון די ווייבלעכע אָרגאַנען באַ באַשי-

טויבונג מיט צוויי אָדער דריי פֿאַרשידענע מינים שטויב. ווי פֿאַרפֿירעריש און ווי באַצויבערנדיק עס זאָלן נישט זיין אַזעלכע דערקלערונגען, זענען זיי סוף-כל-סוף אַביסל איבערפֿלעכלעך. מחמת וויבאַלד מ'קאָן מיט זיי אַלץ דערקלערן, טאָ פֿאַרוואָס-זשע ברענגט מיט זיך די קינסטלעכע באַשטויבונג מיט אומאַנטשפּרעכנדיקן שטויב, א. ג. „אילעגיטימע באַפֿרוכפּערונג". אַזעלכע שלעכטע רעזולטאַטן? הייסט עס, אַז נאָר די אויסשליסלעכע באַרירונג מיט „לעגיטימען שטויב" האָט געמוזט בילדן בײַ די ליפּעלעך אַ רגילות צום אויפֿנעמען דעם בלומען-שטויב פֿון בלויז דעמזעלביקן אָפּשטאַם; אָבער דאַרווין וואָלט געקאָנט דינען פֿאַר אַן עדות, אַז דידאָזיקע כּלומרשטע אומבאַריכלעכקייט לגבי אַנדערע שטויבן איז לגמרי אילוזאָריש, היות די אינזעקטן, וועלכע שפּילן דאָ די ראָליע פֿון חתונה-פֿאַרמיטלער, ווירקן פּאַקטיש גיכער לטובת אַן אונטערשידלאָזער קרייצונג.

פֿיל וואַרשיינלעכער ווייזט זיך בכן אויס די היפּאָטעזע, אַז די סיבה פֿון דאָזיקן אַזוי אייגנטימלעכן אָפּקלויב איז אַן אַנדערע, אַ טיפֿערע, וועלכע שטעקט אורשפּרינגלעך אין די בלומען גופֿא. דאָ, קאָן זיין, האַנדלט זיך וועגן דערזעלביקער זאַך, וואָס בײַם מענטש, ד. ה. אַז די סעקסועלע צוציונג איז צום שטאַרקסטן אין יענע פֿאַלן, ווען איין אינדיוויד באַזיצט אַזויפֿיל מ. וויפֿל בײַם צווייטן פ., — וואָס איז ווידעראַמאָל נאָר אַן אַנדער אויסדרוק פֿון דער אויבנדיקער פֿאָרמעל. די מעגלעכקייט פֿון אַזאַ דערקלערונג ווערט נאָך געשטיצט דערמיט, וואָס אין די מענלעכע, קורצפֿעסטלדיקע בלומען זענען די שטויב-קערנער אין די דאָ העכער שטייענדיקע שטויב-בייטלען אויך תמיד גרעסער, און די ליפּל-וואָרצלעך קלענער, איידער די אַנאַלאָגישע אָרגאַנען אין די לאַנגפֿעסטלדיקע, ווייבלעכערע בלומען. דערפֿון זעען מיר, אַז דאָ האַנדלט זיך אַוודאי נישט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן פֿאַרשידענע שטופֿן פֿון מענלעכקייט און ווייבלעכקייט. מיט דערדאָזיקער הנחה דערקלערט זיך גלענצנדיק דאָס דאָ אויפֿגעשטעלטע געזעץ פֿון סעקסועלער קרובהשאַפֿט, מחמת טאַקע אין חיות- און אין פֿלאַנצן-קיניגרייך — (צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער אומקערן) — ווייזט די באַפֿרוכפּערונג

תמיד דאָרטן דעם בעסטן דערפאָלג אויף, ווו די עלטערן געפינען זיך מיט איינאַנדער אין דער גרעסטער סעקסועלער קרובהשאַפט *)

באַם אַרומרעדן דעם „פאַרקערטן סעקסואַל-דראַנג" וועט זיך די פולע גילטיקייט פון דאָזיקן געזעץ אין דעם חיות-קעניגרייך אַרויסווייזן מיט גרעסערער וואָרשיינלעכקייט. לעת-עתה וויל איך נאָר דאָ אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, ווי אינטערעסאַנט עס וואָלטן געווען די אונטערזוכונגען, צי איבן נישט אויס די גרעסערע, שווערער באַוועגלעכע איי-קעמערלעך אויף די פלינקערע און שטאַרקערע ספּערמאַטאָצאָידן אַ שטאַרקערע צוציִעוודיקע ווירקונג, איידער די קלענערע, געלכלרייכע און צוגלייך וויינקער פוילע, און צי די ווידער, פאַרקערט, לאָקן נישט אָן צו זיך גראָד די לאַנגזאַמערע, שפּאָרעוודיקערע גרעסערע צאָאָספּערמען. אפשר וועט זיך דאָ איינדעראמתן אַרויסווייזן, ווי עס האָט געמיינט ל. וו ע י ל אין זיין קליינער אָפּהאַנדלונג איבער די געשלעכטס-באַשטימענדיקע פאַקטאָרן, אַ געוויסע קאָרעלאַציע צווישן די באַוועגונגס-גרייסן אָדער קינעטישער ענערגיע פון די ביידע באַהעפטונגס-קעמערלעך. האָט מען דאָך נאָך ביזאַהער נישט פעסטגעשטעלט — וואָס אַן אמת, איז עס טאַקע זייער שווער פעסטצושטעלן — אויב די ביידע פרוכפּערונגס-קעמערלעך וואָלטן, נאָכן באַזייטיקן פון דער רייבונג און שטראָמונג אין דער פליסיקער אומגעבונג אַרויסגעוויזן אַ קעגנזייטיק צואיילנדיקע באַוועגונג, אָדער זיי וואָלטן זיך באַוועגט מיט דער גלייכאַרטיקער געשווינדקייט. דאָ וואָלט מען געקאָנט שטעלן אויך נאָך עטלעכע אַנדערע פראַגעס.

ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, איז דאָס ביזאַהער אַרומגערעדטע געזעץ פון סעקסועלער צוציִונג באַם מענטש (און אוודאי אויך באַ די חיות) נישט דאָס איינציקע. ווייל וויבאַלד ס'זאָל אַזוי זיין, וואָלט דאַן אויסגעקומען לגמרי אומבאַגרייפלעך, אלמאי מ'האָט עס ביזאַהער נישט געקאָנט אַנטדעקן. ובכן טאַקע דערפאַר, וואָס דאָ קומען אַריין אין שפּיל זייער פיל פאַקטאָרן,

*) די פּי-האָדעהער, וועמעס ציל איז געווענדעט אויף דער ענדערונג פון די נאַטירלעכע טענדענצן, מוזן אָפט אָפּ-עטן פון דאָזיקן כלל.

זון וואָס די צאָל געזעצן מוז נאָך מסתּם קאָמפּליצירט ווערן*) ווערום זענען די פֿאַלן פֿון אומאויפֿהאַלטזאַמער סעקסועלער רעדוקציע אַזוי זעלטן. איך וועל יעצט נישט רעדן וועגן דידאַקטישע געזעצן, מחמת די דאָ שייכותדיקע פֿאָרשונגען זענען נאָכנישט אָפּגעשלאָסן, און כ'וועל פּשוט אָנווייזן לשם אילוסטראַציע אויף איין וויכטיקן פֿאַקטאָר, וואָס לאָזט זיך, אמת, נישט לייכט אונטערוואַרפֿן דער מאַטעמאַטישער פֿאָרמעל.

די דערשיינונגען, אויף וועלכע איך וועל אָנווייזן, זענען אין אַלגעמיין גענוג באַקאַנט. אין דער יוגנט, נישט עלטער פֿון 20 יאָר, פֿילט מען מייסטנס אַ תּשוקה צו עלטערע פֿרויען (פֿון איבער 35 יאָר), אינדערצייט ווען מיטן לויף פֿון די ווייטערדיקע יאָרן הויבט מען אָן ליבן וואָס יונגערע; פּונקט אַזוי (קעגנזייטיקייט!) גיבן די גאַנץ יונגע מיידלעך אָפֿט אָפּ דעם יתרון עלטערע מענער לגבי די יונגערע, כּדי שפּעטער ווידער צו פֿאַרראַטן דעם מאַן נישט זעלטן מיט גאַנץ יונגע בחורים. דידאָזיקע אַלע דערשיינונגען מוזן האָבן זייער שורש פֿיל טיפֿער, איידער זיי ווייזן זיך אויס פֿון יענעם קאַטאָוועסדיקן אופֿן, מיט וועלכן מען טראַקטירט זיי על־פּי־רוב.

הגם דידאָזיקע אַרבעט דאַרף על־פּי־הכּרח זיך באַגרעניצן מיט איין געזעץ, אָבער אין אינטערעס פֿון דער גענויקייט וועלן מיר פּרווון צו געבן אַ בעסערע מאַטעמאַטישע פֿאָרמולירונג, וועלכע זאָל נישט צולאָזן קיין שום אומוואָרע פֿאַראייניפֿאַכונג. נישט אַריינפֿירנדיק אַלע מיטשפּילנדיקע פֿאַקטאָרן און אונטער אַ ספֿק שטייענדיקע אַנדערע געזעצן אַלס זעלבסטשטענדיקע גרייסן, דערגרייכן מיר דידאָזיקע אויסערלעכע גענויקייט דורך דער אָנווענדונג פֿון אַ פּראָפּאָרציאָנאַליטעטס־פֿאַקטאָר.

די ערשטע פֿאָרמעל איז געווען מער נישט ווי אַן „עקאָנאָמישע“ אויפֿפֿאַסונג פֿון די גלייכאַרטיקע דערשיינונגען אין

---

*) רעדנדיק וועגן אַ געוויסער באַשטענדיקייט פֿון סעקסועלן געשמאַק פֿון אַ מאַנסביל אָדער פֿרוי, האָט מען געווינלעך אויפֿן געדאַנק קודם־כּל אַ ספּעציעלע פֿאָרליבע פֿאַר אַ געוויסער האָר־פֿאַרב באַם צווייטן געשלעכט. און באמת, דאָרט ווו מ'שעצט איבערהויפּט עפּעס אַ באַשטימטע האָר־פֿאַרב (דאָס איז נישט דער פֿאַל באַ אַלע מענטשן), דאָרט שיינט דידאָזיקע פֿאָרליבע צו שטעקן גאַנץ טיף.

אלע פאלן פון געשלעכטלעכער צוציונג מיט אידעאלער קראפט, אויף וויפל דאס געשלעכטלעכע פארהעלטעניש לאזט זיך איבערהויפט באשטימען דורך דעם געזעץ. איצט ווען מיר געבן אן אויסדרוק פאר דער שטארקייט פון געשלעכטלעכער קרובהשאפט אין אלע מעגלעכע פאלן, אן אויסדרוק איבריקנס, וואס וואלט, ארשנק זיין אומבאשטימטער פארם, געקאנט צוגלייך דינען פארן אלגעמיינסטן אויסדרוק פון פארהעלטעניש פון צוויי לעבעדיקע וועזנס בכלל, אפילו פון פארשידענע ארטן און פון איין און דעמזעלביקן געשלעכט

וויבאלד

$$X \begin{cases} \alpha & \text{מ} \\ \alpha' & \text{פ} \end{cases} \quad \text{און} \quad Y \begin{cases} \beta & \text{פ} \\ \beta' & \text{מ} \end{cases}$$

דערביי ווידער

$$0 < \left\{ \begin{array}{l} \alpha \\ \beta \\ \alpha' \\ \beta' \end{array} \right. < 1$$

באצייכענען סעקסועל צוויי באליביקע אינדיווידן, דאן איז די צוציונגס-קראפט צווישן ביידן

$$A = \frac{k}{\alpha - \beta} \quad f(t) \; . \; . \; . \; . \; (II)$$

ווו $f(t)$ באטייט א געוויסע עמפירישע אדער אנאליטישע פונקציע פון דער צייט, בשעת וועלכער די אינדיווידן האבן א מעגלעכקייט צו ווירקן אויף איינאנדער, וועלכע מיר וואלטן געקאנט אנרופן די „רעאקציע-צייט“; בעת $k$ איז יענער פראפארציאנאליטעטס-פאקטאר, אין וועלכן מיר שליסן איין אלע באקאנטע און אומבאקאנטע געזעצן פון דער סעקסועלער קרובהשאפט און וועלכער איז אחוצדעם אפהענגיק פון דעם גראד פון דער מין-, ראסן- און פאמיליען-קרובהשאפט, ווי אויך פון געזונטקייט און מאנגל פון באשעדיקונגען בא ביידע אינדיווידן, און פארקלענערט זיך בא א גרעסערער דערווייטערונג

פון איינאַנדער, דערביי דאַרף ער אין יעדן איינצלנעם פאַל באַזונדערס פעסטגעשטעלט ווערן.

וויבאַלד אין דערדאָזיקער פאָרמל איז $\beta = \alpha$, דאַן איז $\wp = A$ ; דאָס איז דער עקסטרעמסטער פאַל: ס'איז די סעקסועלע צוציונג אַלס עלעמענטאַר-כוח, ווי זי איז מיט אומהיימלעכער מייסטערשאַפט געשילדערט אין דער נאָוועלע „אין פאָסטוואָגן” פון ל י נ ק ע י ס. די סעקסועלע צוציונג איז פונקט אַזוי נאַטורגעזעצלעך ווי דאָס וואַקסן פון די וואָרצלען צום מיטלפונקט פון דער ערד אָדער די וואַנדערונג פון די באַקטעריעס צום זויערשטאָף אויפן ראַנד פון אָביעקט-טרעגער ; וואָס אַן אמת, צו אַזאַ אויפפאַסונג וועט מען זיך ערשט מוזן צוגעוויינען. איבריקנס, וועל איך זיך באַלד אומקערן צום דאָזיקן פונקט.

וויבאַלד $\beta - \alpha$ דערגרייכט זיין מאַקסימאַלן ווערט

$$\lim (\alpha - \beta) = \text{Max} = 1$$

אַזוי ווערט $\lim A = k. f(t)$

דאָ זענען בכן אויסגעדריקט, אַלס אין אַ באַשטימטן גרעניץ-פאַל, אַלע סימפּאַטישע און אַנטיפּאַטישע באַציונגען צווישן מענטשן בכלל (וועלכע האָבן אָבער לחלוטין נישט צו טון מיט די סאָציאַלע באַציונגען אין ענגסטן זינען, אַלס פאַקטאָרן פון געזעלשאַפטלעכער רעכטס-אָרדענונג), אויף וויפל זיי פאַלן נישט אַרונטער אונזער געזעץ פון סעקסועלער קרובהשאַפט. היות ווי $k$ אין אַלגעמיין וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קראַפט פון די קרובישע באַציונגען, האָט $A$ צווישן אייגענע פאַלקסלייט, למשל, אַ גרעסערן ווערט, איידער צווישן פרעמדע נאַציאָנאַליטעטן. סאַראַ באַטייט עס האָט דאָ $f(t)$, קאָן מען גאַנץ גוט אָבסערווירן אויף די פאַרהעלטענישן צוויי צווישן צוזאַמענלעבנדיקע הויז-חיות פון פאַרשיידענע מינים: די ערשטע באַוועגונג איז געוויינלעך פאַרביטערטע שנאה, אָפט אַ קעגנזייטיקע מורא ($A$ באַקומט דאָ אַ נעגאַטיוון צייכן), שפּעטער דערגייט עס אָפט צווישן זיי צו אַ פריינטלעכער באַציונג אַזוי, אַז זיי זוכן זיך קעגנזייטיק אויף.

וויבאַלד כ'וועל אָננעמען אין דער פאָרמעל

$$A = \frac{k\ f\ (t)}{\alpha - \beta}$$

אַז $k=0$, דאַן $A=0$, ד. ה. צווישן ביידע אינדיווידן פון פאַר'שידענער אָפּשטאַמונג איז נישט פאַראַן קיין שום בעמער-קלעכע געשלעכטלעכע צוציונג.

היות ווי דער סאָדאָמיע-פאַראַגראַף אין די שטראָף-קאָדעקסן איז זיך מחויב צו שטיצן אויף וועלכע ס'איז רעאַלע פאַקטן, היות ווי מ'האָט פעסטגעשטעלט סעקסועלע אַקטן אַפילו צווישן מענטשן און הינער, זעען מיר, אַז אין זייער ברייטע גרעניצן מאַכט $k$ אויס מער ווי נול. מ'דאַרף אַלזאָ נישט באַגרעניצן די ביידע אין שפּיל אַרייַנגייענדיקע אינדיווידן אויף איין און דעמ-זעלביקן מין און נישט צומאָל אויף איין און דערזעלביקער קלאַס.

אַז איטלעכס צונויפטרעפן פון מענלעכע און ווייבלעכע אָרגאַניזמען איז נישט קיין צופעליקע זאַך, נאָר פאַלט אַרונטער געוויסע געזעצן, איז אַ נייע אָנשויונג, און דאָס פרעמדלעכע אין איר — ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן — צווינגט צו דער אונטערזוכונג פון דעם טיפן פּראָבלעם וועגן דער געהיימנישפולער נאַטור פון דערדאָזיקער סעקסועלער צוציונג.

די באַקאַנטע עקספּערימענטן פון ווילהעלם פּפעפער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די ספּערמאַטאַצאָידן פון פאַרשידענע קריפּטאָגאַמען פאַלן אַרונטער דער צוציונג נישט בלויז דורך די ווייבלעכע אַרכעגאָניעס in natura, נאָר אויך דורך די שטאָפן, וועלכע ווערן פון זיי אונטער געוויינלעכע באַדינגונגען ווירקלעך אויסגעשיידט, אָדער זענען קינסטלעך צונויפגעשטעלט, און אָפּט אַפילו דורך אַזעלכע שטאָפן, וואָס געפינען זיך נישט אין דער נאַטור; זיי וואָלטן איבריקנס קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו באַרירן מיט די זאָמענפעדים, ווען נישט די ספּעציעל דורכגעפירטע עקספּערימענטן.

און אַזוי ווערן די ספּערמאַטאַצאָידן פון דעם פערערגראָז צוגעצויגן דורך דעם עפּל-זויער, וואָס שיידט זיך אויס פון די אַרכעגאָניעס, אָבער אויך דורך סינטעטיש צונויפגעשטעלטן

עפּל-זויער, און אַפילו דורך מאַלינעס-זויער; די ספּערמאַטאָ-צאָידן פון די בלעטער-פליגן — דורך ראָר-צוקער. דער ספּערמאַטאָצאָאָן, וועלכער ווערט באַאיינפלוסט, מיר ווייסן נישט ווי אַרומעט, דורך אונטערשידן אין דער קאָנצענטראַציע פון דער לייזונג, באַוועגט זיך אין דער ריכטונג צו דער שטאַרקערער קאָנצענטראַציע. פּפעפער האָט אָנגערופן דידאָזיקע באַוועגונגען כעמאָטאַקטישע און געשאַפן פאַר יענע אַלע דערשיינונגען, ווי אויך פאַר אַנדערע פאַלן פון אַסעקסועלע רייץ-באַוועגונגען דעם באַגריף פון כעמאָטראָפּיזם.

פיל טעמים רעדן דערפאַר, אַז די צוציעוודיקע ווירקונג, וואָס די נקבה באַ די חיות איבט אויס אויפן זכר, (און פאַרקערט), וועלכער פילט זי שוין אָפּ פונוויטנס דורך די חושים-אָרגאַנען, דאַרף מען אין געוויסע פונקטן באַטראַכטן אַנאַלאָגיש מיט די כעמאָטאַקטישע דערשיינונגען

זייער וואָרשיינלעך, אַז דערדאָזיקער כעמאָטראָפּיזם איז די סיבה פון יענע ענערגישע און האַרטנעקיקע באַוועגונגען, וועלכע עס מאַכן-דורך די זאָמען-פעדים פון די זויגחיות, אריינדרינגנדיק אין קערפּער פון דער נקבה; דידאָזיקע באַוועגונגען זענען געווענדט פון דרויסן אַנטקעגן דעם העלזל פון דער געבערמוטער צו די צאַפּלדיקע וויעלעך פון דער שליימהויט. גאַנצענע טעג הערן זיי נישט אויף צו באַוועגן זיך אָן וועלכער ס'איז דרויסנדיקער אונטערשטיצונג. מיט אומגלויבלעכער, כמעט רעטענישפולער זיכערקייט געפינט דער ספּעמאַטאָצאָאָן צו-להכעיס אַלע מעכאַנישע און אַנדערע מניעות דאָס איי-קעמערל. דאָט דערמאָנט זייער אָן די אומגעהויערע וואַנדערונגען פון געוויסע פיש; למשל, די לאַקסן וואַנדערן אָן נערונג גאַנצע חדשים לאַנג פונם ים ביז צו די קוואַלן פון רהיין אַרויף, וווּ זיי געפינען אַ זיכער, נאַרונגרייך אָרט צום לייגן רויג.

פון דער אַנדער זייט איז כדאי צו דערמאַנען די שיינע באַשרייבונג פון פ. פאַלקענבערג, וואָס שילדערט דעם כאַפּרוכפּערונגס-פּראָצעס באַ געוויסע נידריקערע אַלגן פון מיטלענדישן ים. וויבאַלד מיר רעדן וועגן די ליגיעס פון דער קראַפט, וועלכע פאַרייניקט צוויי קעגנזעצלעכע מאַגנעט-פּאָליוסן, טאָ

האָבן מיר דאָ נישט ווייניקער צו טון מיט אַן ענלעכן נאַטור־כּוח, וועלכער טרייבט מיט אומאָפּהאַלטבאַרער קראַפט די ספּערמאַטאָזאָען צו דעם איי. דער אונטערשיד וועט דער עיקר באַשטיין דערין, וואָס די באַוועגונגען פון דער טויטער מאַטעריע פאַרלאַנגען ענדערונגען אין די שפּאַנונגס־צושטאַנדן פון די אַרומרינגלענדיקע מעדיעס, בשעת די קרעפטן פון דער לעבעדיקער מאַטעריע זענען לאָקאַליזירט אין די אָרגאַניזמען גופא אַלס קראַפט־צענטערן. לויט פאַלקענבערגס באַאָבאַכטונגען האָבן די ספּערמאַטאָזאָידן גובר געווען באַ זייער באַוועגונג צום דעם איי־קעמערל אפילו די קראַפט, וועלכע וואָלט זיי געוויינלעך געשלעפּט אין דער זייט פון דעם ליכט. די כעמאָטאַקטישע ווירקונג, ד. ה. דער *געשלעכטס־דראַנג*, ווייזט זיך בכן אַרויס שטאַרקער פאַר דער פאָטאָטאַקטישער.

ווען צוויי לויט אונזערע פאָרמעלן שלעכט צונויפּפּאַסנדיקע אינדיווידן גייען אַריין אין אַ פאַרבינדונג צווישן זיך, און שפּעטער באַווייזט זיך אַ דריטער, וועלכער דערגאַנצט באמת איינעם פון זיי, דערוועקט זיך תּיכּף מיט נאַטורגעזעצלעכער נויטווענדיקייט די שטרעבונג צו צערייסן דעם פריערדיקן אויפגעצוווּנגענעם קשר.

דער פאַרראַט געשעט דאָ בכן מיט דער קראַפט פון אַן עלעמענטאַר־געשעעניש, אַלס נאַטור־דערשיינונג, פּונקט ווי באַ דער כעמישער פאַרבינדונג, פון $FeSo_4$ מיט $2KOH$ פאַרלאָזן תּיכּף די יאָנען $So_4$ די יאָנען $Fe$, איבערגייענדיק צו די יאָנען $K$. וויבאַלד עמיץ וואָלט גענומען אָפּשאַצן דיאָזיקע נאַטור־דערשיינונגען פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, וואָלט ער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ גאַנץ לעכערלעכע פיגור.

דאָס איז טאַקע אויך דער עיקר־געדאַנק פון געטעס „Wahlverwandschaften“, ווי ער ווערט דאָרט, אַלס שפּילעוודיקער פּרעלודיום, פול מיט דערוואַרטע צוקונפטס־נביאותן, אַנטוויקלט אין פערטן קאַפּיטל פון דער ערשטער טייל דורך פערזאָנען, וועלכע עס שטייט שפּעטער פאָר צו דערשפּירן אויף דער אייגענער הויט זיין טיפן, גורל־שווערן אמת. מיין פאָרשונג קאָן שטאָלצירן דערמיט, וואָס זי איז די ערשטע, וועלכע נעמט

אויפסניי אויף דידאַזיקע אידעע. פונדעסטוועגן האָב איך נישט בדעה (פונקט אַזוי ווי געטע האָט עס נישט געוואָלט) צו פאַרטיידיקן דעם פאַרראַט, נאָר פשוט אים מאַכן מער באַגרייפלעך. פאַראַן באַם מענטש מאָטיוון, וועלכע באַקעמפן דערפאָלגרייך דעם פאַרראַט און קאָנען צו אים נישט דערלאָזן. נאָר וועגן דעם וועט זיך נאָך רעדן אין דער צווייטער טייל. די סעקסואַל־ספערע באַם מענטש איז נישט אַזוי שטרענג צונויפגעבונדן מיט דער נאַטורגעזעצלעכקייט, ווי באַ די איבריקע בעלי־חיים; דאָס קאָן מען זען דערפון, וואָס דער מענטש איז סעקסועל אין אַלע צייטן פון יאָר, און די שפורן פון אַ באַזונדערער פרילינגדיקער געשלעכטס־דערוואַכונג זענען אין אים פיל שוואַכער, איידער אַפילו באַ די הויז־חיות.

דאָס געזעץ פון דער סעקסועלער קרובהשאַפט ווייזט ווייטער אויף, — וואָס אַן אמת, מיט ראַדיקאַלע אונטערשידן — נאָך אַנדערע אַנאַלאָגיעס מיט באַקאַנטע געזעצן פון דער טעאָרעטישער כעמיע. עס איז אַנאַלאָגיש צו די דערשיינונגען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן „געזעץ פון דער מאַסן־ווירקונג”; למשל, אַ שטאַרקערער זויערס פאַרבינדט זיך על פי רוב מיט דער שטאַרקערער באַזע, פונקט ווי דער מער מענלעכער אינדיוויד מיט דעם מער ווייבלעכן אינדיוויד. לגבי דעם טויטן כעמיזם קומט דאָ פונדעסטוועגן פאַר אַ באַדייטנדיקע צאָל פון נייע דערשיינונגען. דער לעבעדיקער אָרגאַניזם איז קודם־כל נישט קיין האָמאָגענישע און איזאָטראָפישע, אומענדלעך טייל־באַרע סובסטאַנץ: דער Principium individualitionis ד. ה. דער פאַקט, אַז אַלץ, וואָס לעבט, לעבט אַלס אינדיוויד, *איז אידענטיש מיט דעם פאַקט פון דער סטרוקטור*. דאָ קאָן בכן נישט אַ גרעסערע טייל איינגיין אין איין פאַרבינדונג, און אַ קלענערע אין דער אַנדערער, בילדנדיק אַ זייטיקן פראָדוקט. דער *כעמאָטראָפיזם* קאָן ווייטער זיין אויך אַ נעגאַטיווער. אָנהויבנדיק פון אַ געוויסער גרייס פון דער דיפערענץ $\alpha - \beta$ אין דער פאָרמל II, באַקומען מיר אַ נעגאַטיוון, להיפוכדיק געריכטעטן דראַנג, אַנדערש גערעדט, אַ סעקסועלע אָפשטויסונג. וואָס אַן אמת, קאָן אויך אין טויטן כעמיזם פאָרקומען דיזעלבע רעאַקציע מיט פאַרשידענער געשווינדקייט.

אַבער קיינמאָל – וויינעקסטנס לויט דין נייעסטע אָנשויונגען – קאָן מען נישט אַרויסרופן מיט דער הילף פון אַ קאַטאַליזאַטאָר אין לענגערער אָדער קירצערער צייט איינע און דיזעלביקע רעאַקציע, אָנשטאָט איר אַבסאָלוט נישט פאַראַנזיין (אין אונזער פאַל, אַזוי צו זאָגן, די קעגנזעצ׳עכע רעאַקציע). דערקעגן ווערט זיך לאָזן זייער לייכט בילדן אַ פאַרבינדונג, וועלכע אַנטשטייט באַ געוויסער טעמפּעראַטור, באַ אַ העכערער קאָן זי זיך ווידער צעלייגן, און פאַרקערט. און וויבאַלד די ריכטונג פון דער רעאַקציע איז אַ פונקציע פון דער טעמפּעראַטור, דאַן איז זי אָפּט באַ די לעבעדיקע אָרגאַניזמען אַ פונקציע פון דער צייט.

אין דער באַדייטונג פון פאַקטאָר ד. ה. פון דער „רעאַקציע-צייט" שטעקט אָבער די לעצטע אַנאַלאָגיע צווישן דער סעקסועלער צוציונג און דעם כעמיזם, אויף וויפל מ׳וואַרפט בכלל אַזעלכע פאַרגלייכן לכתחילה נישט אָפּ. מ׳קאָן אויך דאָ פאָרשטעלן אַ פאָרמעל פאַר דער רעאַקציע-געשווינטקייט, פאַר די פאַרשידענע גראַדן פון דערדאָזיקער שנעלקייט, מיט וועלכער ס׳אַנטוויקלט זיך די סעקסועלע רעאַקציע צווישן צוויי אינדיווידן, און פרווון צו דיפערענצירן A לויט t, קיינער פונדעסטוועגן דאַרף נישט מזלזל זיין אין דער „מאַטעמאַטישער פראַכט" (קאַנט) דורך אומנוציקער אייטלקייט: אָנווענדן דיפערענצירונג אין אַזעלכע קאָמפּליצירטע און שווערע פאַרהעלטנישן, ווו די באַשטענדיקייט פון די פונקציעס איז אַ זייער פּראָבלעמאַטישע זאַך און דעריבער איז זייער קלאָר דאָס, וואָס איך וויל זאָגן: צווישן צוויי אינדיווידן, וועלכע פאַרברענגען צווישן זיך אַ לענגערע צייט צוזאַמען, אָדער בעסער, ווען זיי זענען צוזאַמען פאַרשפּאַרט, קאָן זיך זינלעכער באַגער אַנטוויקלען צומאָל דאָרט, ווו ער איז לגמרי נישט געווען, אָדער ווו ס׳האָט אַפילו געווירקט אַן אָפּשטויסנדיקע קראַפט, ענלעך צו אַ כעמישן פּראָצעס, וואָס נעמט זייער פיל צייט, איידער ס׳איז ניכּר, אַז ער קומט פאָר. טייל ווייז שטיצט זיך דאָך טאַקע דערויף יענער טרייסט, וואָס מ׳גיט געוויינלעך מיט די מענטשן, וועלכע האָבן חתונה אָן ליבע: עס ווערט זיך „שוין שפּעטער" איינשטעלן; ס׳וועט קומען „מיט דער צייט".

קלאָר, אַז מ׳קאָן נישט לייגן קיין גרויסן ווערט אויף

די אַנאַלאָגיעס פון דער סעקסועלער קרובהשאַפט מיטן טויטן בעמיזם. עס האָט זיך מיר אָבער פונדעסטוועגן אויסגעוויזן, אַז ענלעכע באַטראַכטונגען וועלן זיין זייער באַלערעוודיק. אַלנפאַלס בלייבט נאָך אַפילו דאָס אויך אַן אומאַנטשיידענע פראַגע, צי קאָן מען די סעקסועלע צוציונג בכלל פאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע פון טראָפיזמען; ווען דאָס זאָל אַפילו זיין בנוגע דער סעקסואַליטעט שוין אויף זיכער פעסטגעשטעלט, וואָלט די אַנטשיידונג אין הינזיכט פון עראָטיק געווען אַ געקינצלטע. דער פענאָמען פון ליבע פאָדערט נאָך אַן אַנדערע באַהאַנדלונג, מיט וועלכער מיר דאַרפן זיך פאַרנעמען, אין דער צווייטער טייל. פונדעסטוועגן עקזיסטירט אַ בלי-ספקדיקע אַנאַלאָגיע צווישן די פאָרמען פון ליידנשאַפטלעכער צוציונג פון מענטשן און דעם כעמאָטראָפיזם; ס'איז געווען אָפּצושיקן דעם לייענער צו דער שילדערונג פון דעם פאַרהעלטעניש צווישן עדוואַרדן און אָטיליע טאַקע אין געטעס „Wahlverwandschaften”.

מיטן אָנרופן דעמדאָזיקן ראָמאַן האָבן מיר שוין באַרירט בקיצור דעם מאַן- און ווייב-פּראָבלעם, און עטלעכע פּראַקטישע אויספירן, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער טעאָרעטישער טייל פון דאָזיקן קאַפּיטל דאַרפן זיין פאַרבונדן אויך מיטן אָנגעוויזענעם פּראָבלעם. דאָסדאָזיקע פאַר דער סעקסועלער צוציונג אויפגעשטעלטע געזעץ, צו וועמען די אַנדערע שײַנען צו זיין זייער ענלעך געבויט, לערנט, אַז מחמת עס עקזיסטירן אומציייליקע סעקסועלע צווישנפאָרמען, מוזן דאָך במילא זיין צוויי אינדיווידן, וועלכע זאָלן אַמבעסטן פאַסן צו איינאַנדער. אויף אַזויפיל איז בכן די חתונה באַרעכטיקט, און „פרייע ליבע” וואָלט מען געמוזט לויטן דאָזיקן ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אָפּוואַרפן. וואָס אַן אמת, די פראַגע פון מאָנאָגאַמיע קאָמפּליצירט זיך ווידער באַדייטנדיק דורך אַנדערע פאַרהעלטענישן, ווי למשל, דורך די פעריאָדן (וועגן זיי וועלן מיר רעדן שפּעטער), און אויך דורך דער באַקאַנטער פאַרענדערונג פונם געשמאַק, וואָס קומט מיטן לויף פון די יאָרן; אויף אַזאַ אופן פאַרקלענערט זיך ווידער די לייכטקייט פון לייזן דידאָזיקע פראַגע.

נאָר עס וועט זיך באַקומען אַ צווייטער אויספיר, וויבאַלד מ'וועט זיך דערמאָנען אָן דער העטעראָסטיליע, בפרט אָן

צנעם פאַקט, וואָס פון דער „אילעגיטימער באַפרוכפערונג" אַנטשטייען כמעט אויסשליסלעך ווייניק אַנטוויקלונגספעיקע קיימען. דאָס פירט טאַקע אויפן רעיון, אַז אויך בײַ אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן ווערט געבוירן דאָס שטאַרקסטע און געזונטסטע דור פון יענע פאַרבינדונגען, אין וועלכע די קעגנזייטיקע געשלעכטלעכע צוציונג ווירקט אין גאָר אַ הויכן גראַד. אַזוי רעדט דאָס פאָלק שוין לאַנג וועגן „די קינדער פון ליבע" אויף אַ גאַנץ באַזונדערן אופן, און גלויבט, אַז פון זיי וואַקסן אַרויס שענערע, בעסערע און פּרעכטיקערע מענטשן. און ווער עס פילט אַפילו נישט אין זיך קיין ספּעציעלן באַרוף צום מענטשן-האָדעווער, מוז בכן שוין צוליב היגיענישע טעמים אַליין פאַראורטיילן די ריינע געלט-חתונה, וואָס אונטערשיידט זיך באַדייטנדיק פון דער חתונה לויטן איינזען.

אַגב-אורחא וועל איך ווייטער באַמערקן, אַז דאָס אָפּהיטן די געזעצן פון סעקסועלער צוציונג וואָלט געקאָנט אויסאיבן אַ געוויסן איינפלוס אויף דעם האָדעוועכץ פון הויז-חיות. מ׳וועט קודם-כל שענקען מער אויפמערקזאַמקייט די סעקונדערע געשלעכטס- סימנים און דעם גראַד פון זייער אויסבילדונג בײַ די ביידע אינדיווידן, וועלכע זענען באַשטימט צום באַהעפטן זיך. די קינסטלעכע פּראָצעדורן, וועלכע מ׳נעמט פאָר, כדי צונויפצופאָרן דעם זכר מיט דער נקבה, בעת זי געפעלט אים נישט, דערגרייכן, פאַרשטייט זיך, זייער ציל, אָבער זיי זענען אין אַלגעמיין תמיד באַגלייט מיט איבלדיקע פאָלגן ; די אומגעהויערע נערוואָזיטעט, למשל, פון די דורך צונויפפּאָרונג פון אומאַנטשפּרעכנדיקע קלאַטשעס געפרוכפערטע פערד, וועלכע מ׳מוז, ענלעך צו אַ היינטיקן מאָדערנעם יונגנמאַן, פיטערן מיט בראָם און מעדיקאַמענטן, שטאַמט זיכער אַרויס דערפון. פונקט אַזוי ווי אין דער פיזישער דעגענעראַציע פון מאָדערנעם יידנטום האָט נישט די לעצטע ראָליע געשפּילט דער אומשטאַנד, וואָס די חתונות בײַ יידן ווערן פיל אָפטער ווי ערגיץ אַנדערשוו אין דער וועלט, צושטאַנד געבראַכט נישט דורך קיין ליבע, נאָר דורך פאַרמיטלער (שדכנים).

ד א ר וו י ן האָט אין זיינע אויך אין דערדאָזיקער הינזיכט פונדאַמענטאַלע אַרבעטן פעסטגעשטעלט דורך זייער ברייטע

עקספערימענטן און באַאָבאַכטונגען — און דאָס איז דערנאָך אַלגעמיין אָנערקענט געוואָרן — אַז די גאַנץ נאָענט פאַרקרובישטע אינדיווידן, אי פון דער צווייטער זייט די צופיל אוממענלעכע, אין זינען פון זייערע אַרט-סימנים, ציען זיך איינאַנדער סעקסועל ווייניקער צו, איידער געוויסע „אומבאַדייטנדיק פאַרשידענע״; און וויבאַלד עס קומט דאָרט פאָרט צו אַ באַפרוכפערונג, איז אָדער די זרע שטאַרבט אָפּ אין די ערשטע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג, אָדער עס אַנשטייט אַ שוואַכער, על-פּי-רוב נישט מער רעפּראָדוקציע-פעיקער אינדיווידן. פונקט ווי אויך בײַ די העטעראָסטילע פלאַנצן ליפערט די „לעגיטימע באַפרוכפערונג״ מער און בעסערע זאָמען, איידער אַלע אַנדערע קאָמבינאַציעס.

עס אַנטוויקלען זיך בכן צום בעסטן די-יעניקע שפּראָצלעך, וועמעס עלטערן ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרעסטער סעקסועלער קרובהשאַפט.

פון דאָזיקן אַלגעמיין אָנגעוואָנדבאַרן כּלל דרינגט אַרויס די ריכטיקייט פון דעם פריער געמאַכטן אויספיר: וויבאַלד מ'האָט שוין חתונה און מ'פרוכפערט קינדער, טאָ זאָלן זיי על-כּל-פּנים נישט זיין קיין פּראָדוקט פון אַן איבערגעוועלטיקטער סעקסועלער אָפּשטויסונג, וועלכע קאָן נישט אָפּגיין אָן אַ באַעוולהונג פון דער פיזישער און גייסטיקער אָרגאַניזאַציע פון קינד. זיכער בילדן אַ גרויסע טייל פון די אומפרוכטבאַרע חתונות די חתונות אָן ליבע. די אַלטע דערפאַרונג, לויט וועלכער די קעגנזייטיקע סעקסועלע אויפרודערונג באַם געשלעכטס-אַקט פאַרשטאַרקט די אויסזיכטן פון דער באַפרוכפערונג, געהערט טאַקע טיילווייז אויך צו דעראָזיקער ספערע פון דעם פּראָבלעם; דאָס ווערט נאָך באַזונדערס פאַרשטענדלעך, וויבאַלד מיר וועלן דערמאָנען, אַז בײַ צוויי זיך איינאַנדער דערגאַנצנדיקע אינדיווידן איז דער סעקסועלער דראַנג באַלד פון אָנהויב אָן מער אינטענסיוו.

# קאַפּיטל IV.

## האָמאָסעקסואַליטעט און פּעדעראַסטיע.

דאָס אַרומגערעדטע געזעץ פון סעקסועלער צוציונג אַנט־האַלט אין זיך די לאַנג געזוכטע טעאָריע פון דער פאַרקערטער סעקסואַל־עמפּינדונג, ד. ה. פון דער סעקסועלער נייגונג נישט בלויז צום אַנדערן, נאָר אויך צום אייגענעם געשלעכט. מ׳קאָן דרייסט באַהויפּטן, אַוועקשטעלנדיק לעת־עתּה אָן אַ זייט אַ געוויסן אונטערשייד (וועגן דעם וועט זיין די רייד שפּעטער), אַז יעדער פאַרקערט־סעקסועלער באַזיצט אויך אַנאַטאָמישע שטריכן פון אַנדערן געשלעכט. קיין ריין „פּסיכאָסעקסועלער הערמאַ־פראָדיטיזם" איז נישט בנימצא, מאַנסבילן, וועלכע פילן אַ גע־שלעכטלעכע נייגונג צו מענער, זענען אַפילו לויט זייער אוי־סערלעכער סטרוקטור פרוייש; פונקט אַזוי באַזיצן אויך יענע פרויען, וועלכע באַגערן זינלעך אַנדערע פרויען, פיזיש מאַנס־בילשע שטריכן. דידאַזיקע אָנשויונג איז פון שטאַנדפונקט פון אַ שטרענגן פּאַראַלעליזם צווישן פיזישן און פּסיכישן אַ **זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך**; איר אָנווענדונג פאָדערט פונדעסטוועגן די באַריכטיקונג פון דעם אין צווייטן קאַפּיטל דערמאָנטן פאַקט, אַז נישט אַלע טיילן פון **זעלביקן** אָרגאַניזם פאַרנעמען די גלייכע שטעלונג צווישן מ. און פ.; פאַרשידענע אָרגאַנען קאָנען זיין אין פאַרשידענעם גראַד מענלעך אָדער ווייבלעך. קורץ, **בא דעם אינדיווידום מיט פאַרקער־טער סעקסועלער נייגונג איז תּמיד פאַראַן אַ געוויסע אַנאַטאָמישע דערנענטערונג צום אַנדערן געשלעכט.**

שוין דאָס אַליין וואָלט גענוג געווען, כּדי אָפּצופרעגן די מיינונג, וואָס באַטראַכט דעם פאַרקערטן סעקסואַל־דראַנג אַלס אַן איי־גנשאַפט, וועלכע איז דערוואָרבן געוואָרן דורכן געגנ־

בענעם אינדיוויד אין משך פון זיין לעבן און האָט דערשטיקט דאָס נאָרמאַלע געשלעכטס-געפיל. אין אַזאַ מין דערוועגבונג דורך אויסערלעכע אָנשטויסן אין משך פון אינדיווידועלן לעבן גלויבן די אָנגעזעענע פאָרשערס *שרענק-נאָטסינג*, *קרעפעלין*, *פערע*; פאַר אַזעלכע אָנשטויסן באַטראַכטן זיי אבסטינענץ פון נאָרמאַלן געשלעכטלעכן פאַרקער און באַזונדערס „פאַרפירונג". ווי-זשע איז דאַן געווען מיטן ערשטן פאַרפירער? שוין-זשע איז ער געווען אונטערגעלערנט פון גאָט-הערמאפראָדיטאָס גופא? מיר איז דידאָזיקע גאַנצע מיינונג נישט אַנדערש פאָרגעקומען, נאָר גלייך ווי עמיץ וואָלט געוואָלט דער-ווייזן, אַז די „נאָרמאַלע" סעקסועלע נייגונג פון טיפישן מאַן צו דער טיפישער פרוי איז אויך קינסטלעך דערוואָרבן געוואָרן, אַז זי איז אַ פּראָדוקט פון די אָנווייזונגען פון עלטערע חברים, וועלכע האָבן צופעליק אַמאָל אַנטדעקט דעם תענוג פון געשלעכטס-פאַרקער. פונקט ווי דער „נאָרמאַלער" ווערט געוויר גאַנץ פון זיך גופא, וואָס ס'איז אַזוינס אַ פרוי, אַזוי טרעט אויך אויף בײַ דער פערזאָן מיט „פאַרקערטער סעקסועלער נייגונג" דער דראַנג צו פערזאָנען פון זעלביקן געשלעכט גאַנץ פון זיך גופא, אין לויף פון זיין אינדיווידועלער אַנטוויקלונג, אַדאַנק יענע אָנטאָגענעטישע פּראָצעסן, וועלכע ווירקן זינט דעם מאָמענט פון געבורט איבערן משך פון גאַנצן לעבן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'מוז אונטערקומען אַ *געלעגנהייט*, כדי די תאווה פון אויספירן האָמאָסעקסועלע אַקטן זאָל זיך קאָנען אַרויסווייזן, אָבער דידאָזיקע געלעגנהייט *מאַכט נאָר אַקטועל דאָס* וואָס ס'איז שוין פונלאַנג אין גרעסערן אָדער קלענערן גראַד פאַראַן געווען אין די אינדיווידן און בלויז געוואַרט אויף אַ תיקון.

*אַז בײַ סעקסועלער אבסטינענץ* (כדי נישט דורכצולאָזן דעם צווייטן כלומרשטן טעם פון פאַרקערטער סעקסואַל-עמפּינדונג) *קאָן מען אַחוץ מאַסטורבאַציע געפינען נאָך עפּעס אַן אַנדער אויסגאַנג, דאָס טאַקע וואָלטן די דערוועגבינגס-טעאָרעטיקער געמוזט דערקלערן*; אָבער דאָס שטרעבן פון מענטשן צו האָמאָסעקסועלע אַקטן און זייער אויס-

פירונג דערקלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס דידאָזיקע שטרעבונג ליגט שוין אין די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן. אויך די העטעראָסעקסועלע צוציונג וואָלט מען דאָך געקאָנט אָנרופן „דערוואָרבענע", וויבאַלד מ׳זאָל דאַרפן אַן אויסדריקלעכע קאָנסטאַטירונג, אַז, למשל, דער העטעראָסעקסועלער מאַנסביל מוז ערגיץ אַמאָל האָבן געזען אַ פרוי אָדער לכל־הפחות אַ פרויען־בילד, כּדי זיך צו פאַרליבן.

ווער עס באַטראַכט דאָס פאַרקערטע געשלעכטס־געפיל פאַר דערוואָרבן, איז ענלעך צו יענעם מענטש, וועלכער וואָלט נאָר גענומען אין אַכט דעמדאָזיקן אומשטאַנד, און אויסגעשלאָסן דעם גאַנצן איינגעבוירענעם מהות פון אינדיוויד, בלויז פון וועלכן עס אַנטוויקלען זיך דאָך די באַשטימטע סיבות און ווירקונגען, כּדי צו מאַכן עפּעס א זייטיק געשעעניש פון אויסערלעכן לעבן אָדער עפּעס אַ „דערגאַנצונגס־תּנאי", — פאַרן איינציקן פאַקטאָר פון דער גאַנצער דערשיינונג.

די פאַרקערטע סעקסועלע נייגונג איז פונקט אַזוי ווייניק דערוואָרבן, ווי ווייניק זי איז געירשנט פון די עלטערן אָדער אבות, אָטאָ־דאָס האָט טאַקע קיינער נישט געפּרוווט צו באַהויפּטן, מחמת דאָס וואָלט געווען אויפן ערשטן בליק סתירהדיק מיט דער גאַנצער דערפאַרונג; מ׳האָט זיך אָבער באַמיט פאָרצושטעלן, אַז זי דרינגט אַרויס פון אַ דורכויס נעווראָפּאַטישער קאָנסטיטוציע, פון אַן אַלגעמיינער ירושהדיקער באַלאַסטונג, וועלכע קאָן זיך אויסדריקן באַ דעם נאָכקומענדיקן דור דורך דער אָפּווייכונג פון די געשלעכטלעכע אינסטינקטן. מ׳האָט צוגערעכנט די גאַנצע דערשיינונג צום געביט פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע, מ׳האָט זי באַטראַכט ווי אַ סימפּטאָם פון דעגענעראַציע, טראַקטירנדיק די מענטשן, וועלכע זענען אונטערגעוואָרפן דערדאָזיקער נייגונג, אַלס קראַנקע. הגם דידאָזיקע אויפפאַסונג ציילט יעצט שוין פיל ווייניקער אָנהענגער, איידער נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, זינט איר פריערדיקער פאָרשטייער ק ר אַ פ ט - ע ב י נ ג האָט אין די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס פון זיין „Psychopathia saxualis" זי שווייגנדיק אָנערקענט פאַר פאַלש, ווערט פונדעסטוועגן זיין נישט איבריק צו באַמערקן, אַז מענטשן מיט סעקסועלער אינווערסיע קאָנען

אין אַלעם איבעריקן זיין גאַנץ געזונט און, אָפּגעזען פון זייטיקע נצועלשאַפּטלעכע מאָמענטן, זיך פילן פונקט אַזוי גוט, ווי אַלע איבעריקע געזונטע מענטשן. און וויבאַלד מען פרעגט זיי, צי זיי ווינטשן זיך בכלל אין דערדאָזיקער הינזיכט צו זיין אַנדערש ווי זיי זענען, ענטפערן זיי זייער אָפט מיט ניין.

די אַלע אומגעלונגענע דערקלערונגס-פרוּוון שטאַמען דערפון, וואָס מ׳האָט לגמרי איזאָלירט די האָמאָסעקסואַליטעט. נישט באַמיענדיק זיך צו ברענגען זי אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פאַקטן. ווער עס באַטראַכט די „סעקסועלע אינווערסיעס” ווי עפּעס פּאַטאָלאָגיש, ווי עפּעס אַן עקלהאַפּט-משונהדיקע גייסטיקע אַנאָמאַליע (דידאָזיקע אָנשויונג איז באַזונדערס סאַנקציאָנירט דורך די פּיליסטערס), אָדער זעט גאָר אין איר אַ זינדיקע רגילות, אַלס פּועל-יוצא פון אַ פאַרשאָלטענער פאַרפירונג, דער דאַרף נעמען אין אַכט, ווי אומענדלעך פילע איבערגענג פירן פון מענלעכסטן זכר איבער ווייבלעכן מאַנסביל און לסוף איבער דעם מאַן מיט פאַרקערטער סעקסועלער נייגונג אַהין צום הערמאַפראָדיטיזם (hermaphrod. spurius et genuinus) און פון דאַנען איבער דער טריבאַדע, ווייטער איבער דער מענלעכער פרוי (virago) צו דער ווייבלעכער יונגפרוי (Virgo). די פערזאָנען מיט פאַרקערטן סעקסועלן דראַנג (פון ביידערליי געשלעכטער) קאָן מען, אין הסכם מיט אונזער אָנשויונג, באַצייכענען אַלס אינדיווידוען, בא וועמען דער ברוכצאָל a מאַכט אויס אַן ערך 0.5, במילא אונטערשיידט ער זיך נישט קיין סך פון a′ (זע זייט 25); זיי באַזיצן בכן אין אַ גלייכער שטופּע אי מענלעכקייט, אי ווייבלעכקייט, אָפט מער ווייבלעכקייט, הגם זיי גייען אָן פאַר מאַנסבילן און פאַרקערט. מחמת דער נישט תמיד גלייכמעסיקער פאַרטיילונג פון דער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק איבערן גאַנצן קערפּער איז עס אַ זיכערע זאַך, אַז אַ גאַנץ גרויסע צאָל אינדיווידוען ווערן בלויז אויפן סמך פון זייערע פּרימערע מענלעכע סימנים פאַררעכנט צו יענעם געשלעכט, וועמען ס׳אַנטשפּרעכן דידאָזיקע סימנים, הגם עס טרעט ערשט אין זיי שפּעטער אויף די descenses

testiculorum, אָדער עפּיספּאַדיע, היפּאָספּאַדיע אָדער אַזאָאָספּערמיע, הגם ס'זאָל ווערן גיכּר (בײַם ווײַבלעכן געשלעכט) Atresia Vagiaae. זיי אַלע באַקומען אַ מאַנסבילשע דערציונג, ווערן אַרײַנגעצויגן אין מיליטערדינסט, הגם בײַ זיי איז $a < 0.5$, $a' > 0.2$, אין הסכּם דערמיט געפינען אַזעלכע אינדיווידוען זייער געשלעכטלעכע דערגאַנצונג פּלומרשט אויף דערזעלביקער זײַט ד. ה. אויף דער, צו וועלכער זיי שײַנען אַליין צו געהערן, בשעת פּאַקטיש שטייען זיי שוין אויף דער קעגנאיבערדיקער זײַט.

איבעריקנס איז נישט פּאַראַן קיין אינווערטירטער אינדיוויד, וועלכער זאָל זײַן בלויז פּאַרקערט-סעקסועל (דערדאָזיקער אומשטאַנד באַשטעטיקט מײַן אויפפּאַסונג, און ווערט אַפּילו ערשט דורך אים דערקלערט). אַלע זענען מתחילת ביסעקסועל, ד. ה. זיי קאָנען האָבן געשלעכטלעכן פּאַרקער אי מיט מאַנסבילן, אי מיט פרויען. עס קאָן אָבער זײַן, אַז זיי אַליין באַמיען זיך שפּעטער וועגן אַן אײַנזײַטיקער אויסבילדונג פון געשלעכט, אונטערגעבנדיק זיך די אײַנפלוסן, וואָס ווירקן אין זיי לטובת דער אײַנגעשלעכטלעכקייט, לסוף דערפירן זיי אין זיך צו דער איבער-שליטה פון העטעראָסעקסואַליטעט אָדער האָמאָסעקסואַליטעט, אָדער לאָזן זיך באַאײַנפלוסן דורך דרויסנדיקע ווירקונגען, הגם די ביסעקסואַליטעט שטאַרבט דורכדעם קיינמאָל נישט אָפּ, — פּאַרקערט, זי גיט גאַנץ אָפט צו וויסן וועגן איר צײַטווײַליק צוריקגעשטויסענעם דאָזײַן. זייער אָפט, דערעיקר אין דער לעצטער צײַט, האָט מען אָנגעוויזן אויפן צוזאַמענהאַנג פון די האָמאָסעקסועלע דערשײַנונגען מיט דעם ביסעקסועלן בוי פון יעדן חיהשן און פּלאַנצלעכן עמבריאָן. דאָס נײַע אין אונזער פאָרשטעלונג פון דער זאַך איז דאָס, וואָס דער האָמאָסעקסואַליזם באַטײַט דאָ נישט קיין אומפולקאָמענע אַנטוויקלונג, קיין שוואַכע דיפערענצירונג פון געשלעכט, ווי דאָס איז אָנגענומען אין אַנדערע פאָרשונגען; אונזער שטאַנדפּונקט באַטראַכט בכלל נישט די האָמאָסעקסואַליטעט אַלס אַנאָמאַליע, וועלכע טרעט אויף פּאַראײַנצלט אויפן פּאָן פון דער שוין גענצלעך דורכגעפירטער דיפערענצירונג פון געשלעכט, אַלס איבערבלײַב פון אַ פריערדיקער אומדיפערענצירטקייט. פּאַרקערט, ער פּאַררעכנט

די האָמאָסעקסואַליטעט צו די געשלעכטלעכע אייגנשאַפטן פון די סעקסועלע מיטלשטופן אין זייער קאָנטינוירלעכן צוזאַמענהאַנג מיט די סעקסועלע צווישנפאָרמען, וועלכע ער אָנערקענט פאַר די איינציק רעאַלע, באַטראַכטנדיק די עקסטרעמען נאָר אַלס אידעאַלע פאַלן. לויט דערדאָזיקער אָנשויונג זענען בכן אַלע באַשעפענישן גלייכצייטיק אי האָמאָסעקסועל, אי העטעראָסעקסועל.

די פאַר-נטיה פון איטלעכן מענטשלעכן וועזן צו האָמאָ-סעקסואַליזם, ווען אַפילו אין אַ שוואַכער שטופע, אַנטשפּרעכנדיק דעם מער אָדער ווייניקער רודימענטער-געוואָרענעם אַנדערן געשלעכט, ווערט באַזונדערס קלאָר דערוויזן דורכן פאָלגנדיקן פאַקט. אין דעם עלטער **פאַר** דער געשלעכטלעכער רייפקייט, ווען עס הערשט נאָך אַ פאַרהעלטענישמעסיקע געשלעכט-לעכע אומדיפערענצירטקייט, ווען די אינערלעכע אויסטיי-לונג פון די קיים-דריזן האָט נאָך נישט אַרויסגעלייגט דעם אַנטשיידנדיקן חותם אויפן גראַד פון דער איינזייטיקער סעקסו-עלער אַנטוויקלונג, באַמערקט זיך יענע אַלגעמיינע דערשיינונג פון דער טרוימערישער „יוגנט-פריינטשאַפט", וועלכע איז נישט לגמרי אויסגעטון פון זינלעכן כאַראַקטער, אַזוי גוט באַ יינגלעך, ווי באַ מיידלעך.

ווער עס טרוימט נאָך זייער אויך אין שפּעטערדיקן על-טער וועגן „פריינטשאַפט" מיט דעם אייגענעם געשלעכט, באַ דעם זענען שוין שטאַרק אויסגעדריקט די סימנים פון קעגנזע-לעכן געשלעכט; נאָך מער ניכּר איז די צוגעהעריקייט צו די געשלעכטלעכע צווישנפאָרמען באַ מענטשן, וועלכע זענען באַ-גייסטערט פון דער חברשאַפט צווישן „ביידע געשלעכטער", פון די פריינטלעכע באַציונגען מיטן אַנדערן געשלעכט (וועלכער איז אין תוך זייער אייגענער), אָן דער נויטיקייט צו וואַכן אי-בער זייערע געפילן, טרעטן זיי אַריין מיט אים אין חברישע באַציונגען, באַמיען זיך צו באַקומען צוטרוי, און ווילן אַפילו אין דעמדאָזיקן „אידעאַלן", „ריינעם" פאַרהעלטעניש אַריינציען אויך אַנדערע, וועלכע ס'וואָלט באַ אַזעלכע באַדינגונגען אַ סך שווערער געווען צו בלייבן ריין.

ס׳איז אויך בכלל נישט פאראן צווישן מענער קיין פריינטשאפט, וועלכע זאל נישט אנטהאלטן אין זיך עפעס א סעקסועלן עלעמענט, הגם דאס באצייכנט לגמרי נישט דעם מהות פון דער פריינטשאפט, און הגם דאס סעקסועלע איז גיכער פיינלעך און פשוט דערווידער דער אידעע פון דער פריינטשאפט. אלס גענוגנדיקער באוויז פאר דער ריכטיקייט פון דערדאזיקער מיינונג איז דאס, וואס מענער קניפן נישט אן צווישן זיך קיין פריינטשאפט, וויבאלד זייער אויסערלעכקייט דערוועקט נישט אין זיי קיין קעגנזייטיקע סימפאטיע, מחמת אנדערש קאנען זיי זיך קיינמאל נישט נענטער צונויפקומען מיט איינאנדער. ווייער פיל „באליבטקייט״, פראטעקציע, און נעפאטיזם צווישן מענער שטאמען ארויס פון אזעלכע אפט אומבאוווסטזיניקע געשלעכטלעכע פארהעלטענישן.

דער סעקסועלער יוגנט-פריינטשאפט אנטשפרעכט ווארשיינלעך אן אנאלאגישע דערשיינונג בא עלטערע מענער, ווען צוזאמען מיט דער זקנהדיקער אטראפיע פון די געשלעכטס-סימנים, וועלכע זענען איינזייטיק אנטוויקלט אין רייפן עלטער, טרעט ווידער אויף די פארבארגענע אמפיסעקסואליטעט. דאס איז ווארשיינלעך די סיבה, וואס אזויפיל מענער איבער 50 יאר ווערן געריכטלעך געמשפט פאר בגיין „אומזיטלעכקייטס-עברות״.

לסוף באמערקן זיך האמאסעקסועלע אקטן נישט אין קיין קלענערער מאס אויך בא חיות. פ. קארש האט אויף א פארדינסטפולן אופן צונויפגעזאמלט פיל אזעלכע באקאנטע אין דער ליטעראטור פאלן. ליידער גיבן די פארשערס ווייניק מאטעריאל מכוח דעם גראד „מענלעכקייט״ און „ווייבלעכקייט״ בא דידאזיקע חיות. פונדעסטוועגן קאן גאר קיין ספק נישט זיין, אז מיר האבן דא צו טון מיט א באוויז, וואס באשטעטיקט די גילטיקייט פון אונזער געזעץ אויך פאר דער חיות-וועלט. וויבאלד מ׳האלט אקסן א לענגערע צייט פארשפארט, נישט צולאזנדיק זיי צו קיין קי, קאן מען בא זיי מיט דער צייט באמערקן פארקערטע געשלעכטס-אקטן; אייניקע פון זיי, די ווייבלעכערע, פאלן דערין ארייַן פריער, די אנדערע שפעטער, א טייל

אפשר אויך קיינמאָל נישט. (גראַד בײַ בהמות איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע צאָל פון סעקסועלע צווישנפאָרמען). דאָס באַווייזט, אַז די נייגונג האָט שוין אין זיי געמוזט שטעקן, מערנישט פריער האָבן זיי זייער באַדערפעניש געקאָנט בעסער באַפרידיקן. די פאַרשפאַרטע אָקסן פאַרהאַלטן זיך טאַקע פונקט אַזוי, ווי דאָס קומט פאָר אויך צווישן מענטשן אין די תפיסות, אינטערנאַטן און קאָנוויקטן.

אין דעם פאַקט, וואָס די חיות, צווישן וועלכע עס עקזיסטירן אויך סעקסועלע צווישנפאָרמען, קענען נישט בלויז דעם אָנאַניזם (וועלכער קומט פאָר בײַ זיי, פונקט ווי בײַם מענטש), נאָר אויך דעם האָמאָסעקסואַליזם, זע איך אַ וויכטיקע באַשטעטיקונג פאַר דעם דאָ אויפגעשטעלטן געזעץ פון סעקסועלער צוציונג.

דאָס פאַרקערטע געשלעכטס-געפיל שטעלט אַזוינאָך מיט זיך נישט פאָר עפעס אַן אויסנאַם פון דעם נאַטורגעזעץ; נאָר איז מערנישט ווי איינס פון זײַנע ספּעציעלע פאַלן.

אַן אינדיווידּ, וועלכער איז אומגעפער האַלב מאַנסביל, האַלב פרוי, פאַרלאַנגט, אין הסכם מיט אונזער געזעץ, אַלס זײַן דערגאַנצונג אַן אַנדער פּערזאָן, וואָס באַזיצט אין אַ גלייכן גראַד דיזעלביקע סימנים. דאָס איז די סיבה פון דער אויך אויף אַ דערקלערונג וואַרטנדיקער דערשיינונג, וואָס די פּערזאָנען מיט פאַרקערטער געשלעכטס-נייגונג באַפרידיקן זייערע סעקסועלע באַדערפענישן תמיד נאָר צווישן זיך, און גאָר זעלטן פאַלט אַרײַן אין זייער קרייז עמיץ, וועלכער זוכט נישט דיזעלביקע פאָרם פון באַפרידיקונג — די סעקסועלע תשוקה איז תמיד אַ קעגנזייטיקע — און זי איז דער מעכטיקער פאַקטאָר, וואָס ווירקט, אַז די האָמאָסעקסואַליסטן זאָלן תיכף דערקענען איינער דעם אַנדערן. פונדאַנען שטאַמט עס אויך, וואָס די „נאָרמאַלע" מענטשן האָבן כלל קיין השגה נישט וועגן דער אומגעהויערער פאַרשפרייטונג פון האָמאָסעקסואַליזם, און אַפילו דער גרעסטער „נאָרמאַל-געשלעכטלעכער" הולטאַי פילט זיך פולשטענדיק באַרעכטיקט צו פאַראורטיילן אַזאַ מין נבלה, בעת ער ווערט פלוצים געוואָר וועגן עפעס אַ האָמאָסעקסועלן אַקט.

אַ געוויסער פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אין אַ דייטשישער אוניווערזיטעט האָט נאָך אין יאָר 1900 ערנסט פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל פּשוט קאַסטרירן אַלע האָמאָסעקסואַליסטן.

די הייל-אופנים, מיט וועלכע מען באַמיט זיך היינט צו באַקעמפן די סעקסועלע אינווערסיע (וויבאַלד מ׳האָט בכלל ערגיץ אונטערגענומען אַזעלכע פּרוון), זענען, וואָס אַן אמת, ווייניקער ראַדיקאַל, איידער יענע עצה, אָבער דאָך ווייזן זיי אַרויס אין זייער פּראַקטישער אָנווענדונג די פולשטענדיקע אומגענוגנדיקייט פון געוויסע טעאָרעטישע פאָרשטעלונגען וועגן האָמאָסעקסואַליזם. און אַזוי באַהאַנדלט מען היינט די האָמאָסעקסואַליסטן היפּנאָטיש, — דאָס געשעט דערעיקר, פאַרשטייט זיך, מצד די אָנהענגערס פון דער דערוועררבונגס-טעאָריע: מען באַמיט זיך אויפן סוגעסטיוון וועג אין זיי איינצופלאַנצן די פאָרשטעלונג פון אַ פרוי און פון דער „נאָרמאַלער” אַקטיווער באַהעפטונג מיט איר און אויף אַזאַ אופן זיי צו דעם צוצוגעוויינען. די רעזולטאַטן פון דער היילונג זענען, אויף וויפל מ׳איז זיך דערצו מודה, זייער מינימאַלע.

דאָס איז פון אונזער שטאַנדפּונקט אויס אויך גאַנץ פאַר־שטענדלעך. דער היפּנאָטיזאָר צייכנט אָן זיין פּאַציענט דאָס טיפּישע (!) בילד פון אַ פרוי, וועלכע ווייזט זיך אים אויס, אַדאַנק זיין גאַנצער, איינגעבוירענער, אָבער אומבאַוווסטזיניקער, דורך סוגעסטיע נישט אָנגרייפבאַרער נאַטור, עפּעס אַ גרויליקע זאַך. מחמת זיין דערגאַנצונג איז נישט פ., און בחינם וועט דער דאָקטאָר אַוועקשיקן זיין פּאַציענט צו דער ערשטער בעסטער פאַר געלט קויפבאַרער גאַסנפרוי, כדי זיין קוראַציע, וועלכע האָט נאָר באַם פּאַציענט געקאָנט פאַרשטאַרקן דעם עקל צו דער „נאָרמאַלער” באַהעפטונג, אויף אַזאַ בכבודיקן אופן צו באַ־קרוינען. וועלן מיר זיך פרעגן, אין הסכם מיט אונזער פאָרמעל, ווער ס׳וועט זיין די דערגאַנצונג פון אַזאַ סוביעקט? — וועט אין בעסטן פאַל דער ענטפער זיין אַזאַ: די סאַמע מענלעכסטע פרוי, די לעסבירין, די טריבאַדין. און פאַקטיש וועט דידאָזיקע זיין די איינציקע פרוי, וועלכע קאָן צוציען דעם קאַפּויער-סעקסועלן, די איינציקע, וועמען ער וועט געפעלן. וויבאַלד-זשע

אַז „טעראָפּיע” פון דער פאַרקערטער סעקסואַל-עמפינדונג מוז אומבאַדינגט זיין, וויבאַלד אויף איר אָנווענדונג אין געגעבענעם פאַל קאָן מען נישט מוותר זיין, דאַן דאַרף מען, אויפן סמך פון אונזער טעאָריע, דעם קאַפּויערדיקן אַוועקשיקן צו דער קאַפּויערדיקער, דעם האָמאָסעקסואַליסט — צו דער טריבאַדין. דער זין פון דאָזיקן פאָרשלאַג דאַרף נאָר זיין אַזאַ: לייכטער צו מאַכן פאַרביידן דאָס פאָלגן די נאָך היינט אין קראַפט שטייענדיקע (אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך) געזעצן אַנטקעגן די האָמאָסעקסועלע אַקטן; דידאָזיקע געזעצן זענען ממש אַ לעכערלעכקייט, צו וועמעס אָפּשאַפונג ס'וואָלטן אויך דידאָזיקע שורות געוואָלט מיטהעלפן. אין דער צווייטער טייל פון דערדאָזיקער אַרבעט וועלן מיר זיך באַמיען אויפצוקלערן, אַלמאַי די אַקטיווע, ווי די פּאַסיווע ראָל פון אַ מאַנסביל אין האָמאָסעקסועלער פּראָסטיטוציע ווערט געהאַלטן פאַר אַ גרעסערער חרפה, איידער אין די סעקסועלע באַציונגען פון אַ מאַנסביל מיט אַ פרוי. פון עטישן שטאַנדפונקט איז צווישן דידאָזיקעביידע דערשיינונגען — פאַר זיך גענומען — נישט פאַראַן קיין שום נפקא-מינא. נישט קוקנדיק אויף דער היינט באַליבטער פלוידעריי מכוח די פאַרשידענע רעכט פאַר פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, עקזיסטירט פּאָרט פאַר אַלץ, וואָס טראָגט א מענטשלעך פּנים, נאָר איין גלייכע אַלגעמיינע עטיק, פונקט אַזוי ווי ס'איז נאָר פאַראַן איין לאָגיק, און נישט קיין עטלעכע לאָגיקעס. לחלוטין אומווירדיק און סתירהדיק מיט די פּרינציפּן פון שטראָפרעכט, וואָס באַשטראָפט נאָר דאָס פאַרברעכן, אָבער נישט די זינד, איז דאָס פאַרווערן דעם האָמאָסעקסואַליסט זיין אופן פון געשלעכטספאַרקער און דערלויבן די העטעראָסעקסועלע אַקטן, וויבאַלד ביידע שפּילן זיך אָפּ בײַ דער גלייכער אויסמיידונג פון עפנטלעכן פאַרדראָס. לאָגיש וואָלט געווען איינציק און אַליין צו לאָזן די „קאַפּויערדיקע” געפינען באַפרידיקונג דאָרטן, ווי זיי זוכן זי: צווישן איינאַנדער (אויסמיידנדיק דאָ לחלוטין דעם שטאַנדפונקט פון אַ ריינער הומאַניטעט און שטראָף-קאָדעקס, וואָס ווערט אויפגעפּאַסט נישט בלויז אַלס „אָפּשרעקנדיקן” סיסטעם פאַר סאָציאַל-פּעדאַגאָגישע צילן).

דידאָזיקע גאַנצע טעאָריע, זייענדיק דורכויס סתירהלאָז און פאַרמאַכט אין זיך, שיינט אָפּצושפּעגלען אַ מעגלעכקייט צו אַ פולשטענדיק־באַפרידיקנדיקער דערקלערונג פון די אַלע דערשיינונגען. מיר וועלן זיך אָבער ווענדן צו די פאַקטן, וועלכע ס'וועלן וואַרשיינלעך אַרויסשטעלן די קעגנער פון דער טעאָריע; זיי דאַרפן עס כלומרשט אומוואַרפן מיין סיסטעם, וואָס פאַררעכנט דידאָזיקע סעקסועלע „פערווערסיע" צו די סעקסועלע צווישנפאָרמען, ווי אויך דאָס געזעץ גופא פון זייער געשלעכטס-פאַרקער. און באמת, עקזיסטירן בלי-ספק מאַנסבילן — פאַר די פרויען איז די אויבנגעבראַכטע דערקלערונג גאַנץ גענוגנדיק — וועלכע זענען זייער ווייניק פרוייש און אויף וועלכע עס איבן דאָך אויס פערזאָנען פון אייגענעם געשלעכט אַ גאָר שטאַרקע ווירקונג, אַ פיל שטאַרקערע איידער אויף אַנדערע מער ווייבלעכע מענער, אַ ווירקונג לסוף, וועלכע קאָן אָפט שטאַרקער זיין, איידער דער איינדרוק, וועלכן עפּעס אַ פרוי איז בכוח אויסצואיבן אויף יענע מענער. אַלבערט מאָלל זאָגט מיט רעכט: „פאַראַן האָמאָסעקסועלע הערמאַפראָדיטן, וועלכע שפּירן אַ תשוקה צוביידע געשלעכטער, אָבער וועלכע האָבן בײַ יעדן געשלעכט ליב נאָר די טיפּישע אייגנשאַפטן פון דאָזיקן געשלעכט, און פון דער צווייטער זייט זענען פאַראַן אויך אַזעלכע פסיכאָסעקסועלע (?) הערמאַפראָדיטן, וועלכע האָבן אין דעם אָדער אַנדערן געשלעכט נישט ליב זייערע טיפּישע אייגנשאַפטן, און פאַר וועמען זיי זענען גלייכגילטיק, טיילווייז אַפילו אָפּשטויסנדיק". אויפן דאָזיקן אונטערשיד באַציט זיך טאַקע די איבערשריפט פון דאָזיקן קאַפּיטל, וועלכע באַצייכנט דעם חילוק צווישן האָמאָסעקסואַליזם און פעדעראַסטיע. דידאָזיקע פונאַנדערטיילונג לאָזט זיך לייכט באַגרינדן: אַלס האָמאָסעקסואַליסט באַטראַכטן מיר דעמיעניקן טיפּ פון „געשלעכטלעכער פערווערסיע", וועלכער גיט דעם יתרון זייער טעליאידע מענער און זייער אַרענאָידע פרויען; דער פעדעראַסט דערקעגן קאָן זיך ליבן אין זייער מענלעכע מאַנסבילן, אָבער אויך אין זייער ווייבלעכע פרויען; דאָס לעצטע אויך אַזויפיל, אויף וויפל ער איז נישט קיין

פעדערזסט. פונדעסטוועגן וועט די נייגונג צום מענלעכן געשלעכט זיין בא אים שטארקער, איידער צום ווייבלעכן. די פראגע מכוח דער סיבה פון פעדעראסטיע בילדעט א פראָבלעם פאר זיך און בלייבט דורך דאָזיקער פאָרשונג לגמרי נישט דערליידיקט.

---

# קאַפּיטל V.

## כאַראַקטעראָלאָגיע און מאָרפאָלאָגיע.

כּידוע, עקזיסטירט צווישן די פיזישע און פּסיכישע עלעמענטן אַ וואַסער נישט איז קשר, און דערפאַר קאָן מען לכתחילה דערוואַרטן, אַז דער פּרינציפּ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, וועלכער לאָזט זיך ברייט אויפווייזן אונטער מאָרפאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע פאַרהעלטענישן, איז מחויב צו געבן אַזעלכע רייכע רעזולטאַטן אויך אין דער פּסיכאָלאָגיע. געוויס איז פאַראַן אויך אַ פּסיכישער טיפּ פון מאַנסביל און פון דער פרוי (ווייניקסטנס שטעלן די ביזאַהעריקע רעזולטאַטן די אויפגאַבע אויפצוזוכן אַזעלכע טיפּן), טיפּן, וועלכע די ווירקלעכקייט רעאַליזירט קיינמאָל נישט, מחמת זי איז אויסגעפילט מיט אַ רייכער שפע פון סעקסועלע צווישנפאָרמען אַזוי גוט אין גייסטיקער, ווי אין קערפּערלעכער הינזיכט. פאַראַן בכן די בעסטע אויסזיכטן, אַז אונזער פּרינציפּ וועט זיך באַשטעטיקן אויך אויף די גייסטיקע אייגנשאַפטן און באַלייכטן יענעם כאַאָטישן נעפּל, וועלכער פאַרהילט נאָך אַלץ פאַר דער וויסנשאַפט די פּסיכאָלאָגישע אונטערשידן צווישן די איינצלנע מענטשן. דערמיט ווערט געמאַכט אַ טריט פאָרויס אין זין פון אַ דיפערענצירטער אויפפאַסונג אויך פון גייסטיקן מהות פון יעדן מענטש; מחמת וויסנשאַפטלעך וועט מען שוין מער נישט רעדן וועגן אַן אומבאַדינגט מענלעכן אָדער ווייבלעכן כאַראַקטער פון אַ געוויסער פּערזאָן, נאָר מ׳וועט לייגן אַכט און פרעגן וועגן דעם, וויפל מאַנסבילן און וויפל פרוי עס שטעקט אין אַ געוויסן אינדיווידו? האָט ער, אָדער האָט זי פון געגעבענעם אינדיווידו דאָס אָדער יענץ געטון, געזאָגט, געטראַכט? אַן אינדיווידואַליזירנדיקע באַשרייבונג פון אַלע מענטשן און פון אַלעם מענטשלעכן ווערט דערמיט פאַרלייכטערט. דער נייער מעטאָד פאַלט זיך צונויף

מיט דער אין אַריינפיר אַנגעוויזענער אַנטוויקלונגס-ריכטונג פון דער גאַנצער פאָרשונג: איטלעכע דערקענטעניש, אַרויסגייענדיק פון מיטל-אַלגעמיינע באַגריפן, שפּרייט זיך פונאַנדער אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען — און נישט בלויז אין דער זייט פון די אַלגעמיינסטע באַגריפן, נאָר צו דער סאַמע איינצלסטער, אינדיווידועלסטער דערשיינונג. דערויף איז באַגרינדעט די האָפענונג, אַז דער פּרינציפּ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען וועט דינען אַלס די שטאַרקסטע שטיצע פאַר דער נאָכנישט געלייזטער וויסנשאַפטלעכער אויפגאַבע פון אַ כאַראַקטעראָלאָגיע. דער פּרוּוו אויפצוהייבן מעטאָדיש דעמדאָזיקן פּרינציפּ צו דער מדרגה פון אַ העוריסטישן גרונטגעזעץ אין דער „פּסיכאָלאָגיע פון די אינדיווידועלע חילוקים" אָדער „דיפערענציעלער פּסיכאָלאָגיע" דאַרף מהאי טעמא זיין באַרעכטיקט. די אָנווענדונג פונם פּרינציפּ לגבי די אויפגאַבן פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע — דאָסדאָזיקע ביזאהער כמעט אויסשליסלעך דורך ליטעראַטן צעאַקערטע, וויסנשאַפטלעך נאָך גאַנץ פאַרוואָרלאָזטע פעלד — דאַרף מען אפשר נאָך מיט גרעסערער פרייד באַגריסן, מחמת ער איז אוממיטלבאַר נוגע אַלע כמותדיקע דערשיינונגס-שטופן; דאַרף מען דאָך אַפילו אין דער פּסיכאָלאָגיע נישט מורא האָבן אָפּצוזוכן דעם פּראָצענט-אַנטהאַלט פון די עלעמענטן מ. און פ., וועלכע עס באַזיצט יעדער אינדיוויד. די אויפגאַבע וועט נאָכנישט געלייזט מיטן אַנאַטאָמישן ענטפער אויף דער פראַגע מכוח דער סעקסועלער שטעלונג פון אַן אָרגאַניזם צווישן מענסביל און פרוי און פאָדערט נאָך אין אַלגעמיין אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג, ווען אַפילו מ'זאָל אין ספּעציעלע פאַלן באַמערקן מער אַנאַטאָמישע ענלעכקייטן אָדער אונטערשידן אין סעקסועלער הינזיכט. די ריכטיקייט פון דעראָזיקער באַהויפּטונג דרינגט אַרויס שוין פון די אויספירן פון צווייטן קאַפּיטל מכוח די אונטערשידן אין דעם גראַד מענלעכקייט אָדער פרוישקייט פון די איינצלנע קערפּערלעכע טיילן און אייגנשאַפטן פון איין און דעמזעלביקן אינדיוויד.

דאָס צוזאַמענזיין פון מענ.עכן און ווייבלעכן אין זעלביקן מענטש דאַרף מען דערביי נישט פאַרשטיין אַלס פו.שטענדיקע אָדער כמעטלעכע איינצייטיקייט פון דעם און אַנדערן

עלעמענט. דאָ איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק צוצוגעבן איין באַמערקונג, וועלכע איז נישט בלויז אַן אויפקלערערישע אָנווייזונג פאַר דער ריכטיקער פסיכאָלאָגישער אָנווענדונג פון פרינציפ, נייערט אויך אַ באַדייטונגספולע דערגאַנצונג פון די פריערדיקע אויספירונגען.

יעדער מענטש וואַקלט זיך אָדער אָסצילירט צווישן מאַנסביל און פרוי אין אַהין און אַהער. מעגן די וואַקלענישן זיין ביי איינעם אומנאָרמאַל גרויס, באַ דעם אַנדערן כמעט אומבאַמערקלעך קליין, קומען זיי פונדעסטוועגן תמיד פאָר און אַנטפלעקן זיך, וויבאַלד זיי זענען באַדייטנדיקע, אויך דורך דער ענדערונג פון קערפערלעכן אויסזען פון די געגעבענע פערזאָנען. דידאָזיקע וואַקלענישן פון דער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק צעפאַלן זיך, ענלעך צו די וואַקלענישן פון ערד-מאַגנעטיזם, אויף רעגלמעסיקע און אומרעגלמעסיקע. די רעגלמעסיקע זענען קליינע וואַקלענישן, צ. ב. טייל מענטשן פילן זיך אין אָוונט מענלעכער, איידער אינדערפרי; אָדער זיי געהערן צום געביט פון גרעסערע און גרויסע פעריאָדן פון אָרגאַנישן לעבן, אויף וועלכע מ'האָט ערשט קוים אָנגעהויבן צו ווערן אויפמערקזאַם, און וועמעס אויספאָרשונג ס'איז מחויב צו וואַרפן אַ ליכט אויף אַ נאָך אומפאָרויסגעזעענער מענגע פון דערשיינונגען. די אומרעגלמעסיקע וואַקלענישן ווערן וואַרשיינלעך אַרויסגערופן דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן, און קודם-כל דורך דעם סעקסועלן כאַראַקטער פון דער אַרומיקער סביבה. זיי זענען געוויס טיילווייז מחייב יענע מערקווירדיקע דערשיינונגען, וועלכע שפילן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָליע אין דער פסיכאָלאָגיע פון המון, הגם מ'האָט זיי ביזאַהער נישט געשענקט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט. קורץ, די ביסעקסואַליטעט אַנטפלעקט זיך פסיכאָלאָגיש נישט אין איין מאָמענט, נאָר אין אַ גאַנצער ריי נאָכאַנאַנד מאָמענטן, דערביי איז אַלציינס, צי דערדאָזיקער צייטלעכער חילוק פון דער סעקסועלער כאַראַקטעריסטיק פאַלט אַרונטער דעם געזעץ פון פעריאָדישקייט אָדער נישט, צי די אָפנויגן אין דער זייט פון איין געשלעכט האָבן אַנדערע אַמפליטודן איידער די וואַקלענישן אין דער זייט

פון צנדערן געשלעכט, אָדער צי איז דער וואַקל-בויגן פון דער מענלעכער פאַזע פונקט אַזאַ ווי פון דער ווייבלעכער פאַזע; (דער לעצטער פאַל איז לגמרי נישט קיין נויטווענדיקער, פאַרקערט, ער איז נאָר איינער צווישן אומצייליקע, גלייך מעגלעכע פאַלן).

מען קאָן בכן שוין פרינציפּיעל, נישט דורכפירנדיק קיין שום פרווו, מודה זיין, אַז דער פרינציפּ פון סעקסועלע צווישנפאָרמען דערמעגלעכט אַ בעסערע כאַראַקטעראָלאָגישע באַשרייבונג פון די אינדיווידן, מחמת ער פאָדערט אויף אָפּצוזוכן דאָס פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש פון מענלעכן און ווייבלעכן עלעמענט אין יעדן איינצלנעם אינדיווידן, און צו באַשטימען דעם אמפּליטוד פון די וואַקלונגען, צו וועלכן עמיץ איז אויף ביידע זייטן פעיק. מיר זענען אָבער צוגעקומען צו אַ פראַגע, וועלכע פאָדערט אַ באַלדיקע אָנטשיידונג, מחמת דערפון איז כמעט איינגאַנצן אָפּהענגיק דער גאַנג פון דער ווייטערדיקער אונטערזוכונג. די פראַגע באַשטייט דערין, צי דאַרף דידאַקטישע אונטערזוכונג קודם-כל אויסמעסטן דאָס רייכע געביט פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, די גאַנצע סעקסועלע פילערלייקייט אין דער גייסטיקער ספערע און דערגרייכן אין באַזונדערס נויטיקע פונקטן צו אַ מעגלעכסט גענויער באַשטימונג פון די פאַרהעלטענישן, אָדער זי זאָל נעמען פעסטשטעלן די סעקסועלע טיפּן, פאַרענדיקן די פּסיכאָלאָגישע קאָנסטרוקציע פון „אידעאַלן מאַנסביל" און פון דער „אידעאַלער פרוי", איידער מיר וועלן אונטערזוכן in concreto די פאַרשידענע מעגלעכקייטן פון זייער עמפּירישער פאַרייניקונג און איידער מיר וועלן אויספאָרשן, אויף וויפל די אויפן דעדוקציע וועג דערהאַלטענע בילדער אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט. דער ערשטער וועג פאַלט זיך צונויף מיט דער פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונג, וועלכע עס נעמט תמיד אָן, לויט דער אַלגעמיינער אָנשויונג, דער לויף פון אונזערע געדאַנקען, מחמת די אידעען נעמען זיך פון דער ווירקלעכקייט, און די סעקסועלע טיפּן קאָנען געשעפּט ווערן נאָר פון דער אַליין רעאַלער סעקסועלער פילערלייקייט: דאָס וואָלט געווען דער אינדוקטיווער, אַנאַליטישער מעטאָד. דער צווייטער וועג וואָלט געהאַט

דעם יתרון לגבי דעם ערשטן מיט זיין פאָרמעל לאָגישער שטרענגקייט: ער וואָלט געווען דעדוקטיוו-סינטעטיש.

כ׳האָב זיך נישט באַנוצט מיטן צווייטן מעטאָד מחמת דעם, וואָס יעדער קאָן לייכט און גאַנץ זעלבשטענדיק אָנווענדן די צוויי שוין דעפינירטע טיפּן אויף דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, צו ברענגען אין איינקלאַנג טעאָריע און פּראַקטיק. אַחוצדעם (אַפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען דעם היסטאָריש-ביאָגראַפישן אופן פון אונטערזוכונג, וועלכער ליגט אַגב מחוץ דער קאָמפּעטענץ פון מחבר) וואָלט מען געדאַרפט כסדר אויפסניי איבערחזרן דאָס געזאָגטע, און אַריינלאָזנדיק זיך אַזוינאָך אין פּרטים וואָלטן מיר פאַר דער טעאָריע גאָרנישט געווינען, וועקנדיק דעם גאַנצן אינטערעס לטובת די איינצלנע אינדיווידן. דער ערשטער אינדוקטיווער וועג איז אויך נישט אָנווענדבאַר, מחמת אין דאָזיקן פאַל וואָלט די מענגע איבערחזרונגען אויסגעפאַלן אויף דעם דאָזיקער טייל, וועלכע דאַרף אַפּוויקלען די טאַבעל פון די טיפּישע סעקסועלע קעגנזאַצן, דערביי וואָלט דער צוגרייטנדיקער שטודיום פון די סעקסועלע צווישנשטופן און די מיט אים פאַרבונדענע פּרעפּאַראַציע פון די טיפּן געווען פאַרן לייענער לאַנגווייליק און אומנוציק.

מ׳האָט בכן געדאַרפט דורכפירן די איינטיילונג פון מיין אַרבעט פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט.

היות ווי די מאָרפאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע דערפאָרשונג פון די סעקסועלע עקסטרעמען איז נישט געווען מיין אויפגאַבע, האָב איך נאָר דאָ באַהאַנדלט דעם פּרינציפּ פון די צווישנפאָרמען פון אַלע זייטן, ווי ער האָט אויסגעוויזן צו קאָנען ברענגען עפּעס אַן אויפקלערונג, ובכן אויך פון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. אַזוי־ערנאָך האָט די פאָרליגנדיקע אַרבעט אויך באַקומען איר געשטאַלט. די אויבנדערמאָנטע באַטראַכטונג פון די צווישנשטופן בילדעט איר ערשטע טייל, בשעת די צווייטע באַמיט זיך וואָס מעגלעך ברייטער און טיפער צו געבן דעם ריין־פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון מ. און פ. די קאָנקרעטע פאַלן אָבער קאָן יעדער צונויפשטעלן זעלבשטענדיק, אָנווענדנדיק און פאַרגלייכנדיק זיי מיט די דאָרט דערוואָרבענע רעזולטאַטן און באַגריפן.

דידאָזיקע צווייטע טייל וועט זיך נאָר זייער ווייניק שטיצן אויף די באַקאַנטע און גאַנגבאַרע מיינונגען וועגן די גייסטיקע אונטערשידן צווישן די געשלעכטער. דאָ פונדעסטוועגן וויל איך נאָר (בלויז פון פולשטענדיקייטס וועגן, נישט צושרייבנדיק דער זאַך קיין באַזונדערע חשיבות) בקיצור פאָרשטעלן עטלעכע פונקטן פון פסיכישן לעבן פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, פונקטן, וועלכע זאָלן בולטער מאַכן אין עטלעכע מאָדיפיקאַציעס בלויז געוויסע אַלגעמיין באַקאַנטע אייגנטימלעכקייטן, וועלכע קאָנען נאָך דאָ נישט אַרונטערגעצויגן ווערן אונטער קיין נעענטערן אַנאַליז.

ווייבלעכע מאַנסבילן האָבן אָפט אַן אומגעוויינלעך שטאַרקע באַדערפעניש חתונה צו האָבן, מעגן זיי (כ'דערמאָן אָן דעם, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטייענישן) זיין מאַטעריעל ווי גלענצנדיק אַוועקגעשטעלט. זיי זענען עס טאַקע די, וואָס קוים קאָנען זיי נאָר, האָבן זיי כמעט תמיד זייער יונג חתונה. זיי האָבן באַזונדערס הנאה, ווייבאַלד זיי קאָנען האָבן פאַר אַ ווייב עפעס אַ באַרימטע פרוי, אַ דיכטערין אָדער מאָלערין, אַ זינגערין, אָדער אַקטריסע.

ווייבלעכע מאַנסבילן זענען, אין הסכם מיט זייער ווייבלעכקייט, אויך קערפערלעך אייטלער, איידער אַנדערע מענער. פאַראַן אויך „מענער”, וועלכע גייען אַרויס אויפן שפּאַציר, כדי צו פילן, ווי מען באַוואונדערט זייער אויסערלעכקייט — זייער פנים מיט די פרוישע שטריכן, וועלכעס פאַרראַט על-פי-רוב דעם מיין פון זיין בעל-הבית — און קערן זיך דערנאָך אום באַפרידיקטע אַהיים, דער פראָטאָטיפ פון אַזעלכע מאַנסבילן איז געווען נאַרציז. אַזעלכע פערזאָנען זאָרגן אויסערגעוויינלעך וועגן פריזור, קליידונג, שוכוואַרג, וועש. זיי זאָרגן זיך וועגן דער מאָמענטאַנער האַלטונג פון זייער פיגור, וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זעען אויס יעדן טאָג, וועגן די קלענסטע פרטים פון זייער טואַלעט, זיי באַמערקן יעדן צופעליק געפאַלענעם בליק פון אַ דורכגייער און אָפט זענען זיי פונקט ווי פרויען קאָקעטיש אין גאַנג און אין די זשעסטן. דערקעגן באַ דער Virago (מענלעכער פרוי) באַמערקט זיך אָפט אַ פולע פאַרוואָרלאָזונג פון טואַלעט און מאַנגל פון קערפער-פלעגע: זי ווערט

מיטן אָנטון פיל שנעלער פּאַרטיק, איידער וועלכער ס'איז וויב-
לעכער מאַנסביל. דאָס גאַנצע „פּראַנטישקייט", ווי אויך טיילווייז
די פרויען-עמאַנציפּאַציע, שטאַמט פון דער איצטיקער פאַרמערונג
פון די הערמאַפראָדיטן; דאָס אַלץ איז מער, איידער אַ „בלויזע
מאָדע". מ'קאָן זיך תמיד פרעגן, אַ ל מ א י אַ געוויסע
זאַך גייט אַריין אין דער מאָדע, און ס'איז בכלל פאַראַן פיל
וויניקער „בלויזע מאָדע", איידער עס מיינט דער צושויער מיטן
א ו י ב ע ר פ ל ע כ ל ע ך קריטישן בליק.

וואָס מער אַ פרוי באַזיצט דעם עלעמענט פ. אַלץ ווי-
ניקער וועט זי פ אַ ר ש ט ײ ן דעם מאַנסביל, אַלץ שטאַרקער
פונדעסטוועגן וועט ער אויף איר ו י ר ק ן מיט זיינע גע-
שלעכטלעכע אייגנטימלעכקייטן, אַלץ מער איינדרוק וועט ער
אויף איר אויסאיבן אַלס מ אַ נ ס ב י ל. דאָס איז נישט בלויז
פאַרשטענדלעך אויפן סמך פון דעם דערמאָנטן געזעץ פון סעק-
סועלער צוציונג, נאָר עס האָט אויך זיין מקור דערין, וואָס
די פרוי וועט אַלץ גיכער זיין בכוח צו באַנעמען איר היפּך,
וואָס ריינער ס'איז אין איר אויסגעדריקט די ווייבלעכקייט.
פאַרקערט, וואָס מער אַ מאַנסביל האָט פון עלעמענט מ. אַלץ
וויניקער וועט ער פעיק זיין צו פאַרשטיין פ, אָבער אַלץ בול-
טער וועט ער זיך פאָרשטעלן די פרוי אין איר אינערלעכן
מהות, איר ספּעציפישע ווייבלעכקייט. די אַזויגערופענע „פרויען-
קענערס", זענען על-פי-רוב אַליין „פרויען". ווייבלעכע מאַנסבילן
קאָנען זיך זייער אָפט בעסער באַגיין מיט פרויען, איידער פולע
מאַנסבילן, וועלכע לערנען זיך דאָס ערשט אויס נאָך לאַנגע
דערפאַרונגען, אָדער ס'רוב גאָר קיינמאָל נישט.

צו דידאַזיקע אילוסטראַציעס, וועלכע ווייזן אָנשוילעך• די
אָנווענדבאַרקייט פון אונזער פרינציפּ אין דער כאַראַקטעראָלאָגיע,
צו די ביישפילן, וועלכע זענען געשעפּט געוואָרן פון דער
ט ר י ו י אַ ל ע ר ספערע פון די טערציערע געשלעכטס-שטריכן,
וויל איך נאָך צוגעבן עטלעכע נאָענט ליגנדיקע באַמערקונגען,
וועלכע שיינען צו זיין נוצלעך פאַר דער פעדאַגאָגיק. איך מיין,
אַז די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון דידאָזיקע און אַנדערע פאַקטן,
וועלכע האָבן אַ געמיינזאַמען יסוד, וואָלט געדאַרפט האָבן אַ
גרויסע פעולה א ו י ף ד ע ר א י נ ד י ו י ד ו אַ ל י ז אַ צ י ע

פון דער דערציונג יעדער שוסטער, וועלכער נעמט אַראָפּ אַ מאָס פון פוס, קען זיך בעסער אויף דער אינדיווידואַליזאַציע, איידער די הייַנטיקע פּעדאַגאָגן אין שול און היים, וועלכע קאָנען נישט דערגיין צום לעבעדיקן באַוווסטזיין פון דאָזיקן מאָראַלישן חוב. מחמת ביז איצטער דערציט מען די סעקסועלע צווישנפאָרמען (באַזונדערס צווישן די פרויען) אין זינען פון אַ מעגלעכסט עקסטרעמער דערנענטערונג צום מאַנסבילשן אָדער ווייבלעכן אידעאַל; מ׳פירט דורך אַ גייסטיקע אָרטאָפּעדיע, אַ טאָרטור אין דער פולסטער באַדייטונג פון וואָרט. אָבער דערמיט ווערט נישט בלויז פאַרקלענערט די פילערלייקייט אין דער נאַטור, נאָר מען פאַרניכטעט נאָך פיל שפּראָצלעך, וואָס וואָלטן געקאָנט שלאָגן וואָרצלען, אַנדערע קרומט מען אויס מיט אומנאַטירלעכער לאַגע, מען האָדעוועט געקינצלטקייט און פאַרקריפּלטקייט.

אַ לאַנגע צייט האָט די דערציונג געווירקט אוניפאָרמירנדיק אויף אַלץ, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט מענלעכע אָדער ווייבלעכע געשלעכטס-אָרגאַנען. גאָר פרי פּאַקט מען אַרויף אויף די „יונגלעך" און מיידלעך פאַרשידענע מלבושים, מ׳לערנט זיי באַזונדערע שפּילערייען, מ׳ווענדט אויף זיי אָן אַ פולשטענדיק פאַרשידענעם עלעמענטאַר-אונטעריכט, אַלע אָן אויסנאַם מיידלעך לערנט מען האַנטאַרבעט א. א. וו. א. וו. די אַלע צווישנפאָרמען קומען דאָ נישט אין חשבון. אָבער ווי מעכטיק עס זענען די אינסטינקטן, די „דעטערמינאַנטן" פון זייערע איינגעבוירענע נטיות, אין אַזעלכע באַעוולטע וועזנס, ווייזט זיך אָפט אַרויס שוין פאַרן פּעריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט: פאַראַן יונגלעך, וועלכע שפּילן זיך זייער גערן מיט ליאַלקעס, לערנען זיך אויס בײַ זייערע שוועסטערן נייען און העפטן, האָבן ליב אָנצוטון מיידלשע קליידער און מיט פאַרגעניגן רופן זיי זיך אָן מיט אַ ווייבלעכן נאָמען; פאַראַן ווידער מיידלעך, וועלכע מישן זיך צווישן יונגלעך, נעמען אָנטייל אין זייערע ווילדסטע שפּילן און ווערן אָפט אויך דורך זיי טראַקטירט פּונקט ווי זייערסגלייכן, „חבריש". אָבער די אונטערדריקטע דורך דערציונג נאַטור טרעט אַרויס אויף דער ליכטשיין צוזאַמען מיט דער געשלעכטלעכער רייפ-

קייט. מענלעכע פרויען שערן זיך קורץ די האָר, האָבן ליבער צו טראָגן פראַקטיקע מלבושים, שטודירן, טרינקען, רויכערן, קלעטערן אויף די בערג, ווערן ליידנשאַפטלעכע יעגערינס; ווייבלעכע מאַנסבילן פאַרלאָזן לאַנגע האָר, טראָגן בליוזעס, ווייזן אַרויס פיל פאַרשטענדעניש פאַר די טואַלעט-עניינים פון פרויען, מיט וועלכע זיי זענען אימשטאַנד מיט גלייכן אינטערעס צו פירן חברישע שמועסן; זיי טרוימען טאַקע אָפט וועגן פריינטשאַפטלעכן פאַרקער צווישן די ביידע געשלעכטער, למשל, ווייבערישע סטודענטן וועגן „קאָלעגיאַלע באַציונגען" מיט די סטודענטינס א. א. וו.

אונטער דעם דרוק פון דער ניוועלירנדיקער דערציונג ליידן צוגלייך יונגלעך און מיידלעך. די ערשטע, אדאַנק דער שאַבלאָניזירונג פון די זייטן, די לעצטע, צוליב זייער שפּעטערדיקער משועבדקייט צו דיזעלביקע געזעץ-פאָרשריפטן. כ'האָב מורא, אַז מיין פאָדערונג בנוגע די מיידלעך וועט אָנטרעפן אויף אַ פיל פאַסיווערן ווידערשטאַנד אין די מוחות, איידער בנוגע די יונגלעך. דאָ דאַרף מען זיך קודם-כל גרינטלעך איבערצייגן אין דער גענצלעכער פאַלשקייט פון דער ווייט פאַרשפרייטער, דורך מעכטיקע אויטאָריטעטן אונטערגעשטיצטער און אייביק איבערגעחזרטער מיינונג וועגן דער גלייכקייט פון אַלע „פרויען" („נישט פאַראַן קיין שום אונטערשיד, קיין שום אינדיווידואַליזאַציע צווישן פרויען; ווער עס קען איינע, קען אַלע"). אמת צווישן די אינדיווידן, וועלכע שטייען נענטער צ. פ. איידער צו מ. (צווישן „פרויען") זענען כלל נישט פאַראַן אַזויפיל אונטערשידן און מעגלעכקייטן, ווי צווישן די איבעריקע — די גרעסערע פילערלייקייט צווישן די „זכרים" איז אַן אַלגעמיינער פאַקט נישט בלויז בא מענטשן, נאָר אויך אין גאַנצן זאָאָלאָגישן קיניגרייך, וואָס איז באַזונדערס געגוי באַאַרבעט געוואָרן דורך דאַרווין. דאָך זענען אויך צווישן פ. פאַראַן גענוג אונטערשידן. דער פסיכאָלאָגישער געגעזיס פון דערדאָזיקער פאַלשער מיינונג דערקלערט זיך על-פי-רוב דורכדעם, וואָס יעדער מאַנסביל (זע קאַפּ. III) באַקענט אין זיין לעבן אויף אַן אינטימערן אופן בלויז אַ באַש-

זימטע גרופע פון פרויען, וועלכע האָבן, נאַטירלעכערווייז, פיל עמיינזאַמע שטריכן צווישן זיך. אָפטמאָל הערט מען אויך פון פרויען, צוליב דער זעלביקער סיבה און מיט נאָך ווייניקער גרונט: „די מענער זענען איינער ווי דער אַנדערער". דערמיט דערקלערן זיך, מילד גערעדט, די דרייסטע באַהויפּטונגען פון פיל פרויען־רעכטלעריננס וועגן דעם מאַנסביל, בנוגע זיין כלומרשט־אומריכטיקער העכערקייט. דאָס דערקלערט זיך טאַקע דורכדעם, סאַראַ מאַנגספערשוינען זיי איז גראָד אויסגעקומען קענען צו לערנען.

אין די פאַרשידענע שטופן פון באַזאַמענזיין פון די עלעמענטן מ. און פ. אין איין אָרגאַניזם, נעמלעך דאָרטן, וווּ מיר האָבן געפונען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דער גאַנצער וויסנשאַפט־לעכער כאַראַקטעראָלאָגיע, זע איך אַ גאָר וויכטיקן פאַקט פאַר דער ספּעציעלער פּעדאַגאָגיק.

די כאַראַקטעראָלאָגיע פאַרהאַלט זיך לגבי דער פּסיכאָלאָגיע — וועלכע אָנערקענט אייגנטלעך בלויז די פּסיכאָלאָגישע „אַקטואַליטעטס־טעאָריע" — ווי די אַנאַטאָמיע לגבי דער פיזיאָלאָגיע. נאָר היות ווי זי וועט תמיד בלייבן אַ טעאָרעטישע און פּראַקטישע באַדערפעניש, איז נויטווענדיק, אומאָפּהענגיק פון איר דערקענטעניש־טעאָרעטישע יסודות און איר אָפּגרעניצונג פון דעם געגנשטאַנד פון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע, צו פאָרשן די פּסיכאָלאָגיע פון די אינדיווידועלע דיפערענצן. ווער ס'איז אַן אָנהענגער פון דער טעאָריע פון פּסיכאָפיזישן פּאַראַלעליזם, דער וועט איינשטימען מיט די פּרינציפּיעלע הנחות פון אונזער ביזאַהעריקער באַהאַנדלונג, אַז היות ווי די פּסיכאָלאָגיע אין ענגערן זינען און די פיזיאָלאָגיע (פון צענטראַלן נערוון־סיסטעם) זענען פאַר אים פּאַראַלעלע וויסנשאַפטן, אַזוי מוז אויך די כאַראַקטעראָלאָגיע האָבן פאַר אַ שוועסטער די מאָרפאָלאָגיע. און אינדעראמתן, פון דער פאַרבינדונג פון אַנאַטאָמיע און כאַראַקטעראָלאָגיע, פון זייער קעגנזייטיקער אָנרעגונג, דאַרף מען דערוואַרטן גרויסע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט. אין דערזעלביקער צייט וועט דערדאָזיקער קשר געבן אין די הענט פון דער פּסיכאָלאָגישער דיאַג-

נאָסטיק, וועלכע איז אַ נויטווענדיקער תּנאַי פֿון יעדער אינדיווידואַליזירנדיקער פּעדאַגאָגיק, אומשאַצבאַרע הילפֿסמיטלען. דער פּרינציפּ פֿון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, און נאָכמער דער מעטאָד פֿון מאָרפאָלאָגיש-כאַראַקטעראָלאָגישן פּאַראַלעליזם אין זיין ברייטער אָנווענדונג עפֿנט אונז דעם אויסבליק אויף יענער צייט, ווען ס'וועט געלייזט ווערן די אויפֿגאַבע, וועלכע פֿלעגט תּמיד צוציען אַזעלכע באַדייטנדיקע גייסטער און איז דאָך פֿאַרבליבן אומגעלייזט, ווען די פֿיזיאָנאָמיק וועט לסוף קאָנען דערגרייכן דעם כּבֿוד פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער דיסציפּלין.

די פֿראַגע פֿון דער פֿיזיאָנאָמיק שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם פּראָבלעם פֿון אַ שטענדיקער משועבדקייט פֿון רועדיקן פּסיכישן צום רועדיקן קערפּערלעכן, פּונקט אַזוי ווי דער פּראָבלעם פֿון פֿיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע באַשטייט אין דער געזעצמעסיקער משועבדקייט פֿון באַוועגטן פּסיכישן צום באַוועגטן קערפּערלעכן (מיר רעדן נישט דערבײַ וועגן קיין ספּעציעלער מעכאַניק פֿון די נערוון-פּראָצעסן). דער ערשטער איז אין אַ געוויסער מאָס סטאַטיש, דער צווייטער גיכער ריין דינאַמיש. פּרינציפּיעל אָבער האָבן זיי ביידע מער אָדער ווייניקער גלייכע באַרעכטיקונג. עס איז בכן אין מעטאָדישער ווי אין זאַכלעכער הינזיכט אַ גרויסע עוולה צו באַטראַכטן די באַשעפֿטיקונג פֿון דער פֿיזיאָנאָמיק, מחמת אירע אומגעהויערע שוועריקייטן, פֿאַר אַזאַ אומסאָלידער עובֿדא, ווי דאָס געשעט יעצט — מער אומבאַוווסטזיניק, איידער באַוווסטזיניק — אין די וויסנשאַפֿטלעכע קרייזן און ווי דאָס האָט פּאַסירט, למשל מיט די דורך מעביוסן באַנייטע גאַלס פּרוּוון אויסצוגעפֿינען די פֿיזיאָנאָמיע פֿון דעם געבוירענעם מאַטעמאַטיקער. ווײַבאַלד ס'איז מעגלעך לויט דער אויסערלעכקייט פֿון אַ מענטש, וועלכן מ'האָט נישט געקענט, צו זאָגן זייער פֿיל ריכטיקס וועגן זיין כאַראַקטער בלויז אויפֿן סמך פֿון אַן אוממיטלבאַרן איינדרוק — און פֿאַראַן מענטשן, וועלכע באַזיצן דידאָזיקע פֿעיִקייט אין אַ הויכן גראַד — דאַרף מען נישט באַטראַכטן פֿאַר קיין אוממעגלעכע זאַך דאָס שאַפֿן אויפֿן דאָזיקן געביט אַ וויסנשאַפֿטלעכן סיסטעם. עס האַנדלט זיך בלויז אין דער באַגריפֿלעכער

אויפקלערונג פון געוויסע שטאַרקע געפילן, (גראָב זיך אויס-רריקנדיק) אין דעם דורכלייגן אַ קאַבעל צו דעם שפּראַך-צענטער; נאָר אַזאַ אויפגאַבע איז, וואָס אַן אמת, אַ גאָר שווערע.

איבריקנס, וועט נאָך לאַנג דויערן, ביז די אָפיציעלע וויסנשאַפט וועט אויפהערן צו באַטראַכטן די באַשעפטיקונג מיט דער פיזיאָנאָמיק אַלס עפּעס אוממאָראַליש. מען מעג זיין אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון פסיכאָפיזישן פּאַראַלעליזם און פאָרט צו האַלטן די פיזיאָנאָמיסטן פאַר פאַרלוירענע מענטשן, פאַר שאַרלאַטאַנעס, ווי דאָס איז געשען נאָך גאָר נישט לאַנג מיט די פאָרשער אויפן היפּנאָטישן געביט; הגם ס'איז נישט פאַראַן קיין מענטש, וועלכער זאָל אומבאַוווסטזיניק נישט זיין קיין פיזיאָנאָמיקער, נישטאָ קיין באַדייטנדיקער מאַן, וועלכער זאָל עס נישט זיין באַוווסטזיניק. מיט דעם ווערטל: „דאָס זעט מען אים אָן דער נאָז אָן” באַנוצן זיך אויך מענטשן, וועלכע האַלטן כלל נישט די פיזיאָנאָמיק פאַר קיין וויסנשאַפט, און דאָס בילד פון אַ באַדייטנדיקער פערזענלעכקייט, ווי אויך די פאָטאָגראַפיע פון אַ מערדער, אינטערעסירט גאָר שטאַרק אויך די אַלע, וועלכע האבן אפילו דאָס וואָרט, „פיזיאָנאָמיק” קיינמאָל נישט געהערט.

אין דער איצטיקער צייט, בעת די ליטעראַטור איז ממש פאַרפלייצט מיט די פאַרהעלטענישן פון פסיכישן צום פיזישן, בעת דער לאָזונג פון אַ קלייניקער אָבער דרייסטער און אַלץ וואַקסנדיקער מחנה „קאָנגזייטיקע ווירקונג”! ווערט אַנטקעגנגע-שטעלט דעם אַנדערן לאָזונג פון אַ קאָמפּאַקטער מערהייט: „פּסיכאָלאָגישער פּאַראַלעליזם”! — וואָלט געווען אַ נוצלעכע זאַך צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף די דערמאָנטע פאַר-העלטענישן, מען וואָלט זיך דאַן, אמת, געדאַרפט שטעלן די פראַגע, צי איז נישט די הנחה פון אַן אַנט-שפּרעכנדיקייט צווישן פסיכישע און פיזישע דערשיינונגען — אַ ביזאַהער פאַרזעענע אַפּריאָרישע, סינטעטישע פונקציע פון אונזער דענקען; מיר לכל-הפחות ווייזט זיך אויס וואָרשיינלעך, אַז יעדער מענטש אָנערקענט די פיזיאָנאָמיק, אָנווענדנדיק

זי אומאָפּהענגיק פון וועלכער ס׳איז דערפאַרונג. הגם קאַנט האָט נישט באַמערקט דעמדאָזיקן פאַקט, באַשטעטיקט דאָס פונדעסטוועגן די ריכטיקייט פון זיין אויפפאַסונג, אַז דאָס פאַרהעלטעניש פון די פסיכישע צו די גייסטיקע דערשיי־נונגען לאָזט זיך ווייטער וויסנשאַפטלעך נישט דערווייזן. דער פּרינציפּ פון אַ געזעצמעסיקן קשר פון פסיכישן מיטן חומרדיקן מוז דעריבער אַלס פאָרשונגס־יסוד העוריסטיש אַקצעפּטירט ווערן, און דער מעטאַפיזיק און רעליגיע שטייט פאָר אויסצוגעפינען נאָך נעענטערע באַשטימונגען בנוגע דעם כאַראַקטער פון דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, וועמעס פאַק־טישע מציאות איז אַפּריאָרי באַקאַנט איט־לעכן מענטש.

אַלצאיינס, צי מ׳וועט צונויפבינדן די כאַראַקטעראָלאָגיע מיט דער מאָרפאָלאָגיע, אָדער נישט, וואָלט פאַר איר גופא, ווי אויך פאַרן רעזולטאַט פון ביידנס קאָאָרדינירטן שטודיום, פאַר דער פיזיאָגנאָמיק, זייער וויכטיק געווען צו אָנערקענען, אַז די כמעט לגמרדיקע פרוכטלאָזיקייט פון די ביזאַהעריקע פרווון צו באַגרינדן דידאָזיקע וויסנשאַפטס־צווייגן וואָרצלט טיף אין דער טבע גופא פון אַזאַ שווערער אונטערנעמונג, און אַז אויך דעם דוחק אין אַ געהעריקן מעטאָד דאַרף מען צושרייבן צו די סיבות פון דערדאָזיקער דערפאָלגלאָזיקייט. די הנחה, וועלכע איך אַנטוויקל און שלאָג שפּעטער פאָר במקום אַזאַ מעטאָד, איז געוועזן מיין טרייער וועגווייזער דורך פיל לאַבירינטן; נישט וועלנדיק זוימען מער, שטעל איך זי פאָר דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג.

טייל מענטשן האָבן ליב הינט אוןליידן נישט קיין קעץ, אַנדערע קוקן זיך גערן צו צום שפּיל פון די קעצלעך, און ׳ער הונט איז פאַר זיי אַן עקלהאַפטע חיה. לגבי אַזעלכע דער־שיינונגען פלעגט מען זיין, און מיט פיל רעכט, זייער שטאָלץ, וואָס מ׳האָט די געלעגנהייט צו שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס האָט איינער ליבער קעץ, און דער אַנדערער—הינט? פאַרוואָס פאַרוואָס?

אָבער דאָס אַוועקשטעלן דידאָזיקע פראַגע ווייזט זיך מיר גראָד דאָ אויס אַמווייניקסטן פרוכטבאַר. איך האַלט נישט, אַז

*יום*, און בפרט *מאך*, זענען גערעכט געווען, ווען זיי האָבן נישט אָנערקענט קיין באַזונדערן אונטערשיד צווישן *גלייכצייטיקער* און *נאָכאַנאַנדעריקער* קויזאַליטעט. געוויסע אומצווייפלהאַפטע פאָרמעלע אַנאַלאָגיעס ווערן דאָ שטאַרק איבערגעטריבן, כדי אונטערצוהאַלטן דעם וואַקלדיקן בנין פון דעם סיסטעם. דאָס פאַרהעלטעניש פון צוויי דערשיינונגען, וועלכע פאָלגן רעגלמעסיק נאָך אײנאַנדער אין דער צייט, קאָן מען לחלוטין נישט אידענטיפיצירן מיט אַ רעגלמעסיקער פונקציאָנעלער באַציונג פון פאַרשידענע גלייכצייטיקע עלעמענטן: אינדעראמתן האָבן מיר נישט קיין רעכט צו רעדן וועגן צייט־עמפינדונגען און זיי אַוועקשטעלן קאָאָרדינירט מיט אַנדערע חושים. און ווער עס האַלט באמת דעם צייט־פּראָבלעם פאַר געלייזט, אידענטיפיצירנדיק די צייט מיטן שעה'ן־ווינקל פון דער ערד, דער באַמערקט ווייניקסטנס נישט דאָס, אַז אפילו אין פאַל, ווען די ערד זאָל זיך פּלוצים נעמען דרייען אַרום איר אַקס מיט אומגלייכמעסיקער געשווינדקייט, וואָלטן מיר פונדעסטוועגן פאַרבליבן בײַ אונזער אַפּריאָרישער הנחה פון אַ גלייכמעסיקן צייט־לויף. דאָס אונטערשיידן די צייט פון די מאַטעריעלע דורכלעבונגען, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די פונאַנדערטיילונג פון דער נאָכאַנאַנדיקער און גלייכצייטיקער אָפּהענגיקייט, און צוזאַמען דערמיט די פראַגע וועגן דער סיבה פון די פאַרענדערונגען, די פראַגע *פאַרוואָס*, זענען דאַן באַרעכטיקט און פרוכטבערנגנדיק, בעת באַדינגנדיקע און באַדינגטע דערשיינונגען טרעטן אויף נאָכאַנאַנד אין *צייטלעכן משך*. אין דעם אויבנגעבראַכטן בײַשפּיל פון אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישן פּראָבלעם וואָלט מען געדאַרפט פון שטאַנדפּונקט פון עמפּירישער וויסנשאַפט, וועלכע דערקלערט בשום אופן נישט דאָס רעגלמעסיקע צוזאַמענזיין פון אײנצלנע שטריכן אין אַ געוויסן קאָמפּלעקס מיט דער מעטאַפיזישער *סובסטאַנץ*, נישט אַזויפיל פאָרשן *פאַרוואָס*, נײַערט קודם־כל אונטערזוכן: *מיט וואָס נאָך אונטערשיידן זיך די ליבהאָבער פון הינט און קעץ צווישן זיך?*

דאָס צוגעוווינען זיך אויפצוזיכן *נאָך* אַנדערע פאַראַנענע אונטערשידן צווישן די זיך אין רו־צושטאַנד געפינענדיקע

זאַכן, וויבאַלד מ׳האָט נאָר באַמערקט אַיין אונטערשייד צווישן זיי, קאָן, מיין איך, נישט בלויז ברענגען אַ גרויסן נוצן דער כאַראַקטעראָלאָגיע, נאָר אויך דינען דער ריינער מאָרפאָלאָגיע און אַזויערנאָך ווערן נאַטירלעכערווייז דער מעטאָד פון דער פיזיאָנאָמיק, אַלס זייער פאַרבינדונג. שוין אַריסטאָטעל האָט באַמערקט, אַז די שינויים פון פיל שטריכן טרעטן קיינמאָל נישט אויף באַ די חיות אומאָפּהענגיק פון איינאַנדער. שפּעטער האָבן, צוערשט כּידוע קיוויע, דערנאָך זשאָפּרואַסט. הילער און דאַרווין גצווידמעט דידאָזיקע דערשיינונגען פון „קאָרעלאַציע” אויסשעפּנדיקע שטודיעס. די עקזיסטענץ פון באַשטענדיקע באַציונגען לאָזט זיך דאָ און דאָרט לייכט דערקלערן מיט איין איינהייטלעכן צוועק: טעלעאָלאָגיש דאַרף מען, למשל, דערוואַרטן, אַז דאָרט ווו דער פאַרדייונגס-קאַנאַל איז צוגעפּאַסט צו פלייש-נאַרונג, מוזן פאַראַן זיין קיי-אַפּאַראַטן און אָרגאַנען צום אויפכאַפּן דעם רויב. פאַרוואָס אָבער האָבן כּמעט אַלע מעלה-גרה-חיות טאָפּעלע קאָפּיטעס און די זכרים — הערנער, אַלמאַי איז די איממוניטעט קעגן געוויסע גיפטן באַ טייל חיות תמיד פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער האָר-פאַרב, פאַרוואָס האָבן די טויבן מיט קורצן שנאָבל קליי-נינקע פיס, און מיט לאַנגן שנאָבל — גרויסע פיס, אָדער פאַרוואָס זענען ווייסע קעץ מיט בלאָע אויגן כּמעט אַלע אָן אויס-נאַם בלינד — די אַלע רעגלמעסיקייטן, וועלכע עקזיסטירן לעבן איינאַנדער קאָן מען נישט דערקלערן מיט אַ באַשיינפערלעכער סיבה און אויך נישט באַגרייפן פון שטאַנדפונקט פון איין איינהייטלעכן צוועק. דערמיט איז נאַטירלעך נישט געזאָגט, אַז די פאָרשונגען דאַרף זיך שוין אויף אייביק פרינציפּיעל באַגענוגענען מיט דער בלויזער קאָנסטאַטירונג פונם פאַקט פון אַ תּמידיקן באַזאַמענזיין פון געוויסע שטריכן. מחמת דאָס וואָלט געווען אַזוי, ווי ווען עמיצער זאָל בעמען באַהויפטן, אַז ס׳איז זייער ווויסנשאַפטלעך צו קאָנסטאַטירן אַזאַ פאַקט: „וויבאַלד איך וואַרף אַריין אין אויטאָמאַט אַ מטבע, ווערט אַרויספאַלן אַ שאַכטל שוועבעלעך”, און דאָס, וואָס גייט אַריבער דידאָזיקע גרעניץ, איז שעדלעכע מעטאַפיזיק, און רעזיגנאַציע איז דאָס קריטעריום פון דעם עכטן פאָרשער. אַזעלכע מיני פּראָבלעמען,

פונוואַנען עס שטאַמט, וואָס לאַנגע קאָפּ-האָר און צוויי נאָרמאַלע אייערשטאָקן געפינען זיך כמעט אויסנאַמסלאָז פאַרייניקט אין דעמזעלביקן מענטש. זענען פון דער גרעסטער באַדייטונג; אָבער זיי געהערן טאַקע נישט צום געביט פון מאָרפאָלאָגיע, נאָר צו דער פיזיאָלאָגיע. ס׳קאָן זיין, אַז דער ציל פון אַן אידעאַלער מאָרפאָלאָגיע וועט זיך לאָזן טרעפלעך באַצייכענען מיט דער אָנשויונג, אַז אין איר דעדוקטיוו-סיסטעמאַטישער טייל דאַרף זי נישט נאָכקריכן אין די ערד-לעכער און נישטערן אין דער טיפעניש פון ים נאָך יעדן איינצלנעם עקזיסטירנדיקן מין און אונטערמין — דאָס וואָלט געווען די וויסנשאַפטלעכקייט פונם פּאָסטמאַרקן-זאַמלער, — נאָר זי איז מחויב פון איכותדיק און כמותדיק באַשטימטע טיילן צו קאָנסטרויִרן דעם גאַנצן אָרגאַניזם נישט אויפן יסוד פון דער אינטויִציע, ווי דאָס האָט געקאָנט טון אַ קיוויע, נאָר מיט דער הילף פון שטרענגע באַווייזן, גענומענע פון דערפאַרונג. אַ גענוי אויסגעפאָרשטער אָרגאַניזם וואָלט געקאָנט געבן דערדאָזיקער צוקונפטיקער וויסנשאַפט אַ נייע, אומווילקירלעכע, און מיט דער פולער גענויקייט באַשטימטע אייגנשאַפט. אין דער שפּראַך פון אונזער הייַנטיקער טערמאָדינאַמיק וואָלט עס זיך געלאָזט אויך גוט אויסדריקן מיט דער פאָדערונג, אַז לויט אַזאַ דעדוקטיווער מאָרפאָלאָגיע וואָלט דער אָרגאַניזם געדאַרפט באַזיצן אַן ענדלעכע צאָל פון „פרייהייטס-גראַדן“.

אַזאַ איז די לאָגישע באַדייטונג פון דעם קאָרעלאַציע-פּרינציפּ אין דער ביאָלאָגיע: ער ווייזט זיך אַרויס אַלס די אָנווענדונג פון דעם פונקציאָנעלן באַגריף אויף אַלע לעבעדיקע וועזנס, און דערפאַר איז אויף דער מעגלעכקייט פון זיין אויסברייטונג און פאַרטיפונג באַגרינדעט די האָפענונג פון אַ טעאָרעטישער מאָרפאָלאָגיע. די קויזאַלע פאָרשונג איז דערמיט נישט אויסגעשלאָסן, נאָר טאַקע ערשט אָנגעוויזן אויף איר אייגנטלעכסטן געביט. אין דער אידיאָפּלאַזמע וועט זי מוזן אויסגעפינען די סיבות פון דידאָזיקע דערשיינונגען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער קאָרעלאַציע-פּרינציפּ.

די מעגלעכקייט פון אַ פּסיכאָלאָגישער אָנווענדונג פון פּרינציפּ פון קאָרעלאַטיווער אומענדערונג ליגט אין דער

„דיפערענציעלער פסיכאָלאָגיע“, ד. ה. אין דער לערע וועגן די פסיכאָלאָגישע פאַרשידנקייטן. און די איינדייטיקע פאַרבינדונג פון אַנאַטאָמישן בוי און גייסטיקן כאַראַקטער וועט זיין די אויפגאַבע פון דער סטאַטישער פסיכאָפיזיק אָדער פיזיאָגנאָמיק.

דער פאָרשונגס-כּלל פון אַלע דריי קענטעניש דאַרף זיין די פראַגע, מיט וואָס אונטערשיידן זיך נאָך צוויי אינדיווידן, וועלכע ווייזן זיך אויס פאַרשידן אין וועלכער ס'איז באַציונג. דער דאָ געפאָדערטער פראַגע-אופן שיינט מיר צו זיין דער איינציק „Methodus inveniendi“ דענקבאַרער, אַ מין ars magna פון יענע קענטענישן, מיט וועלכן ס'דאַרף זיין דורכגעדרינגען די גאַנצע טעכניק פון זייער פאָרשונג.

כּדי צו פאַרטיפן אַ געוויסן כאַראַקטעראָלאָגישן טיפ וועט מען נישט דאַרפן מיט דער הילף פון דער דורכבויערנדיקער פראַגע „פאַרוואָס“ צו גראָבן אין לאָך פון האַרטן ערדישן קיניגרייך אָדער—ענלעך צו די סטערעאָטראָפישע ווערם פון ז ש אַ ק ל ע ב, וועלכע באַגיסן זיך מיטן אייגענעם בלוט, שטויסנדיק זיך אַלץ אין איין ווינקל פון דער כּלי און נישט זעענדיק די איבריקע — פאַרשטעלן מיט ברילן-קלאַפּעס דעם בליק אויף דעם שכנותדיקן דערגרייכבאַרן דערקענטעניש-פעלד און אָטעמען אין דער טיפעניש פון דער ערד, וועלכע איז נישט צוטריטלעך פאַר דער עמפירישער דערקענטעניש. ווען מ'וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָננעמען אַ באַשלוס אויפצופאַסן אָן נאַכלעסיקייט באַם דערשייַנען פון איין אונטערשיד אויך אויף די אַנדערע אונטערשידן, וועלכע מוזן לויטן פרינציפּ אומפאַרמיידלעך פאַראַן זיין, דאַן וועט די אויסזיכט צו אַנטדעקן נייע קאָרעלאַציעס באַדייטנדיק פאַרגרעסערט ווערן: וויבאַלד די פראַגע איז נאָר געשטעלט, וועט אויך פריער צי שפּעטער, לויט דער מדרגה פון אויסדויער און וואַכזאַמקייט פון באַאָבאַכטער און גינסטיקייט פון דעם געפאָרשטן מאַטעריאַל, זיך מוזן באַווייזן דער ענטפער.

יעדנפאַלס, באַנוצנדיק זיך באַוווסטזיניק מיטן דאָזיקן פרינציפּ, וועלן מיר שוין נישט זיין אויסשליסלעך אָנגעוויזן אויפן וואַרטן, ביז ס'וועט עמיצן אַמאָל דורך אַ גליקלעכער

רגע פון געדאַנקלעכער קאָנסטעלאַציע א ו י פ פ אַ ל ן דאָס באַשטענדיקע צונויפזיין פון צוויי שטריכן אין דעמזעלביקן אינדיוויד. נאָר מיר וועלן זיך אויסלערנען תיכף צו שטעלן די פראַגע וועגן דעם אויך פאַראַנענעם צווייטן שטריך. מחמת ווי־זייער זענען ביזאַהער אַלע אַנטדעקונגען אָנגעוויזן געוועזן אויף אַ צופעליק גינסטיקער קאָניוקטור אין אַ געוויסן מענטשלעכן מוח! סאַראַ גרויסע ראָליע שפילט דאָ דער ווילקיר פון די אומשטענדן, וועלכע פירן אין געאייגנטן מאָמענט צוויי פאַרשידנאַרטיקע געדאַנקען־גרופעס צו יענער קעגנזייטיקער קרייצונג, פון וועלכער אַליין עס קאָן געבוירן די נייע אָנשויונג און נייע דערקענטעניש! דער נייער אופן פון דער פראַגע־אַוועקשטעלונג און דער ווילן זי אָנצווענדן אין יעדן איינצלנעם פאַל וועט, שיינט מיר, בכוח זיין דידאָזיקע ראָלע באַדייטנדיק צו פאַרמינערן. בײַ דעם פאָלגן פון דעם פועל־יוצא נאָך דער סיבה אַנטשטייט דאָס פסיכאָלאָגישע באַדערפעניש פון אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער סיבה, מחמת יעדע אָנגרייפונג פון דער באַשטענדיקייט און קאָנטינויטעט אין אַ פאַראַנענעם פסיכישן מצב ווירקט אויף אַ באַאומרויקנדיקן אופן, רופט אַרויס אַ „וויטאַל־דיפערענץ" (אַ ו ע נ אַ ר י ו ס).

אָט פאַרוואָס דערדאָזיקער מעטאָד וואָלט געקאָנט ברענגען גרויס נוצן דער טעטיקייט פון פאָרשער, פאַרשנעלערן בכלל דעם פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט; די דערקענטעניש פון דער העוריסטישער אָנווענדבאַרקייט פון דעם קאָרעלאַציע־פרינציפ וואָלט געווען אַן אָנשויונג, וועלכע איז עלול אין איר פונאַנדערוווּקס צו ברענגען צו אַלץ נייע און נייע אָנשויונגען.

# קאפיטל VI

## די עמאנציפירטע פרויען

אין אוממיטלבארער שייכות צו דער דיפערענציאל-פסיכאלאגישער אנווענדונג פון פרינציפ פון סעקסועלע צווישנפארמען, מוזן מיר צום ערשטן מאל דא בארירן די פראגע, וועמעס טעארעטישער און פראקטישער לייזונג דאסדאזיקע בוך איז אין תוך געווידמעט. דידאזיקע פראגע ווערט דא געלייזט אויף אזויפיל, אויף וויפל זי איז נישט טעארעטיש קיין ענין פון עטנאלאגיע און פאליטישער עקאנאמיע, ד. ה. פון דער סאציאל-וויסנשאפט אין ברייטן זינען, פראקטיש ווידער קיין ענין פון רעכטלעכער און עקאנאמישער ארדענונג, אנדערש גערעדט פון דער סאציאלער פאליטיק. כ'בין דא אויסן די פ ר ו י ע ן - פ ר א ג ע. דער ענטפער, וועלכן דאסדאזיקע קאפיטל האט צו געבן אויף דער פרויען-פראגע, שעפט נישט אויס דעם בארירטן פראבלעם אין זיין גאנצער ברייט. ער איז גיכער נאר א פארלויפיקער, מחמת פון די ביזאהער אנגעוויזענע פרינציפן לאזט זיך גארנישט מער ארויסדרינגען. ער באגרינדעט זיך אינגאנצן אויף די טאגטעגלעכע פאקטן פון דער אינדיווידועלער דערפארונג, פון וועלכע ס'איז אוממעגלעך זיך אויפצוהויבן צו אלגעמיינע גרונט-כללים פון טיפערן באטייט. די פראקטישע אנווייזונגען, וועלכע עס גיט אונזער ענטפער, זענען נישט קיין מאקסימען פון זיטלעכער אויפפירונג, וועלכע דארף אדער קאן רעגולירן די קינפטיקע דערפארונג, דאס זענען מער נישט ווי ארויסגעדרונגענע פון פארגאנגענער דערפארונג טעכנישע כללים צו א סאציאל-דיעטעטישן געברויך. די סיבה דערפון איז די, וואס דא האבן מיר נאך נישט בדעה פעסטצושטעלן דעם מהות פון מענלעכן און ווייבלעכן טיפ, וואס דארף ערשט זיין די אויפגאבע פון דער צווייטער טייל. דידאזיקע פראוויזארישע באטראכטונג דארף נאר ברענגען י ע נ ע

כאַראַקטעראָלאָגישע רעזולטאַטן פון דעם פּרינציפּ פון צווישנפאָרמען, וועלכע האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער פרויען-פראַגע.

פון די ביזאַהעריקע אויספירן איז גענוג קלאָר, ווי אַזוי דידאָזיקע אָנווענדונג וועט אויספאַלן. זי קולמינירט דערין, וואָס דאָס עמאַנציפּאַציע-באַדערפעניש און עמאַנציפּאַציע-פעיקייט פון אַ פרוי איז באַגרינדעט בלויז אויף איר אַנטייל אין עלעמענט מ., אויף וויפל ער שטעקט אין איר. דער באַגריף פון עמאַנציפּאַציע איז אָבער אַ פילדייטיקער; און דאָס פאַרטונקלען אים איז געלעגן אין אינטערעס פון די אַלע מיטן דאָזיקן נאָמען אָפּט פאַרפאָלגטע פּראַקטישע כוונות, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס ליכט פון טעאָרעטישער באַטראַכטונג. אונטער דער עמאַנציפּירטקייט פון אַ פרוי פאַרשטיי איך כּלל נישט אַזעלכע, למשל, פאַקטן, ווען די פרוי פירט די גאַנצע ממשלה אין שטוב און דער מאַן וואַגט נישט זיך איר מיט עפּעס אַקעגנצושטעלן, און נישט דעם מוט זיך דורכצוגיין אָן אַ שיצנדיקן באַגלייטער איבער נישט זיכערע געגנטן. איך פאַררעכן נישט צו עמאַנציפּאַציע דאָס מזל זיין אין די קאָנווענציאָנעלע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, וועלכע פאַרביטן כמעט דער פרוי דאָס אַליינלעבן, דערלויבן נישט, אַז זי זאָל אַ מאַנסביל אָנשטאַטן אַ וויזיט, און טאַדלען דאָס באַרירן סעקסועלע טעמעס דורך איר אָדער אַנדערע אין איר קעגנוואַרט; דאָ אַהער געהערן אויך נישט די שטרעבונגען צו זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, דאָס באַזוכן דעם אוניווערסיטעט, קאָנסערוואַטאָריע אָדער לערער-סעמינאַר. פאַראַן נאָך מסתּם אַנדערע זאַכן, וועלכע פאַרדעקן זיך אַלע מיטן גרויסן פאַנצער פון דער עמאַנציפּאַציע-באַוועגונג. די עמאַנציפּאַציע, וועלכע איך בין אויסן, איז אויך נישט דער באַגער זיך צו דערשלאָגן צו אַ גלייכער שטעלונג מיטן מאַן; דער פּראָבלעם פאַר דעם דאָ אונטערגענומענעם פּרוּוו פון באַלייכטן די פרויען-פראַגע איז דער ווילן פון דער פרוי זיך אויסצוגלייכן אינערלעך מיטן מאַנסביל, צו דערגרייכן צו זיין גייסטיקער און מאָראַלישער פרייהייט, צו זיינע אינטערעסן

און זײַן שאַפונגס-קראַפט. און אָט באַהויפּטן מיר דאָ, אַז פּ. האָט נישט קײן שום באַדערפעניש און, אין הסכּם דערמיט, קײן שום פעיקײט צו דערדאָזיקער עמאַנציפּאַציע. אַלע באמת נאָך עמאַנציפּאַציע שטרעבנדיקע, אַלע מיט אַ געוויסן רעכט באַרימטע און גײַסטיק אין געוויסער הינזיכט באַדײַטנדיקע פרויען צײַכענען זיך תמיד אויס מיט צאָלרײַכע מענלעכע כאַראַקטער-שטריכן, און אַ שאַרפער אויג וועט אין זײ אויך שטענדיק באַמערקן אַנאַטאָמיש-מענלעכע סימנים, וועלכע דערנענטערן זײ צום מאַנסביל.

בלויז פון דער צאָל פון די בולטערע סעקסועלע צווישנפאָרמען, — מ'קאָן זאָגן, פון די סעקסועלע מיטלשטופן, וועלכע מען פאַררעכנט נאָך גראָד צו די „פרויען" — שטאַמען אַרויס יענע פרויען פון דער פאַרגאַנגענהײט און קעגנוואַרט, וועמעס נעמען עס ווערן תמיד אַרויסגעשטעלט דורך די פאָרקעמפערס (מענער און פרויען) פון די עמאַנציפּאַציע-שטרעבונגען אַלס באַווײַז פון וויכטיקע ווײַבלעכע פערזענלעכקײטן. די ערשטע היסטאָריש באַקאַנטע פרוי, סאַפאָ, צײכנט זיך אויס מיט פאַרקערט-סעקסועלע שטריכן; פון איר שטאַמט אַפילו די באַצײַכענונג פון סעקסועלע באַציונגען צווישן פרויען אַלס טאַפּישע אָדער לעסבישע ליבע. דאָ זעען מיר, ווי וויכטיק ס'זענען פאַר אונז די אויספירן פון דריטן און פערטן קאַפּיטל באַם לייזן די פרויען-פראַגע. דער כאַראַקטעראָלאָגישער מאַטעריאַל, וועלכער געפינט זיך אין אונזער רשות, בנוגע די אַזויגערופענע „באַדײַטנדיקע" ד. ה. די de facto עמאַנציפּירטע פרויען, איז אַזוי מטושטש, זײַן אינטערפּרעטירן איז אויסגעשטעלט אויף אַזאַ מענגע סתירות, אַז מיר האָפן נישט מיט זײַן הילף צופרידנשטעלנדיק צו לייזן דידאָזיקע פראַגע. ס'האָט אונז געפעלט דער פּרינציפּ, וועלכער זאָל דערלויבן פעסטצושטעלן אומצווײַדײַטיק די שטעלונג פון אַ מענטש צווישן מ. און פּ. אַזאַ פּרינציפּ איז געפונען געוואָרן אין דעם געזעץ פון סעקסועלער צוציונג צווישן מאַנסביל און פרוי. זײַן אָנווענדונג אויפן פּראָבלעם פון האָמאָסעקסואַליזם האָט אויפגעוויזן, אַז די

פרוי, וועלכע פילט אַ סעקסועלן דראַנג צו אַן אַנדער פרוי — איז אַ האַלבער מאַנסביל. דערמיט איז אָבער פאַר יעדן איינצלנעם היסטאָרישן פאַל דערוויזן די טעזע, אַז דער גראַד פון דער עמאַנציפּירטקייט פון אַ פרוי פאַלט זיך צונויף מיטן גראַד פון איר מענלעכקייט, מיט סאַפאָ הויבט זיך נאָר אָן די רייע פון יענע פרויען. וועלכע זענען אַריינגעטראָגן אין דער רשימה פון ווייבערישע באַרימטקייטן, און אַלע זענען זיי דערביי אָדער האָמאָסעקסועל, אָדער לכל הפחות, ביסעקסועל. די פילאָלאָגן האָבן זיך זייער שטאַרק באַמיט אָפּצורייניקן סאַפאָ פון חשד, דערמיט וואָס זיי האָבן אירעווירקלעכע ליבעספאַרהעלטענישן מיט פרויען דערקלערט פאַר בלויז פריינטשאַפטלעכע, גלייך ווי דערדאָזיקער פאָרוואורף, ווען ער זאָל זיין באַגרינדעט, וואָלט געמוזט אין מאָראַלישן זינען אַ פרוי שטאַרק דערנידריקן. פאַרקערט, אין דער צווייטער טייל וועט זיין קלאָר דערוויזן, אַז די האָמאָסעקסועלע ליבע דערהויבט פיל מער די פרוי, איידער די העטעראָסעקסועלע באַציונג. דאָ וועט גענוג זיין צו באַמערקן, אַז די נייגונג צו לעסבישער ליבע באַ פרויען פליסט טאַקע אַרויס פון איר מענלעכער נאַטור, וועלכע איז דער תנאי פון איר העכערקייט. קאַטאַרינע II פון רוסלאַנד און די קיניגין כריסטיאַנע פון שוועדן, די הויך באַגאַבטע, בלינדע און טויב-שטומע לאורע ברידזשמען, לויט ווי מ׳גיט איבער, ווי אויך שוין אויף זיכער זשאָרזש סאנד, זענען טיילוויז ביסעקסועל, טיילווייז אויסשליסלעך האָמאָסעקסועל, פונקט ווי אַלע פרויען און מיידלעך, וואָס צייכענען זיך אויס מיט עפּעס אַ באַמערקלעכער באַגאַבונג, וועלכע איך אַליין האָב געהאַט די געלעגנהייט קענען צו לערנען.

וואָס שייך אָבער דער גרויסער צאָל פון יענע באַרימטע עמאַנציפּירטע פרויען, בנוגע וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין שום אָנווייזונגען וועגן זייער נייגונג צו לעסבישער ליבע, האָבן מיר דאָ אויך אַנדערע סימנים, וועלכע באַווייזן, אַז אויב איך רעד וועגן דער מענלעכקייט פון דידאָזיקע פרויען, איז דאָס כלל נישט קיין ווילקירלעכע באַהויפּטונג און נישט קיין איבערגעטריבענער עגאָיזם, וואָס וואָלט וועלן אַלץ צושרייבן דעם מענלעכן גע-

שלעכט. נאָר עס גייט דערין, וואָס פונקט ווי די ביסעקסועלע פרויען שטייען אין געשלעכטלעכן פאַרקער אָדער מיט מענלעכע פרויען אָדער מיט פרויישע מאַנסבילן, אַזוי אַנטפּלעקן אויך די העטעראָסעקסועלע פרויען זייער מענלעכקייט דערמיט, וואָס זייער סעקסועלע דערגאַנצונג אויף דער זייט פון די מאַנסבילן וועט קיינמאָל נישט זיין קיין עכטער מאַן.

פון צווישן די פיל „באַציונגען" פון זשאָרזש סאַנד איז די באַרימטסטע איר באַציונג מיט מוסעט, דעם ווייבערישסטן ליריקער, וועלכן די היסטאָריע קען, און מיט שאָפּען, וועמען מען באַצייכנט אַפילו אַלס דעם איינציקן ווייבלעכן קאָמפּאָזיטאָר — אַזוי ווייבעריש איז ער*). וויטאָריאַ קאָלאָנאָ איז ווייניקער באַרימט דורך איר אייגענער דיכטערישער פּראָדוקציע, איידער דורך דער פאַרערונג, וועלכע מיקעל אַנדזשעלא האָט פאַר איר געהאַט, וועלכע איז אַזיסטן געשטאַנען אין עראָטישן פאַרהעלטעניש בלויז צו מענער. די שריפטשטעלערין דאַניעל שטערן איז געווען די געליבטע פון דעמזעלביקן פראַנץ ליסט, וועמעס לעבן און לעבנסווערק האָט אין זיך דורכויס עפּעס ווייבלעכס, און וועמעס פריינטשאַפט פאַר דעם אויך נישט פולקאָם מענלעכן און יעדנפאַלס אַביסל פּעדעראַסטיש געניגטן וואַגנער האָט אַנטהאַלטן אין זיך כמעט אַזויפיל האָמאָסעקסואַליטעט, ווי די טרוימערישע ליבע צו וואַגנערן מצד דעם בייערישן קיניג, לודוויק II. וואָס שייך מאַדאַם דע סטאַעל, וועמעס ווערק וועגן דייטשלאַנד מוז באַטראַכט ווערן פאַר דעם אפשר באַדייטנדיקסטן בוך פון אַ פרויען-האַנט, האָט זיך געפונען אין האָמאָסעקסועלע באַציונגען מיטן לערער פון אירע קינדער אויגוסט ווילהעלם שלעגעל. דעם מאַן פון קלאַראַ שומאַן וואָלט מען געקאָנט אין געוויסע

---

*) דאָס ווייזט אויך קלאָר זיין בילד. מערימע רופט אָן זשאָרזש סאַנד „maigre comme un clou" (דאַר ווי אַ טשוואָק). בא דער ערשטער באַגעגעניש פון זיי ביידן, איז „זי" בולטער „זכר" און „ער" אינגאַנצן „נקבה": ער רויטלט זיך אונטער איר בליק און אונטער די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע זי איז אים מכבד מיט איר גראָבער שׂ׳ים.

פעריאָדן פון זיין לעבן, אורטיילנדיק בלויז לויטן פנים, האַלטן גיכער פאַר אַ פרוי, איידער פאַר אַ מאַנסביל, און אַפילו אין דער מוזיק זיינער איז פאַראַן, ווען אַפילו נישט תמיד, אַסך ווייבלעכקייט.

דאָרט ווו ס׳פעלן יעטוועדע אָנווייזונגען וועגן די מענטשן, מיט וועלכע מ׳איז געשטאַנען אין סעקסועלער באַציונג, אָדער ווו אַזעלכע פערזאָנען ווערן איבערהויפּט נישט אָנגערופן, דאָרט געפינען מיר אָפט אַ רייכן במקום אין קליינע ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן וועגן באַרימטע פרויען. זיי ווייזן, אויף וויפל דאָס זכרישקייט פון דידאָזיקע פרויען איז אויסגעדריקט אויף זייער פנים און געשטאַלט און באַשטעטיקן אויף אַזאַ אופן, פונקט אַזוי ווי די נאָך יענע פרויען פאַרבליבענע פאָרטרעטן, די ריכטיקייט פון די דאָ אַנקוויקלטע אָנשויונגען. מ׳רעדט, למשל, וועגן ז ש אָ ר ש ע ל י אָ ט ס בריטן, מעכטיקן שטערן: „אירע באַוועגונגען, ווי איר מימיק זענען געווען שאַרפע און באַשטימטע, עס האָט איר אָבער געפעלט די גראַציע פון ווייבלעכער ווייכקייט״. מיר ווייסן וועגן דעם „שאַרפן, גייסטפולן פנים פון ל אַ וו י נ י אַ פ אָ נ ט אַ נ אַ, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעגאָסן אַ זעלטענער חן״. די שטריכן פון ר א ש ע ל ר י ו ש „טראָגן כמעט אַ באַשטימטן מענלעכן כאַראַקטער״. דער ביאָגראַף פון דער אָריגינעלסטער דיכטערין אַ נ ע ט פ אָ ן ד ר אָ ס ט - ה י ל ס ה אָ ף באַריכטעט וועגן איר „עלפנהאַפּט שלאַנקער, צאַרטער געשטאַלט״; און דאָס פנים פון דערדאָזיקער קינסטלערין האָט אין זיך אַן אויסדרוק פון שטרענגער מענלעכקייט, וואָס דערמאָנט מיט איר ווייטער ענלעכקייט אָן די שטריכן פון ד אַ נ ט ע. די שריפטשטעלערין און מאַטעמאַטיקערין ס אָ נ י אַ ק אָ וואַ ל ע וו ס ק א האָט געהאַט אויפן קאָפּ, פונקט ווי שוין ס אַ פ אָ, אַן אומנאָרמאַל קורצן האָר-וווּקס, אַ קירצערן נאָך, איידער ס׳האָבן עס געוויינלעך די היינטיקע דיכטערינס און סטודענטינס, וועלכע פאַררופן זיך תמיד קודם-כל אויף איר אַלס עדות, ווייבאַלד ס׳קומט צו רייד וועגן דער גייסטיקער טעטיקייט פון דער פרוי. און ווער עס וואָלט אין פנים פון דער באַדייטנדיקסטער מאָלערין ר אָ ז אַ ב אָ נ ע ר דערבליקט כאָטש איין פרויען-שטריך, וואָלט ער זיך נאָר געלאָזט פאַרפירן דורכן קלאַנג פון איר נאָמען. אַ

זייער מענלעכן אויסזען האָט אויך די באַרימטע *העלענאַ פעטראָוונאַ בלאַוואַטסקאַ*. ווען די איצט לעבנדיקע פראָדוקטיווע און עמאַנציפּירטע פרויען האָב איך מיט אַ פּיוון נישט דערמאָנט, הגם זיי טאַקע האָבן מיך אָנגערעגט צו עטלעכע פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען און אויך פולשטענדיק באַשטעטיקט מיין מיינונג, אַז די עכטע פרוי האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט דער „פרויען-עמאַנציפּאַציע". די היסטאָרישע נאָכפאָרשונג מוז געבן גערעכט דעם פאָלקס-שפּריכוואָרט, וועלכעס האָט שוין לאַנג מקדים געווען די וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן: „וואָס לענגער די האָר, אַלץ קירצער דער שכל". דאָסדאָזיקע גלייכווערטל שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, וויבאַלד מיר ווען זיך דערמאָנען אָן דער אין צווייטן קאַפּיטל געמאַכטער באַוואָרעניש.

און וואָס שייך די עמאַנציפּירטע פרויען: *נאָר דער מאַן, וואָס שטעקט אין זיי, וויל ווערן עמאַנציפּירט.*

צוליב טיפערע טעמים, איידער מען מיינט געוויינלעך, נעמען די שריפטשטעלערישע פרויען אַזוי אָפט אָן מאַנסבילשע נעמען; זיי פילן זיך טאַקע כמעט אַלס מאַנסבילן, און באַ אַזעלכע פערזאָנען ווי *זשאָרזש סאַנד* אַנטשפּרעכט דאָס פולשטענדיק זייער נייגונג צו מענלעכער הלבשה און מענלעכער באַשעפטיקונג. דער מאָטיוו, וואָס רעגט-אָן צום אויסוואַל פון אַ מענלעכן פסעוודאָניס, איז באַגרינדעט אויף דעם געפיל, אַז נאָר אַזאַ מענלעכער נאָמען אַנטשפּרעכט זייער גאַנצער נאַטור, ער קאָן זיך נישט וואָרצלען אין דעם באַגער צו ווענדן אויף זיך גרעסערע אויפמערקזאַמקייט און דערווערבן אָנערקענונג מצד דער עפנטלעכער מיינונג. מחמת די פרויען-שאַפונגען האָבן, אַדאַנק דער מיט זיי פאַרבונדענער סעקסועלער פּיקאַנטעריע, געוועקט שוין פון גאָר לאַנג אַ גרעסערע פאַראינטערעסירונג, איידער ceteris paribus*) די ווערק פון מאַנסבילן; צו די שאַפונגען פון דער פרוי האָט מען זיך תמיד באַצויגן מיט מער חסד, נישט אַרויסשטעלנדיק לגבי זיי קיין טיפערע פאָדערונגען. וויבאַלד דאָס ווערק איז געווען אַ גוטס, איז עס

*) באַ אַנדערע גלייכע באַדינגונגען (איב.)

תמיד אומפאַרגלייכלעך העכער געלויבט געוואָרן, איידער אין פאַל, ווען אַ מאַנסביל וואָלט געשאַפן עפּעס ענלעך גוטס. דאָס זעט מען באַזונדערס היינט צו טאָג; די פרויען דערגרייכן כסדר גרויס אָנזען פאַר שאַפונגען, וועלכע וואָלטן קוים באַמערקט געוואָרן, ווען זיי זאָלן שטאַמען פון מענער. עס איז שוין צייט, אַז מ׳זאָל דאָ אָנהייבן אָפּצוזונדערן און פונאַנדערצושיידן. זאָל מען נעמען צום פאַרגלייך, אַלס מאָסשטאַב, די מענלעכע שאַפונגען, וועלכע גייען אָן פאַר ווערטפולע אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט און קונסט, און מ׳וועט תיכף דערזען, ווי ס׳וועט זיך באַלד באַם ערשטן פרווו צוזאַמענשרומפן די פאָרט גאַנץ אָנזעעוודיקע צאָל פון יענע פרויען, וועלכע ווערן אַלץ אינאיינעם דערמאָנט אַלס די באַדייטנדיקע גייסטער. אינדערעמתן, דאַרף מען פיל חסד און מילדקייט דערצו, כדי צוצוגעבן כאָטש אַ שמץ פון באַדייטונג אַזעלכע פרויען ווי אַנזשעליקאַ קויפמאַן, מאַדאַם לעברען, פערנאַן קאַבאַלעראָ, הראָסוויטאַ פאָן גאַנדערסהיים, מאַרי זאָמערוויל, דזשאָרזש עדזשערטאָן, עליזאַבעט בערעט־בראַונינג, סאָפיע זשערמען, אַננע מאַריע שורמאַן אָדער סיבילע מאַריאַן. כ׳וויל נישט רעדן וועגן דעם, ווי ווייט מ׳שאַצט תמיד איבער איינצלנע פערזענלעכקייטן פון די פרויען, וועלכע זענען פריער דערמאָנט געוואָרן, אַלסביישפּילן פון ווירגיניזם (למשל, די שריפטשטעלערין דראָסט־הילסהאָף); כ׳וויל אויך נישט אַנאַליזירן די מאָס פון רום, וועלכע עס האָבן דערוואָרבן די היינטיקע קינסטלערינס. ס׳איז גענוג די אַלגעמיינע פעסטשטעלונג, אַז קיין איינע פון די אַלע הויך באַגאַבטע (אַפילו פון די מענלעכסטע) פרויען קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט די מאַנסבילשע זשעניס פון פינפטער און זעקסטער מדרגה, ווי למשל, ריוקערט צווישן די פאָעטן, וואַן דעיק אין דער מאָלעריי און שלייערמאַכער אין דער פילאָזאָפיע.

ווייבאַלד מיר וועלן לעת־עתה אויסטיילן די היסטערישע וויזיאָנערינס, ווי די סיבילעס, דעלפישע פיטיעס, די בוריניאָנס און קלעטענבערגס, זשאַן דעלאַ

מאָט גיוואָן, יאָהאַננע סאַוסקאַט, בעאַטע סטורמין, אָדער די הייליקע טערעזע*), וועלן פאָרט נאָך פאַרבלייבן אַזעלכע ביישפּילן, ווי מאַריע באַשקירצעוו. זי איז געווען (אויף וויפל איך דערמאָן זיך איר בילד), וואָס אַן אמת, פון אַן אויסגעשפּראָכענעם ווייבלעכן קערפּערבוי, אַחוץ דעם שטערן, וועלכער האָט אויף מיר געמאַכט אַן עטוואָס מענלעכן איינדרוק. אָבער ווער עס האָט געזען אין דער Salle des Etrangers אין פּאַריזער לוקסעמבורג-גאַלעריע אירע בילדע׳, וועלכע הענגען לעבן די ווערק פון איר באַליבטן באַסטיען-לעפּאַזש, דער ווייסט, אַז זי האָט נישט ווייניקער פולקאָם איבערגענומען זיין סטיל, ווי אָטיליע די האַנטשריפט פון עדוואַרדן אין געטעס "Wahlverwandschaften".

דעם לאַנגן רעשט בילדן יענע צאָלרייכע פאַלן, ווען עפּעס אַן איינגעבוירענער פאַמיליען-טאַלאַנט טרעט צופעליק אויף צום שטאַרקסטן אין אַ ווייבלעכן מיטגליד, וואָס מוז דערביי כלל נישט זיין געניאַל. מחמת נאָר דער טאַלאַנט גייט איבער בירושה, נישט דאָס זשעני. מאַרגאַרעטאַ וואַן עיק און סאַבינאַ פאָן שטיינבאַך זאָלן דאָ דינען אַלס טיפּישע ביישפּילן פון אַ לאַנגער ריי אַזעלכע קינסטלערינס; וועגן זיי האָט ערנסט גול, וועלכער באַציט זיך בכלל מיט גרויס לייטזעליקייט צו אַלע קינסטלערישע פרויען, געזאָגט פאָלגנדיקס: „מיר האָבן אויסדריקלעכע ידיעות, אַז זיי זענען אָנגערעגט געוואָרן צו דער קונסט דורך פאָטער, מוטער אָדער ברודער, אָבער מיט אַנדערע ווערטער, די סיבה פון זייער קינסטלערישן באַרוף דאַרף מען זוכן אין זייער אייגענער פאַמיליע. פאַראַן אַזעלכע צוויי ביז דרייהונדערט, און וויפל הונדערטער זענען נאָך אַוודאי אַחוצדעם דורך גאַנץ ענלעכע איינפלוסן אויפגעצויגן געוואָרן פאַר קינסטלערינס, הגם די געשיכטע פאַרשווייגט זיי!" כדי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דידאָזיקע ציפערן, דאַרף מען נע-

*) היסטעריע איז אַ הויפּט-סיבה פון די העכערע שטרעבונגען בײַ זייער פיל באַדייטנדיקע פרויען. דאָך איז איר געווייגלעכער, בלויז אויף פּאַטאָלאָגישע עקסצעסן באַגרענעצטער באַגריף צו ענג. וועגן דעם וועל איך רעדן אין דער צווייטער טייל (קאַפּ. XII).

מען אין אַכט, אַז גוף דערמאָנט עטוואָס פֿריער די נעמען פֿון אַן ערך טויזנט באַקאַנטע פֿרויען-קינסטלערינס.

דערמיט קאָנען מיר אָפּשליסן דעם היסטאָרישן איבערבליק איבער די עמאַנציפּירטע פֿרויען. ער האָט דערוויזן די ריכטיקייט פֿון דער באַהויפּטונג, אַז דער תּנאַי פֿון עכטן עמאַנציפּאַציע-באַדערפֿעניש און אמתער עמאַנציפּאַציע-פֿעיקייט אין דער פֿרוי איז איר מענלעכקייט. מחמת די אומגעהויערע צאָל פֿון יענע פֿרויען, וועלכע האָבן זיכער אַמווייניקסטן געלעבט פֿאַר דער קונסט אָדער וויסנשאַפֿט, בײַ וועלכע דידאָזיקע באַשעפֿטיקונג פֿאַרטרעט גיכער די געוויינלעכע „האַנטאַרבעט" און אין דער אומגעשטערטער אידיליע פֿון זייער לעבן באַטײַט עס נאָר אַ געוויסן צײַטפֿאַרטרײַב — און אַלע יענע, בײַ וועמען די גײַסטיקע ווי קינסטלערישע טעטיקייט איז מער נישט ווי אַן אומגעהויער אָנגעשפּאַנטע קאָקעטעריע לגבי מער אָדער ווייניקער באַשטימטע פּערזאָנען פֿון מענלעכן געשלעכט — דידאָזיקע בײדע גרויסע גרופּעס מוזן ווערן אויסגעשיידט פֿון ריינער וויסנשאַפֿטלעכער באַהאַנדלונג. אַלע איבעריקע ווײַזן זיך אַרויס בײַ נענטערער באַטראַכטונג אַלס סעקסועלע צווישנפֿאָרמען.

ווײַבאַלד אָבער דאָס באַדערפֿעניש נאָך באַפֿרײַונג און אויסגלײַכונג מיטן מאַנסביל ווײַזט זיך אַרויס נאָר בײַ די מענלעכע פֿרויען, דאַן איז באַגרינדעט די הנחה per Inductionem, אַז פֿ. פֿילט נישט קיין שום באַדערפֿעניש נאָך דער עמאַנציפּאַציע, הגם דידאָזיקע הנחה איז אַרויסגעפֿירט אויסשליסלעך פֿון דער באַטראַכטונג פֿון אינדיווידועלע היסטאָרישע פֿאַקטן, און נישט פֿון די פּסיכישע אייגנשאַפֿטן פֿון טיפּ פֿ.

אַזאַ אורטייל איבער דער פֿרויען-עמאַנציפּאַציע טראָגן מיר אַרויס, שטעלנדיק זיך אויפֿן היגיענישן (נישט אויפֿן עטישן) שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן דאָס פּראַקטישע לעבן ווערט צוגעפּאַסט צו דער נאַטירלעכער נייגונג פֿון די אינדיווידן. דער אומזין פֿון די עמאַנציפּאַציע-שטרעבונגען ליגט אין דער באַוועגונג, אין דער אַגיטאַציע. אַדאַנק איר קודם-כּל, נישט רעדנדיק וועגן די מאָטיוון פֿון אייטלקייט און מענערפֿאַנג, בײַ דער גרויסער נייגונג צו אימיטאַציע, הויבן אָן שטודירן און שרײַבן א. ד. ג. אַזעלכע פֿרויען, וועלכע האָבן לחלוטין

נישט דערצו קיין איינגעבוירענע נטיה. היות ווי עס איז באמת פאַראַן אַ גרויסע צאָל פרויען, וועלכע שטרעבן אויס אינער־לעכן באַדערפעניש צו עמאַנציפּאַציע, טאָ גייט פון זיי איבער אויך אויף די אַנדערע דאָס באַדערפעניש נאָך בילדונג, און דאָס שאַפט שוין די מאָדע, און סוף־כל־סוף לאָזט די לעכער־לעכע אַגיטאַציע פון די פרויען אַלעמען גלויבן אין דער גע־רעכטיקייט פון דעם, וואָס דער הויז־פרוי דינט עס אַזוי אָפט בלויז פאַר אַ מיטל צו דעמאָנסטראַציע־צוועקן, און דער טאָכטער אויך אָפט אַלס מאַניפעסטאַציע קעגן דער מוטערלעכער ממשלה.

פאַרן פראַקטישן אויספיר פון דערדאָזיקער פראַגע, נישט שטעלנ־דיק אים כלל אַלס יסוד פון אַ געזעצגעבונג (כאָטש שוין צוליב זיין פליסיקן כאַראַקטער), דאַרף מען אָננעמען פאָלגנדיקן כלל: „פרייען צוטריט צו אַלעם, קיין שטערונג אויפן וועג פון די־יעניקע, וועמעס אמתדיקע פסיכישע באַדערפעניש, תמיד אין איינקלאַנג מיט זייער פיזישן בוי, שטויסט זיי צו מענלע־כער באַשעפטיקונג, — פאַר פרויען מיט מענ־לעכע שטריכן. אָבער אַוועק מיט דער פאַרטיי־אַרבעט, אַוועק מיט דער פאַלשער רעוואָלוציאָ־ניזירונג, אַוועק מיט דער גאַנצער פרויען־באַ־וועגונג, וועלכע שאַפט אַזויפיל קעגננאַטירלעכע, קינסטלעכע אין זייער תוך, פאַלשע שטרעבונגען.

און אַוועק אויך מיט דער אָפגעשמאַקטער פראַזע וועגן דער „פולקאָמער גלייכקייט"! אַפילו די מענלעכסטע פרוי האָט קיינמאָל נישט מער ווי 50 פראָצ. מ. און דעמדאָזיקן פיינעם אַנטהאַלט פאַרדאַנקט זי טאַקע איר גאַנצע באַדייטונג, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס אַלץ, וואָס זי וואָלט עווענטועל געקאָנט באַדייטן. אָבער מ׳דאַרף בשום אופן נישט, ווי עס טוען עס באַשיינפערלעך נישט ווייניק אינטעלעקטועלע פרויען, אַרויסצו־דרינגען אַלגעמיינע סברות מכוח דעם מאַנסביל פון עטלעכע (ווי כ׳האָב שוין באַמערקט, נישט טיפּישע) אינדיווידועלע, צופעליק צונויפגעזאַמלטע איינדריקן, וועלכע ווייזן גיכער אָן אויף דעם יתרון פון ווייבלעכן געשלעכט, און נישט אויף דער גלייכהייט; מען דאַרף, ווי דאַרווין האָט דאָס פאָרגעשלאָגן, פאַרגלייכן

מיטאײנאַנדער די שפּיצן פון בײדע געשלעכטער. „װיבאַלד
מ׳זאָל צונױפשטעלן אַ רשימה פון די באַדײטנדיקסטע מענער
און פרויען אויפן געביט פון דער פּאָעזיע, מאָלערײ, סקולפּטור,
מוזיק, געשיכטע, נאַטורװיסנשאַפט און פילאָזאָפיע און פּאַרציי־
כענען אונטער יעדן קעגנשטאַנד אַ האַלבן טוץ נעמען, װאָלטן
די בײדע ליסטעס נישט געקאָנט אויסהאַלטן צװישן זיך דעם
פאַרגלײך”. װיבאַלד מ׳װעט נאָך נעמען אין אַכט, אַז די פּער־
זאָנען פון דער װײבלעכער ליסטע װאָלטן באַ גענויער באַטראַכ־
טונג װידער נאָר עדות געזאָגט אויף דער מ ע נ ל ע כ ק יי ט
פ ו ן ז ש ע נ י, דאַן מעג מען דערװאַרטן, אַז דער חשק פון
די פרויען־רעכטלערינס צונויפצושטעלן אַזאַ מין רשימה װעט נאָך
װערן פיל שװאַכער, אײדער ער איז ביזאַהער געװען.

דער אָפּגעריבענער פאָרװורף, װעלכן מען מאַכט געװײנ־
לעך, באַשטײט דערין, װאָס די היסטאָריע דערװײזט קײן זאַך
נישט, מחמת די באַװעגונג מוז ערשט שאַפן דעם באָדן פאַר אַן
אומגעצוימטער, פולער גײסטיקער אַנטװיקלונג פון דער פרוי.
דערדאָזיקער אײנװענד באַמערקט נישט, אַז עמאַנציפּירטע פרויען,
אַ פרויען־פראַגע און אַ פרויען־באַװעגונג האָבן עקזיסטירט אין
אַלע צײטן, הגם זײ זענען אַרויסגעטרעטן אין פאַרשידענע
עפּאָכעס מיט פאַרשידענער לעבהאַפטיקײט; ער טרײבט אומ־
געהויער איבער די שװעריקײטן, װעלכע זענען מצד די מענער
װען עס איז געמאכט געװאָרן די נאָך גײסטיקער בילדונג שטרעבנ־
דיקע פרויען, און װעלכע װערן כלומרשט גראָד איצט װידער
צוגעגרײט *); ער דערזעט נישט לסוף דאָס, אַז די פאָדערונג
פון עמאַנציפּאַציע הויבט אויך הײנט נישט אויף די אמתדיקע
פרוי, נאָר דאָס טוען על־פּי־רוב בלויז די מענלעכע פרויען,
װעלכע זענען שלעכט תּופס זײער אײגענע נאַטור און זעען
נישט אײן די מאָטיװן פון זײער האַנדלען, בעת זײ גלויבן צו
רעדן אין נאָמען פון דער פרוי.

װי יעדע אַנדערע באַװעגונג פון דער געשיכטע, אַזוי איז
אויך די פרויען־באַװעגונג געװען איבערצײגט, אַז זי איז ערשט־

*) ס׳זענען איבריקנס געװען פיל לחלוטין אומגעבילדעטע גרויסע
קינסטלער (בערנס, װאָלפראַם פאָן עשענבאַך), אָבער מ׳קאָן קײן אײן קינסטלערין
נישט פאַרגלײכ: מיט זײ.

מאָליק, ניי און נאָך ביז איצט נישט געוועזן; אירע פּאַרקעמ־
פּערינס האָבן געלערנט, אַז ביזאַהער האָט די פרוי געשמאַכט
אין פינצטערניש, געווען געפּענטעט אין קייטן, בשעת איצט הייבט
זי ערשט אָן צו באַגרייפן אירע נאַטירלעכע רעכט און זיי צו
פאָדערן. פּונקט ווי אין יעדער היסטאָרישער באַוועגונג, אַזוי
קאָן מען אויך דאָ אָפּזוכן אַלץ ווייטער און ווייטער צוריק די
אָנפאַנגען. די פרויען־פראַגע האָט עקזיסטירט אין אַלטערטום
ווי אויך אין מיטלעלטער. נישט בלויז אין ס אָ צ י אַ ל ע ר
באַציונג; שוין אין די לאַנג פאַרשוואונדענע צייטן האָבן פּראָ־
דוקטיווע פרויען גופא געשטרעבט צו גייסטיקער עמאַנציפּאַציע
דורך זייערע ווערק, און אַחוצדעם האָבן אַפּאָלאָגעטן פון ווייב־
לעכן מין, מאַנסלייט און פרויען, אונטערגעשטיצט זי מיט זייערע
טעאָרעטישע פאָרשונגען. און אַזוי איז גאַנץ טעותדיק דער
גלויבן, וואָס שרייבט צו דעם קאַמף פון די פעמיניסטינס אַזוי־
פיל התלהבות און פרישקייט, דער גלויבן, אַז ביז די לעצטע
יאָרן האָבן די פרויען נאָכנישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו
דער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון זייערע גייסטיקע מעג־
לעכקייטן. י אַ ק אָ ב ב ו ר ק ה אַ ר ד ט דערציילט וועגן דעם
רענעסאַנס: „דאָס רומפולסטע, וואָס מ'האָט דעמאָלט געקאָנט
זאָגן וועגן די איטאַליענערינס — איז געווען זייער מענלעכער
גייסט, מענלעך געמיט. ס'איז גענוג בלויז אַ קוק צו טון אויף
דער פולשטענדיק מענלעכער האַלטונג פון די מייסטן פרויען אין די
העראָישע פּאָעמעס, דערהויפּט בײַ באָיאַרדאָ און אַריאָסטאָ,
כּדי צו דערקענען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ באַשטימטן
אידעאַל. דער טיטל „וויראַגאָ", וועלכן אונזער יאָרהונדערט
האַלט פאַר אַ זייער צווייִדייטיקן קאָמפּלימענט, איז דעמאָלט
געווען העכסטער רום". אין XVI־טן יאָרהונדערט האָט מען די
פרויען געגעבן אַ פרייען צוטריט אויף דער בינע, ס'האָבן זיך
באַוויזן די ערשטע שוישפּילערינס. „צו יענער צייט האָט מען
די פרוי געהאַלטן פאַר פעיק צו דערגרייכן צוזאַמען מיטן
מאַנסביל די העכסטע שטופע פון בילדונג". דאָס איז די צייט,
ווען ס'האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן באַוויזן פּאַניגיריקעס לכּבוד
דעם ווייבלעכן געשלעכט, ווען ט אָ מ אַ ס מ אָ ר ו ס האָט
געפאָדערט פולשטענדיקע אויסגלייכונג פון די געשלעכטער, און

אגריפא פאָן נעטעסהיים שטעלט אַפילו די פּרויען העכער פאַר די מאַנסלייט. און דידאָזיקע אַלע גרויסע דערפאָלגן פון ווייבלעכן געשלעכט זענען שפּעטער אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, די גאַנצע עפּאָכע האָט פאַרזונקען אין פאַרגעסנהייט, פונוואַנען ערשט דער XIX-טער יאָרהונדערט האָט זי צוריק אַרויסגעצויגן.

שוין-זשע איז עס נישט זייער אויפפאַלנדיק, וואָס די שטרעבונגען צו פרויען-עמאַנציפּאַציע זענען אויס אויפצוטרעטן אין דער וועלט-געשיכטע אין באַשטימטע, זיך איבערחזרנדיקע גלייכע צייט-אָפּשטאַנדן?

אין X. יאָרהונדערט, אין XV. און XVI. און יעצט ווידער אין XIX און XX איז געווען פיל מער עמאַנציפּירטע פרויען און אַ שטאַרקערע פרויען-באַוועגונג, איידער אין די צווישנ-ליגנדיקע צייטן. ס׳וואָלט געווען פּריצייטיק, צו בויען דערויף וועלכע ס׳איז היפּאָטעזע, אָבער יעדנפאַלס דאַרף מען נעמען אין אַכט די מעגלעכקייט, אַז דאָ קומט פאָר אַ דערשיינונג פון אַ מעכטיקער פּעריאָדישקייט, אַדאַנק וועלכער עס קומט אויף דער וועלט אין געוויסע רעגלמעסיקע פּאַזעס מער הערמאפראָ-דיטישע, צווישנדיקע פאָרמען, איידער אין די אָפּשטאַנדן צווישן זיי. בײַ חיות האָט מען אין קרובישע פאַלן באַמערקט אַזעלכע פּעריאָדן.

לויט אונזער אָנשויונג דאַרפן דאָס זיין צייטן פון שוואַכערן גאָנאָכאָריזם; דערדאָזיקער פאַקט, וואָס אין געוויסע עפּאָכעס ווערן געבוירן מער מענלעכע פרויען, איידער אין די איבריקע, פאָדערט די השלמה פון דער אַנדער זייט, ד. ה. אַז אין די-דאָזיקע עפּאָכעס קומען אויף דער וועלט מער ווייבלעכע מאַנס-בילן. און דידאָזיקע הנחה באַשטעטיקט זיך טאַקע אויף אַן איבערראַשנדיקן אופן. דער גאַנצער „סעצעסיאָניסטישער גע-שמאַק”, וועלכער אָנערקענט די גרויסע, שלאַנקע פרויען מיט פלאַכע ברוסטן און שמאָלע היפטן דעם פּריז פון שיינקייט, לאָזט זיך אפשר דערקלערן מיט דערדאָזיקער דערשיינונג. די אומגעהויערע פאַרמערונג פון דער פראַנטישקייט און האָמאָסעק-סואַליזם אין די לעצטע יאָרן קאָן האָבן איר שורש בלויז אין דער גרעסערער ווייבלעכקייט פון אונזער תקופה. און נישט אָן טיפערע סיבות זוכט דער הײַנטצייטיקער עסטעטישער און סעק-

סועלער געשמאַק און אָנשפּאַר אין דעם סטיל פון די פּרעראַ־
פּאַעליטן.

וויבאַלד אין אָרגאַנישן לעבן קומען פאָר אַזעלכע פּער־יאָדן, וואָס זענען ענלעך צו די וואַקלענישן אין לעבן פון איינצלנעם אינדיווידן, אָבער וועלכע שפּרייטן זיך פונאַנדער אויף אַ גאַנצער ריי דורות, טאָ וואַרפט דאָס אַ ברייטער ליכט אויף געוויסע טונקעלע פּונקטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, איידער ס׳זענען דאָס פעיק געווען צו טון די פּרעטענציאָנעלע „געשיכטס־אויפפאַסונגען״, וועלכע האָבן זיך אַזוי פאַרמערט אין די לעצטע צייטן, אָדער איידער ס׳איז זיי א פּשיטא שוין אימ־שטאַנד צו דערקלערן די עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישע טעאָריע. ס׳איז בלתי־ספק, אַז פון די ביאָלאָגישע אונטערזוכונגען דאַרף מען דערוואַרטן אין דער צוקונפט אומגעהויער פיל רע־זולטאַטן אויך פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאָ איז בלויז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אָנצוווענדן זיי לגבי אונזער ענין.

וויבאַלד ס׳איז אמת, אַז אין געוויסע עפּאָכעס ווערן גע־בוירן מער, אין אַנדערע ווייניקער הערמאַפראָדיטן, וואָלט מען געדאַרפט דערפון אַרויסדרינגען, אַז די פרויען־באַוועגונג פאַר־שווינדט על־פּי־רוב פון זיך גופא און טרעט דערנאָך אין אַ לאַנגער צייט אַרום ווידער אויף, כדי צו פאַרזונקען און ווידער אויפצוטויכן אין אַ באַשטימטן טעמפּ אָן אַ סוף. מחמת די פרויען, וועלכע ווילן זיך אַליין עמאַנציפּירן, ווערן געבוירן אַמאָל אין אַ גרעסערער, אַמאָל אין אַ באַדייטנדיק קלענערער צאָל.

וועגן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וועלכע צווינגען אַפילו די סאַמע ווייבלעכסטע פרוי פון דעם מטופּלדיקן פּראָ־לעטאַריער צו גיין אין די פאַבריק אָדער אויף בוי־אַרבעט, קאָן דאָ נאַטירלעך קיין רייד נישט זיין. דער צוזאַמענהאַנג פון דער אינדוסטריעלער און האַנטווערקישער אַנטוויקלונג מיט דער פרויען־פראַגע איז פיל לויזער, ווי ער ווערט דערציקרשט מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער געוויינלעך פאָר־געשטעלט; און נאָך ווייניקער איז פאַראַן אַ סיבהדיקע שייכות צווישן די שטרעבונגען, וועלכע זענען געריכטעט אויף עקאָנאָ־

מישער קאָנקורענץ-פעיקייט מיט די שטרעבונגען צו גייסטיקער קאָנקורענץ. אין פראַנקרייך, למשל, הגם זי האָט אַרויסגעגעבן דריי פון די באַדייטנדיקסטע פרויען, האָט קיינמאָל די פרויען-באַוועגונג נישט געקאָנט רעכט שלאָגן קיין וואָרצלען, און פונדעסטוועגן זענען אין קיין שום אייראָפעיש לאַנד נישט פאַראַן אַזויפיל זעלבשטענדיק-געשעפטלעך טעטיקע פרויען, ווי גראָד דאָרטן. דעם קאַמף פאַר דער טעגלעכער חיונה דאַרף מען בכן שאַרף אָפטיילן פונם קאַמף פאַר אַ גייסטיקן לעבנס-אינהאַלט, אויף וויפל אַזעלכער ווערט איבערהויפט געפירט דורך אַ געוויסער גרופע פרויען.

דער פּראָגנאָז, וועלכער ווערט געשטעלט דער דאָזיקער באַוועגונג אויפן גייסטיקן געביט, איז נישט קיין דערפרייענדיקער; ער איז נאָך מער טרייסטלאָז, איידער די אויסזיכט, וועלכע מ'וואָלט איר געקאָנט מיטגעבן אויפן וועג, ווען מ'זאָל אין הסכם מיט אייניקע אויטאָרן מוזן אָננעמען, אַז די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן מין גייט כסדר צו דער בפירושער סעקסועלער דיפערענצירונג, ד. ה. צום פולשטענד'קן געשלעכטס-דימאָרפיזם.

די לעצטע מיינונג שיינט מיר צו זיין אומבאַגרינדעט צוליב דעם טעם, וואָס אין דעם חיות-קיניגרייך לאָזט זיך דורכויס נישט פעסטשטעלן קיין צוזאַמענהאַנג צווישן דער העכערער שטעלונג פון די אינדיווידן מיט דער שטייגנדיקער געשלעכטס-דיפערענצירונג. געוויסע געפירעען און ראָטאַטאָריען, פיל פייגל, און אַפילו צווישן די מאַלפּעס דער מאַנדריל ווייזן-אויף אַ פיל שטאַרקערן גאָנאָכאָריזם, איידער עס לאָזט זיך פון מאָרפאָלאָגישן שטאַנדפּונקט באַאָבאַכטן באַם מענטש. וויבאַלד די דאָזיקע הנחה זאָגט פאָר אַזאַ צייט, ווען ס'וועט אויף שטענדיק אויסגעלאָשן ווערן דאָס באַדערפעניש נאָך עמאַנציפּאַציע און ס'וועלן זיין בלויז פולשטענדיקע זכרים און פולשטענדיקע נקבות, דאַן פאַראורטיילט די טעאָריע פון פּעריאָדישן ווידערקער פון דער פרויען-באַוועגונג דאָס גאַנצע שטרעבן פון די פעמיניסטינס אויפן אכזריותדיקסטן אופן צו אַ שמערצלעכער אָנמעכטיקייט; זי שטעלט פאָר זייער גאַנצע טעטיקייט אין ליכט פון אַ

דאָנאַידן-אַרבעט, וועמעס רעזולטאַטן צערינען זיך מיט דער צייט ווידער פון זיך גופא אין דעמזעלביקן גאָרנישט.

דערדאָזיקער טרויעריקער גורל וואָלט געקאָנט אויספאַלן דער עמאַנציפּאַציע פון די פרויען, ווען זי זאָל אויך ווייטער בסדר זוכן אירע צילן נאָר אין ס אָ צ י אַ ל ן לעבן, אין דער היסטאָרישער צוקונפט פון דעם מ י ן, און אירע פיינט — נאָר אין די מאַנסבילן און אין די דורך מאַנסבילן געשאַפענע רעכט-לעכע אינסטיטוציעס. דאַן, פאַרשטייט זיך, וואָלט זיך געמוזט אויפסנייי פאָרמירן דער אַמאַזאָנען-קאָרפּוס, וועלכער וואָלט אגב קיין שום דויערהאַפטס נישט דעראָבערט, מחמת אין אַ געוויסן צייט-משך נאָך זיין פאָרמירן זיך וואָלט ער זיך ווידער אַליין אויפגעלייזט. די שפּורלאָזע פאַרשווינדונג פון דער פרויען-באַוועגונג פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז פאַר די פעמיניסטינס אַ גוטע לערע, די אמתדיקע באַפרייונג פון גייסט קאָן נישט ווערן דורכגעפירט אַפילו דורך אַ נאָך אַזוי גרויסער און נאָך אַזוי ווילדער אַרמעע; ס׳מוז פאַר דעם קעמפן יעדער אינדיווידפאַר זיך גופא. קעגן דעם, וואָס שטעלט אים אַ ווידערשטאַנד אין זיין אייגן געמיט. ד ע ר ג ר ע ס ט ע ר, ד ע ר א יי נ צ י ק ע ר ש ו נ א פ ו ן ד ע ר פ ר ו י ע ן-ע מ אַ נ צ י פּ אַ צ י ע א י ז ד י פ ר ו י.

דאָס צו באַווייזן, איז די אויפגאַבע פון דער צווייטער טייל.

## אינהאַלט פון ערשטער טייל


זייט

הקדמה פון מחבר – – – – – – – 5

אַרייַנפיר – – – – – – – – 15

וועגן באַגריפס-אַנטוויקלונג אין אַלגעמיין און אין באַזונדערן. מאַנסביל און פרוי. סתירות. בהדרגהדיקע איבערגענג. אַנאַטאָמיע און באַגאַבונג. גיט די מאָר-פאָלאָגיע אַ זיכער קריטעריום ?

קאַפּיטל I: „מאַנסבילן און פרויען" – 20

עמבריאָנאַלע אומדיפערענצירטקייט. רודימענטן באַם דערוואַקסענעם. שטופן פון „גאָנאָכאָריזם". פּרינציפּ פון די צווישנפאָרמען. מ און פ. באַווייזן. נויטווענדיקייט פון דער טיפּיזירונג. סך-הכל. עלטסטע אָנוגען

קאַפּיטל II: אַרענאָפּלאַזמע און טעליפּלאַזמע – 29

אָרט פון געשלעכט. פאַרטיידיקונג פון סטענסטרופּס מיינונג. סעקסועלע סימנים. אינערלעכע אויסטיילונג. אידיאָפּלאַזמע – ארענאָפּלאַזמע – טעליפּלאַזמע. וואַקלונגען. באַווייזן פון דערפּאָלגלאָזער קאַסטראַציע. טראַנספּלאַנטאַציע און טראַנספוזיע. אָרגאַנאָטעראַפּיע. אינדיווידועלע אונטערשידן צווישן די איינצלנע קעמערלעך. סבות פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען. מוח. יונגלעך-עודף פון געבורטן. געשלעכטס-באַשטימונג. פאַרגלייכנדיקע פּאַטאָלאָגיע.

קאַפּיטל III: געזעצן פון סעקסועלער צוציונג — 50

סעקסועלער „געשמאַק". וואַרשיינלעכקייט פון אַ גע־זעצמעסיקייט. ערשטע פאָרמעל. ערשטע אָנדייטונג. באַווייזן. העטעראָסטיליע. איר אויסטייטשונג. חיות־קיניגרייך. ווייטערדיקע געזעצן. צווייטע פאָרמעל. מאַטעמאַטישע ווירקונג? אַנאַלאָגיעס און דיפע־רענצן. „אָפּקלויב־קרובהשאַפטן". פאַרראַט און חתונה. פאָלגן פאַר דעם נאָכקומענדיקן דור.

קאַפּיטל IV: האָמאָסעקסואַליטעט און פעדעראַסטיע — 76

האָמאָסעקסועלע אַלס סעקסועלע צווישנפאָרמען. איינגעבוירן אָדער דערוואָרבן, געזונט אָדער דער־וואַרבן, געזונט אָדער קראַנקייט? ספּעציעלער פאַל פון דאָזיקן געזעץ. אַלע מענטשן מיט דער נטיה צו האָמאָסעקסואַליטעט. פריינטשאַפט און סעקסואַליטעט. חיות. פאָרשלאָג פון אַ טעראַפּיע. האָמאָסעקסואַליטעט, שטראָף־קאָדעקס און עטיק. האָמאָסעקסואַליטעט און פעדעראַסטיע.

קאַפּיטל V: כאַראַקטעראָלאָגיע און מאָרפאָלאָגיע — 88

דער פּרינציפּ פון סעקסועלע צווישנפאָרמען אַלס קאַרדינאַלער יסוד פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. סימולטאַניטעט אָדער פעריאָדישקייט? מעטאָד פון פּסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג. ביישפּילן. אינדיווידואַ־ליזירנדיקע דערציונג. גלייכמאַכעריי. מאָרפאָלאָגיש־כאַראַקטעראָלאָגישער פּאַראַלעליזם. די פיזיאָנאָמיק און דער פּרינציפּ פון דער פּסיכאָפיזיק. מעטאָדיק פון דער אונטערשידן־לערע. אַ נייע פראַגע־אויפ־שטעלונג. דעדוקטיווע מאָרפאָלאָגיע. קאָרעלאַציע און באַגריף פון פונקציע. פּערספּעקטיוון.

קאַפּיטל VI: די עמאַנציפּירטע פרויען — 106

פרויען-פראַגע. עמאַנציפּאַציע-באַדערפעניש און מענ-
לעכקייט. עמאַנציפּאַציע און האָמאָסעקסואַליטעט.
סעקסועלער געשמאַק פון עמאַנציפּירטע פרויען.
פיזיאָנאָמישע פּרטים וועגן זיי. פרויען-באַרימטקייטן.
פּ און די עמאַ:ציפּאַציע. פּראַקטישע כּללים. מענ-
לעכקייט פון יעטוועדן זשעני. די פרויען-באַוועגונג
אין דער געשיכטע. פעריאָדישקייט. ביאָלאָגיע און
געשיכטס-אויפפאַסונג. אויסזיכטן פון דער פרויען-
באַוועגונג. איר גרונט-טעות.

JEWISH CULTURAL

**ד"ר יעקב שאַצקי**

# ספּינאָזאַ און זייַ סביבה

353 זייטן. פּרייז —.9 גילדן

**אין** אומבאַשרייבלעכער צויבער איז פאַרקניפּט מיט דעם נאָמען ספּינאָזאַ; אַ מין גלאַנץ פון דערהויבנקייט און סודותדיקייט שטראַלט אַרויס פון זיין אומשטערבלעכער געשטאַלט. ער איז אַ חוץ סאָקראַטן אפשר דער איינציקער צווישן אַלע גרויסע פילאָזאָפן פאַר אים און נאָך אים אין דער הינזיכט, וואָס זיין פערזענלעכקייט איז נישט קלענער, איז נישט ווייניקער מסוגל צו דערשטוינען דעם באַטראַכטער און צו דורכדרינגען אים מיט דעם געפיל פון באַוואונדערונג און יראת־הכבוד ווי זיין פילאָזאָפישע שיטה.

**ד"ר** יעקב שאַצקיס בוך וועגן ספּינאָזאַ שטעלט זיך דעם ציל אַריינצופירן דעם יידישן לעזער אין דער גאַנצער סביבה אין וועלכער עס האָט געלעבט און געשאַפן, מיט וועלכער ס'איז געווען איינפן אינערלעכסטן אופן פאַר־בונדן דער דאָזיקער דענקער.

**מ**יט אַ וואַרימער האַרציקייט שילדערט דער מחבר די ערשטע קינדער־יאָרן פון ספּינאָזאַן אין זיין עלטערן־הויז, שפּעטער די לערניאָרן אין דער דאַמאָלט דייער באַרימטער אַמסטערדאַמער ישיבה "עץ חיים", ער שטעלט זיך אָפּ באריכות אויף דעם לעבנסשטייגער פון די ספרדישע יידן און אויף דעם גייסט, וואָס האָט ביי זיי געהערשט. פול מיט ליבע און באַוואונדערונג שילדערט דער מחבר זיין אַנטוויקלונגס־גאַנג, זיין לעבנס־שטייגער פאַר און נאָך דעם חרם, כאַראַקטעריזירט אויספירלעך זיינע פריינד, און פלייסט זיך איבערצוגעבן אַזוי געטריי ווי מעגלעך דעם היסטאָרישן קאָלאָריט פון יענער תקופה.

**ד**אָס בוך איז דאָס בעסטע, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן ספּינאָזאַן אויף יידיש און פאַרדינט די האַרציקסטע אָנערקענונג מצד אַלע פריינט פון דער נאָך אַזוי יונגער יידישער וויסנשאַפט.